STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04104

IBER UNZER KRAFT

Bjornstjerne Bjornson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איבער אונזער קראַפט

א דראמא אין צוויי טהיילען

— פון —

ביערנסטערנע ביערנסאן

ערשטער טהייל

אין צוויי אקטען

איבערזעצט פון ס. דאבריק.

פערלאג: מייזער עט קאמפאני,
422 GRAND STREET,
NEW YORK.

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

איינלייטונג

פון דר. ה. זאָלאַטאַראָוו.

ביערנסטערנע ביערנסאָן.

1.

„איבער אונזער קראַפט“ איז די דיכטערישע קרוין אין דער ליטעראַרישער טהעטיגקייט פון ביערנסטערנע ביערנסאָן. ווען ביערנסאָן וואָלט אין זיין גאַנצער לעבענס טהעטיגקייט מעהר גאָר ניט געווען געשאַפען ווי זיינע בעריהמטע בויערען־נאָוועלען, זיין לירישֿ־נאַציאָנאַלע פּאָעזיע און די גרויסע דראַמע „איבער אונזער קראַפט“, וואָלט ער אויך מיט רעכט געווען דער גרויסער דיכטער פון זיין פאָלק און וואָלט אויך מיט רעכט געקענט פאָדערן פאר זיך אַ ווינקעלע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אָבער ביערנסאָן האָט פיעל מעהר אויפגעטוהן און פיעל מעהר געשאַפען. זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט ציהט זיך איבער יאָהרען און יאָהרען, און אין דער ענטוויקעלונג פון דער ליטעראַטור פון זיין פאָלק, זיינען די בעזונדערע מאָמענטען פון זיין טהעטיגקייט ניט נור די צעוואָרפענע שיינענדע ליכט־טהורעמס פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און נאַציאָנאַלען געניוס, נור אויך — אין גאַנצען גענומען — זיינען זיינע שריפטען איינינע פון די שטיינער, אויף וועלכע עס הייבט זיך אויף אין דער הויך דער בנין פון דער גאַנצער נאָרוועגישער ליטעראַטור.

ביערנסאָן געהערט מיט הענריק איבסען — דעם גרעסטען פון נאָרוועגיע׳ס גייסטער — צו דעם עלטעסטען דור פון נאָרוועגישע דיכטער, צו די קלאַסיקער, וואָס האָבען די ערשטע געשאַפען אַן אונאָבהענגיגע נאַציאָנאַלע דיכטונג, אין דער לירישער פּאָעזיע, אין דער דראַמע און נאָוועלע. אָבער ווי גרויס און מעכטיג עס זאָל ניט זיין דער איינפלוס פון דעם איבסענישען גייסט אויף דער ענטוויקע־

לונג פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור, בלייבט דאָך ביערנסטערנע ביערנסאָן דער גרויסער, האַרציגער נאָרוועגישער דיכטער, וועלכער האָט אין דער ערשטער צייט פון זיין דיכטערישער טהעטיגקייט אפילו איבסענען געפיהרט אויף דעם וועג פון נאַציאָנאַלער דיכטונג.

ביערנסאָן איז דער שעפּפער, דער אורהייבער פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור און דער נאָרוועגישער שפּראַך, און ער איז, אין דער פריהעסטער צייט פון זיין דיכטונג, דער נאַציאָנאַלסטער דיכטער פון זיין פאָלק.

* * *

געבוירען געוואָרען איז ביערנסטערנע ביערנסאָן אין דעם יאָהר 1832 אין דער פאַמיליע פון א דאָרפס גלח, וואָס האָט אויך געשטאַמט פון איינפאַכע בויערען. די געגענד וואו די פאַמיליע האָט דעמאָלט געוואָהנט איז אַן אָרימע, א פערוואָרפענע, פון פראָסט און קעלט פערוויסטעטע בערגיגע געגענד. אָבער זי איז ניט לאַנג געוועזען דאָס וויגעלע פון דעם דיכטער׳ס גייסט. פאר פריה — שוין צו זעקס יאָהר פון זיין לעבען — איז די פאַמיליע ביערנסאָן איבערגעפאָהרען פון יענער געגענד און האָט זיך בעזעצט אין דער וואונדערליכער געגענד פון ראָמסדאַל. דאָ איז די נאַטור שעהן און פּרעכטיג, מאַיעסטעטיש גרויס; די בויערען זיינען רייך, זאַט און צופרידען; און פאר פריה האָט דער שטאַרקער קאָנטראַסט פון זיין געבורטס-ווינקעל צו דער געגענד, אין וועלכער ער האָט איצט געלעבט, געוועקט דעם דיכטער׳ס זעעלע. די וואונדערליכע נאַטור האָט געוועקט זיינע דיכטערישע כחות; די סביבה אַרום האָט איהם בעלעבט; און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס דאָס בויערשע לעבען, פון וועלכען דער דיכטער האָט געשעפּט זיינע ערשטע איינדרוקען — דער בויער, פון וועלכען זיין פאַמיליע האָט זיך דורך דורות און דורות געצויגען — זאָל האָבען איבערגעלאָזט גרויסע שפּורען אויף זיין קינסטלערישער זעעלע, און תמיד וועקען דאָס פאָלקסטהימליכע אין זיין גרויסען גייסט.

די אָרומיגע נאַטור און דאָס פאָלקסטהימליכע אין זיין זעעלע האָבען פאר פריה געעפענט די קוועלען פון דיכטונג אין דעם יונגען ביערנסאָן און ער האָט שוין דעמאָלט, שיינע, זיסע פאָלקס ליעדלעך געדיכטעט און געזונגען: די ליעדלעך זיינען געוועזן פול מיט ליעבע

צו דער היים, צו דעם לאַנד און צו דעם פאָלק, און דער בויער האָט זיי ליעב געהאַט און פלעגט זיי מיט דעם דיכטער זינגען אין פאָלקסטהימליכער התלהבות — זיי זיינען דעם פאָלק'ס נאַציאָנאַלע ליעדער געוואָרען:———

יאָ, מיר ליעבען — הארציג ליעבען,
נאָרוועגיע, דיין בארג און טהאָל!
איבער'ן ים פון שטורם געשלאָגען,
גיבען דיינע בערג און טהאָלען —
א היים פאר טויזענדער אין צאָהל...

איז געוואָרען דער נאַציאָנאַלער אויסדרוק פון דער פאָלקס זעעלע — און דער ליעבע פון דעם פאָלק צו זיין לאַנד.

* * *

די נאַטור האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם קינסטלער. וואָס רייכער זי איז, וואָס פערשיעדענאַרטיגער אין פאַרבען, קלאַנגען און בילדער זי איז, אַלץ רייכער איז די פאָרשטעלונגס־קראַפט פון דעם דיכטער; וואָס ווייכער, ווארימער און זאַנפטער עס איז די אומגעבונג זיינע, אַלץ זיסער און הארציגער איז די נשמה, בייגיגער און עלאַסטישער דער טאָן און דער סטיל פון דעם מייסטער. אין נאָרוועגיע האָט די נאַטור צוטיילט איהר מעכטיגע ווירקונג אויף איהרע צוויי גרויסע — ווי טאָג און נאַכט פערשיעדענע — דיכ־טער און זינגער: ביערנסאָן און איבסען.

די נאָרוועגישע נאַטור איז הארט, פראָסטיג, קאַלט; בערגיג בייז, אומעטיג און ברוגז־אָנגעבלאָזען. אָבער זי האָט איהר וואונ־דערבאַרע מיט־נאַכט זון; איהרע וואונדערליכע קאָליערען און פאַר־בען פון די שפּיעלענדיגע זונען־שטראַהלען איבער די שנעע־בערג; זי האָט איהרע שטילע, שפּיגעלדיגע וואַסערען אין די פיאָרדען, די געוואַלטיגע שטורם־ווינטען אויפ'ן ברעג און שנעע־אַוואַלאַנשען אין די בערג. און זי האָט מיט איהר מעכטיגער האַנט צעטיילט איהר ווירקונג אויף איהרע דיכטער. דאָס נאָרוועגישע פאָלק און די נאָרוועגישע ליטעראַטור האָט איהר בייזען, פראָסטיק־קאַלטען בייסענדיגען אָבער באַרג־גרויסען דיכטער און ריכטער איבער מענ־שען און לעבען, — איהר טיעפען, איינזאַמען גריבלער אין מענשען־און־וועלט־פּראָבלעמען — זי האָט איהר הענריק איבסען. אָבער

זי האָט אויך איהר וואַרעמען, האַרציגען, ווי די מיט־נאַכט זון גרויס און שיינענדיגען — פּרעכטיג ווי דער שטראַהלען־שפּיעל פון פאַרבען אויף די שנעע — האָט זי איהר דיכטער און קעמפּפער, וואָס האָט קאַמפּף און לעבען פאַר זיין פאָלק און פאַר אַלע מענשען פון דער וועלט געדיכטעט — זי האָט איהר גרויסע, ליכטיגע זינגער־פיגור — ביערנסטערנע ביערנסאָן. און ביערנסאָן האָט די נאַטור געקענט און האָט זי ליעב געהאַט.

נור וועניגע דיכטער האָבען אַזוי מייסטערהאַפט איהרע ביל־דער געמאָהלען, די בילדער פון דעם ים, פון די בערג, פון די זונען שטראַהלען, ווי ער. ביי זעהר וועניג דיכטער קומען די בילדער פון דער נאַטור אַרויס אַזוי גרויס, אַזוי מאַיעסטעטיש איינפאַך און מעכטיג ווי ביי ביערנסאָנען. אין זיין נשמה האָט זיך אָבגעשפּיע־געלט די נאָרוועגישע נאַטור — די מעכטיגע, די ווילדע — די מאַיעסטעטיש גרויסע!...

„דאָ ליעגט אין דער נאַטור אַליין פּערבאָרגען עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אין אונז אַרויס אויסערגעוועהנליכעס“, זאָגט קלאַרא צו איהר שוועסטער, אין „איבער אונזער קראַפט“ (ערשטער טייל, זייט 32) — „די נאַטור אַליין טרעט דאָ אַריבער אַלע געוועהנליכע גרענעצען. אַ גאַנצען ווינטער איז דאָ כמעט נאַכט. אַ גאַנצען זומ־מער — כמעט טאָג. די זון טרעט ניט אָב פון דעם האָריזאָנט אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. האָסטו שוין ווען געזעהען די זון ביי נאַכט? ווען זי איז איינגעהילט אין דעם נעבעל פון ים ווייזט זי זיך אוים דריי, — פיער מאָל אַזוי גרויס ווי געוועהנליך. היינט די פאַרבען וועלכע זי גיט דעם הימעל, דעם ים און די פעל־זען! פון דעם גליהענדען רויט, ביז צו דעם עדעלסטען, פיינסטען געלב און ווייס. — היינט די פאַרבען פון דעם צפון־ליכט אויף דעם ווינטער־הימעל!... וועניגער קלאַרע פאַרבען, אָבער אַזוי מילד געצייכענט, אַזוי פול פון אונרוה און שטענדיגע ענדערונגען. און דאַן די אַנדערע נאַטור־וואונדער! די מיליאָנען ים־פויגלען; די וואַנדערנדע פיש־מחנות, וואָס ציהען זיך מיילען־לאַנג! די משופּע־דיגע פעלזען וועלכע ערהויבען זיך גלייך פונ׳ם ים אַרויס! זיי זיינען ניט גלייך ווי אַנדערע בערג. די כוואַליעס פון דעם אַטלאַנטי־שען אָקעאַן שלאָגען אַרום זייערע פיס. די פאָרשטעלונגען פון די

היגע מענשען זיינען, ווי די ארומיגע נאטור, אָהן גרענעצען. זייערע לעגענדען און פאָלקס־זאגען קלינגען ווי מען וואָלט איין לאַנד אויף דאָס אנדערע אָנגעוואָרפען, און די אייזבערג פון נאָרד פאָל וואָלטען דאָ געקומען טאנצענדיג. דו לאַכסט! הער זיך אָבער צו צו זייערע לעגענדען!"

און דער דיכטער האָט זיך צוגעהערט צו זיין פאָלק. ער האָט די סאגאס פון זיין פאָלק געקענט און האָט דאָס לעבען פון זיין פאָלק פערשטאנען.

אונטער דער אונבעגרעניצטער גרויסקייט פון דער נאָרוועגישער נאטור; אונטער דער ווירקונג פון די אַלטע נאָרזישע סאגאס און דעם מיטעל־עלטערליכען עפּאָס פון זיין פאָלק, איז אויסגעוואקסען די יונגע, גייסטיגע פערזענליכקייט פון דעם דיכטער. און טאקי פון די סאגאס און דעם פאָלק'ס עפּאָס — די קוועלען פון פעלקערליכער טראדיציע — אָבער אויך פון דעם אַלטעגליכען לעבען פון דער שטילער, אונגעהובעלטער און אין זיך פארשלאָסענער פאָלקסמאסע, האָט ער, אין דער ערשטער צייט פון זיין דיכטערישער טהעטיגקייט, מייסטערהאפט געהאָלפען צו בעשאפען די נאציאָנאַלע ליטעראטור פון זיין פאָלק. ער האָט אָבער נאָך בירושה איבערגענומען פון זיינע אור־עלטערן אַן אנדער גייסטיגען שטריך. ער איז געבוירען געוואָרען מיט דער אונרוהיגער נשמה פון אַ קעמפּפער — פון אַ פיהרער פון מענשליכע בעוועגונגען. „האלב־זינגער — האלב קעמפּפער", איז ער געווען. און ווען אין 1856, בעת ער איז קוים 25 יאָהר אַלט געווען, איז, אין דעם צוג וואָס די סטודענטען האָבען געמאכט קיין אָפּסולא צו פעראייניגען אַלע סקאנדינאווישע שטאמען אין איין נאציאָנאַלען פערבאנד, פלוצלונג צוגעטרעטען צו איהם אַ יונג בעגייסטערט מיידעל, און אין דער התלהבות און בעגייסטערונג פון דער גאנצער מאסע, האָט זי איהם דערלאַנגט אַ לאָרבער קראַנץ — האָט ער זי אָנגעקוקט ערשטוינט און פערגאפט — ווי ער אַליין האָט עס מיט יאָהרען שפּעטער דערציילט. אָבער שוין דעמאָלט האָט ער דערפיהלט אַז ער דאַרף ווידמען זיין לעבען צו זינגען און דיכטען פאַר זיין פאָלק און קעמפּפען און פיהרען זיין פאָלק אויף דעם וועג פון מענשליכען פאָרטשריט. און דעמאָלט שוין האָט ער אָנגעהויבען אָבצוגעבען זיינע

בעסטע קרעפטען אויף דעם אויפבויען פון א נאציאָנאַל נאַרוועגיש טהעאטער, א נאציאָנאַלע ליטעראטור און א נאציאָנאַלע דראַמע. באַלד נאָך דעם צוג פון די סטודענטען נאָך אָפּסולאָ האָט ער, אָנ־געשריבען זיין איין־אקטער „צווישען די שלאַכטען" און שוין אין דעם זעלבען יאָהר זיינען ערשיענען זיינע ערשטע גרעסערע און קלענערע נאָוועלען פון דעם בויערן לעבען.

ביערנסאָן האָט געהאַט א בעזונדער מזל מיט זיינע ערשטע שריפטען. זיינע בויערן נאָוועלען — די גרעסערע, ווי „סינאָווע סאָלבאַקקען" און „אַרנע", און די קלענערע „דער פּאָטער", און „אָד־לער־נעסט", און איבערהויפּט דער איין־אַקטער „צווישען די שלאַכ־טען" — וועלכער ווערט בעטראַכט כמעט ווי די ערשטע נאַר־וועגישע דראַמע אין דער נאַרוועגישער שפּראַך — האָבען געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג און האָבען געבראַכט רוהם און עהרע דעם דיכטער. אין זיי אַלע האָט דעם דיכטער׳ס נשמה אָבגעשפּיגעלט דעם גייסט פון זיין פאָלק, און ער האָט מיט אזא טיעפער פערשטענד־ניס ארויסגעבראַכט דאָס אינערליכע שטרעבען פון יענער צייט, אז זיי האָבען ניט געקענט פערביי געהען אונבעמערקט און אונגע־שעצט. זיי האָבען געפונען חן אין די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק. די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון ביערנסאָנ׳ס גאַנצע ליטער־אַרישער טהעטיגקייט פון יענער צייט דריקען זיך אויס אין דעם, וואָס דער דיכטער פּאַסט אויף דאָס היינטיגע לעבען פון זיין פאָלק ווי די ירושה פון דעם פאָלקס אבות, ניט נור אין דעם לעבען און שטרעבען פון דיזע קעמפּפער פאַר העכערע אידעאַלען, נור אויך אין דעם לעבען און שטרעבען פון די פאָלקס־מאַסען, פון דעם איינ־פאַכען בויער. צי דער דיכטער נעהמט זיינע סוזשעטען פון דער מיי־טעל־עלטערליכער געשיכטע פון זיין פאָלק, צי פון דער אַלטער נאַר־זישער סאַגא, צי גאַר פון דעם רעעלען לעבען וואָס רינגעלט איהם ארום, — אימער ברענגט ער ארויס יענעם מעכטיגען נאַרוועגישען טיפּ — דעם טיפּ פון דעם קעמפּפער, דעם שטאַם־פיהרער, וואָס בעגעהרט נור גוטעס צו טוהן — און טוהט עס אויך, אפילו ווען דער קאַמפּף פאָדערט אָפּפער נאָך אָפּפער, און דער קעמפּפער אליין איז ניט ביכולת צו טויטען, מיט זיין אייגענער האַנד, א פליעג אויף דער וואַנט. ביערנסאָן קעהרט זיך אָפּט אום צו דעם מעכ־

טיגען טיף פון דעם נאָרוועגישען שטאָם־פיהרער און קעמפּפער, אין אַלע צייטען פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט. ער מאָהלט איהם נור פון פערשיעדענע זייטען. אזוי אויך מאָהלט ער פון פער־שיעדענע זייטען דעם בויערען טיף אין זיינע בויערען דערציילונ־גען. אָבער די בויערן־ערציילונגען ביי ביערענסאָנען זיינען אַ טהייל פון זיין אייגען לעבען. אין זיינע האַלב ראָמאַנטישע, האַלב רעאַליסטישע עפּאָס־דראַמען האָבען ביי איהם היס־טאָרישע אינצידענטען און היסטאָרישע פּערזאָנען אָפט אויסגעדריקט די אידעען און שטרעבונגען וואָס האָבען איהם אַליין בעזעעלט. אין די בויערען־דערציילונגען אָבער לעבט ער זיין אייגען לעבען. ער דערציילט און מאָהלט ניט נור דאָס וואָס ער האָט אַלס גוטער אָביעקטיווער בעאָבאַכטער בעמערקט און געזעהען, נור דאָס וואָס ער האָט אַליין אין דער בויערען־סביבה דורכגעלעבט. די בויערען אין ביערענסאָנ׳ס בויערען־דערציילונגען שטאַמען אויך אָב פון זייערע אבות פון דער סאַגאַ, און מאָהלען זיך אָב אין דעם אַלגעמיין גרויסען טיף פון אַ טיעף־פערשלאָסענעם, מעכטיגען נאַטור־רויהען מענשען. אין די צוויי גרויסע בויערען נאָוועלען — אין „סינאָווע סאָלבאַקקען“ און „ארנע“ — איז אייגענטליך אָט דער טיף פון זיינע צוויי הויפּט זייטען פאָרגעשטעלט.

„סינאווע סאָלבאקקען“ — זאָגט בראַנדעס — „איז די פּלאַסטישע האַרמאָניע אין די גרענעצען פון דעם נאָרוועגישען לעבען, און דער העלד טהאָרביאַרען איז דער טיף פון יענעם שטאַרקען איינגע׳עקשנ׳טען יונג, וועלכער קען נור רייף ווע־רען און קומען צו זיין פולער ענטוויקלונג אַלס מענש אונטער בע־רוהיגענדער און זאַנפטער ווירקונג. פערקעהרט „ארנע“ שטעלט פאָר די לירישע, לעבצענדע שטרעבונגען פון דעם פאָלק, יענעם אימ־פּולס אין דעם בלוט פון די וויקינגען (פון די שטאַם־קעניגע) ארום צו וואַנדערען, וואָס האָט זיך פערוואַנדעלט (אין דעם היינטיגען נאָרוועגער) אין דעם וואונש ארום צו רייזען, און דער העלד איז דאָ פון דעם טיף פון ערדלען, פאר׳חלום׳טען יונגען, וועלכער מוז זיך פריהער בעזעצען אויף אַן אָרט איידער ער קען ווערען אַ פולער ענטוויקעלטער מענש“. אָט דאָס איז דער נאָרוועגישער בויער

וואָס לעבט אין דער גרויער סביבה פון דער נאָרוועגישער נאַטור און אין דעם טיפען רעליגיעזן אבערגלויבען פון זיין פאָלקס־טימליכען קריסטענטום.

* * *

געוועהנליך צעטיילט מען ביערנסאָנ׳ס דיכטערישע טהעטיג־קייט אויף צוויי פערשיעדענע פעריאָדען, צווישען וועלכע ביערנ־סאָן איז אויף א היבשע צייט אין גאנצען אנשוויגען געוואָרען. אָבער געשוויגען האָט ער אין יענער צייט, ניט דערפאר ווייל זיי־נע דיכטערישע כחות האָבען זיך אויסגעשעפּט, ווי זיינע שונאים האָבען זיך פאָרגעשטעלט, נור ווייל עפּיס האָט זיך אין זיין טיעפס־טען אינערליכען „איך“ אומגעביטען. די פריהעריגע וועלט־אנ־שויאונג פון דעם דיכטער איז ענג געוואָרען, די נשמה האָט זיך אין דער ברייטער וועלט געריסען, און פיעל האָט ער אין דער צייט געלערענט און געלעזען. די פּראָגרעסיווע געדאנקען, די וויסענ־שאפטליכע ענטוויקעלונג, די סאָציאלע און די עטישע פּראָבלעמען וואָס האָבען אויפגערעגט די גייסטער אין די 60יגער און 70יגער יאָהרען פון דעם לעצטען יאָהר־הונדערט האָבען אויף דעם דיכטער אין נייע וועלטען געפיהרט. זיי האָבען אָבגעפרישט די קוועלען פון דיכטונג אין איהם און מיט פרישע נייע כחות איז ביערנסאָן ווידער ארויסגעטרעטען אין דער ליטעראטור צו ווירקען, שאפען און ענטוויקלען זיין פאָלק. און אויך איצט זיינען זיינע דיכטערי־שע אויפגאבען געשטאנען גאנץ קלאָהר פאר איהם. אויף די געבי־טען פון רעליגיעזער פרייהייט, פון סאָציאל־פּאָליטישען פאָרשריט און ריינער זיטליכקייט אין לעבען האָט ער ווייטער געדיכטעט און געווירקט. —

דערפאר טאקי איז די צוטיילונג פון זיין ליטעראַרישע טהע־טיגקייט ניט מעהר ווי א קינסטליכע, אפילו דאן ווען זיינע אר־בייטען פון דער ערשטער צייט פון זיין דיכטונג כאראקטעריזירען זיך דורך דער פאָלקסטימליכקייט פון זיינע בויערען־דערציילונגען און דעם עפּישען כאראקטער פון זיינע ערשטע דראמען, און די ארבייטען פון דער צווייטער צייט זיינען כאראקטעריזירט דורך די פּסיכישע און סאָציאלע פּראָבלעם־דראמען און נאָוועלען. ביז געוויסען גראד איז ריכטיג, אז די נייערע אנשויאונגען, די ריי־

פערע בעגריפען איבער דעם מאָדערנעם לעבען האָבען צוגענומען ביערענסאָנען פון דער אַלטער סאַגאַ און דער אַלטער נאָרוועגישער געשיכטע און האָבען איהם אריין געפיהרט אין דעם היינטיגען לעבען צו ווידמען זיינע גייסטיגע כחות די נייערע פּראָבלעמען פון דעם לעבען. אָבער ווען מען דרינגט טיעף אַריין אין דער גאַנצער ליטעראַרישער טהעטיגקייט פון ביערענסאָנען, געפינט מען די אָנהויב־פּעדים פון יענעם פּראָבלעם־דיכטונג פון דער שפּעטערדיגער צייט שוין אין זיינע ערשטע ארבייטען, און פערקעהרט, די כאַראַקטערציגע פון דער בויערישער פאָלקסטימליכקייט, דעם אַלטען סאַגאַ־סטיל פון דער ערשטער צייט, אויך אין די שפּעטערדיגע דיכטונגען. דאָס „נייע פערהייראַטעטע פּאָרעל“ און „אַ לעבענסרעטעניש“ רעכענען זיך פאַר אַרבייטען פון דער ערשטער צייט, און דאָך איז דאָס ערשטע אַ פּראָבלעם־דראַמאַ און דאָס צווייטע אַ טיעפער פסיכאָלאָגישער סטודיום. פערקעהרט ווידער ליעגט אויף דער ערשטער טהייל „איבער אונזער קראַפט“ אויסגעגאָסען יענער שטילער, אין זיך איינגעשלאָסענער חן פון דעם דאָרף און פון דער בויערישער סביבה וואָס מאַכט ביערענסאָנען אזוי ליריש גרויס און אַנגענעהם, בעת אין דער צווייטער טייל פון דעם זעלבען ווערק — געשריבען מיט יאָהרען און יאָהרען שפּעטער — רעגט זיך און בעוועגט זיך אין דעם קאַמפּף מיט די הערשער פון קאַפּיטאַל יענער אונערשרעקליכער קעמפּפער־טיפּ — דער טיפּ פון דעם מעכטיגען נאָרזישען וויקינג און שטאַם־פיהרער.

אין זיין לאַנגער דיכטערישער טהעטיגקייט לעבט ביערענסאָן איבער איין גרויסע, מעכטיגע ענטוויקעלונג, וועלכע פיהרט איהם דורך דאָס פאָלקסטהימליכע פון זיין פאָלק צו דעם אַלגעמיין מענשליכען, ווי ער אליין זאָגט דאָס, אין אַ שיינעם בריעף צו בראַנדעסען, לאַנג נאָך דעם, ווי די אנגערופענע צווייטע פעריאָדע פון זיין דיכטונג האָט אַריינגעטרעטען: —

— „דאָך, קיין זאַך אין דער וועלט קען מיך ניט אונטערקוויפען, כאָטש מען קען מיך גרינג אַראָבפיהרען פון וועג. דערפאַר בין איך פריי געוואָרען פון יענע קרייזען אזוי גיך ווי מיינע אויגען האָבען זיך געעפענט. מיין ערגסטער פיינד מעג אויסדריקען די וואַהרהייט — איך בין אַפילו שטאַרק און איינגעשפּאַרט — אָבער

אין דעם מאָמענט ווען איך דערקען דעם אמת, ציהט ער מיך צו זיך אָהן אָן אָבהאַלט. זאָגט מיר, איז דען ניט גרינג צו פערשטעהן אזא נאַטור... דענקט איהר ניט אַז דער נאָרוועגער זאָל אזא נאַטור פערשטעהען — איך בין אַ נאָרוועגער — איך בין מענש־ליך — יאָ, איך מעג איצט זאָגען: — איך בין מענש, ווייל עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס וואָרט רופט ארויס ביי אונז גאָר נייע געדאַנ־קען!..

2.

דאָס מענשליכע — דאָס אַלגעמיין־גרויסע איז געווען דאָס וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די וויטערע און ברייטערע דיכטערישע טהעטיגקייט פון ביערענסטערנע ביערענסאָן. פון דעם אַלגעמיין־געזעלשאַפטליכען לעבען ציהט ער אין דער עפּאָכע פון זיין טהעטיג־קייט זיינע סוזשעטען און טהעמאס. די נייע אידעען און אידע־אַלען און דעם שטרעבען צו בעסערע געזעלשאַפטליכע פאָרמען ציהען צו זיך צו די דיכטערישע נשמה. ער טרעט אַרויס מיט זיינע „בירגערליכע" דראַמען, ווי „דער באַנקראָט", „דער רע־דאַקטאָר" און שאַנעוועט ניט די היינטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדע־נונג. פון די אַכציגער יאָהרען אָן — אין דער צייט פון זיין ווייַ־טערדיגער ליטעראַרישער טהעטיגקייט — שטעלט זיך ביערענסאָן אָב אויף דער אָדער אויף יענער פּאָליטישער, סאָציאַלער אָדער עטי־שער פראַגע, און בעהאַנדעלט זי מיט דער ברייטקייט צו וועלכער זיין נאַרזישע נשמה איז געוואָהנט, ניט קוקענדיג אויף די פאָלגען. — און עס האָט טאַקי גאָר ניט ווייט געהאַלטען דערפון, אַז דער בע־ליעבטער דיכטער זאָל געהען אין געפענגניס פאַר זיין דראַמע „דער קעניג", וואו ער האָט מוטהיג בעהאַנדעלט דעם מערקווירדיגען סו־זשעט, אַז דאָס קעניגטהום האָט שוין אָבגעלעבט אין אונזער צייט. אָבער זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט בעגרענעצט זיך ניט מיט דראַמען אַליין. ער שרייבט אויך נאָוועלען, גרויסע און קליינע, אין וועלכע עטהישע פּראָבלעמען, גייסטיגע ירושה און די קינ־דער ערציהונג ווערען בעהאַנדעלט. אָבער יעדע פּראָבלעמע, צו וועלכער זיין קינסטלערישער גייסט ריהרט זיך צו, איז ניט אויסגע־דריקט אין דער פאָרמע פון מאָראַלע דרשות אָדער טענדענציעזע פּרעדיגען, נור עס איז דאָס גרויסע רעעלע לעבען וואָס האָט גע־

רעגט און בעוועגט אַ קינסטלערישע האַנט צו קינסטלערישע גע־מעהלדער און שילדערונגען.

און איבער דער גרויסער לעבענס־ארבייט פון דעם דיכטער, ציערט זיך אויס ווי אַ גילדערנע קרוין אויף זיין קאָפּ — מיט פינ־קלענדיגע רובינען און סאַפּירען אין בלישצענדיגע דיאַמאַנטען גע־פאַסט — דער ערשטער טהייל פון זיין גרויסער דראַמע : — „אי־בער אונזער קראַפט“.

„איבער אונזער קראַפט“ בעהאַנדעלט אַ וועלט־פּראָבלעמע.

אין אונזער גלויבען און שטרעבען צו דעם העכסטען — צום אידעאַל פון אונזער נשמה — אין דעם ברענענדיגען בעגעהר צו דערגרייכען דעם אידעאַל — איז דאָ עפּעס אזוינס וואָס מיר קענען ניט בייקומען!... עפּעס אַזוינס וואָס איז „אי־בער אונזער קראַפט“. דאָס איז דער טיעפער פילאָ־זאָפישער טהעזיס פון דער דראַמע. און בעאָבאַכטענדיג אָט דעם פאַקט אין דעם רעעלען לעבען, מערקט מען ווי, צוליעב דעם אונ־דערגרייכבאַרען, שפּילען זיך אָב אין לעבען אַ רייהע פון דראַמאַטי־שע קאָנפליקטען, וואָס נעמען אַרום דאָס טיעפסטע און דאָס אָנגע־וועהטיגסטע אין דעם פּסיכישען און סאָציאַלען לעבען פון מענשען.

ביערנסאָן האָט דעם דראַמאַטישען קאָנפליקט פאָרגעשטעלט נור אין צוויי ווינקעלעך פון דעם לעבען — און די צוויי טהיילען פון דער דראַמע „איבער אונזער קראַפט“.

דער ערשטער טהייל איז פערפאַסט געוואָרען מיט יאָהרען און יאָהרען פריהער פאַר דעם צווייטען טהייל ; אָבער איןביידע טהיילען ציהט זיך דער זעלביגער טיעפער אינהאַלט, אָבגעשפּילט נור אויף פאַרשיעדענע געביטען פון דעם לעבען. אין ביידע טהיי־לען טרעטען אַרויס די זעלביגע גייסטיגע קרעפטען פון די העלדען — זייער גרויסער שטרעבען צו דעם העכסטען, זעהר גרויסער גלוי־בען אין דעם אידעאַל, וואָס טרייבט זיי צו דער לעבענס טהעטיג־קייט וועלכע ברענגט זיי אין אַ קאָנפליקט מיט די אויסערע קרעפ־טען, וואָס הערשען און געוועלטיגען — מיט דעם עפּעס וואָס איז „איבער אונזער קראַפט“ און זיי מוזען פאַלען — די גרויסע קרבנות פון זייער גלויבען.

דער ערשטער טהייל שפּיעלט זיך אָב אויפ'ן געביט פון דעם ריינעם קריסטליכען גלויבען. דאָס קריסטענטום האָט אוועקגע־שטעלט דעם נס אַלס דעם העכסטען אויסדרוק פון געטליכקייט; און סאַנג, דער דאָרפּס־גלח, איז דער ריינסטער און בעסטער קריסט אין דער גאַנצער געגענד. ער איז אַ הייליגער. ער האָט צעטיילט זיין גאַנץ פערמעגען צווישען די אָרימע און נויט בעדירפטיגע, און האָט דורך זיין ריין, התלהבות'דיג געבעט שוין ניט איין מאָל נסים בעוויזען. דאָס פאָלק, דורכגעדרונגען מיט דעם אַלטען גלויבען, גלויבט אין איהם און גלויבט אין זיינע נסים. דאָרט האָט ער מיט זיין אויפריכטיג געבעט קראַנקע געזונד געמאַכט, דאָ האָט ער טויטע צו תחית המתים געבראַכט. — ווי אַזוי־זשע זאָל דאָס פאָלק ניט גלויבען אין דער הייליגקייט פון דעם הייליגען?

און דער גלח סאַנג האָט אַ ווייב, קלאַראַ — אַן איידעלע, אַ גרויסע נשמה. זי האָט געלעבט מיט איהם, געליטען און געליעבט איהם, און שטיל אין האַרצען בעוואונדערט זיין גרויסקייט און זיין הייליגקייט. ליעגט זי אָבער קראַנק שוין אַ היבשע צייט — זי איז פאַראַליזירט — און אָפט קען זי וואַכען לאַנג ניט שלאָפען. איהר, זיין געליעבטער פרוי, קען דער הייליגער דאָך ניט העלפען. זי גלויבט ניט ווי ער, און ער קען ניט אויפריכטיג בעטען מיט איהר — ער קען נור תפלה טהון מיט די גלויביגע — און נור די גלויביגע ווערען געהאָלפען!.. ער האָפט אָבער, אַז זייערע דערוואַקסענע קינדער — עליאַס און ראַחיל — וואָס זיינען געקומען אַ היים פון דער שטאָדט וואו זיי האָבען געלערענט, וועלען מיט איהם אַרומרינג־לען די קראַנקע מוטער מיט אַ קייט פון געבעט און דער נס וועט דאָך געשעהן.... זי וועט געזונט ווערען! אָבער די קינדער גע־הערען צו אַן אַנדער וועלט. אויך זיי האָבען דורך בילדונג און וויסען פאַרלוירען דעם פאָטער'ס גלויבען... זיי קענען ניט זיין פאַלש צו זיך — זיי קענען ניט בעטען מיט איהם... און ער דערשפּיהרט, אַז ער מוז אַליין תפלה טוהן... ער אַליין — אָה, וואָס פאַר אַ גרויסע, געוואַלטיגע גרויסע זאַך איהם שטעהט פאַר... בעטען ניט נור פאַר דעם קראַנקען קערפּער פון זיין פרוי, נור אויך פאַר דעם אירענדען גייסט פון זיינע קינדער — רעטען דאָס גלוי־בען — רעטען דאָס קריסטענטוהם!...

— ס א נ ג : גרויסער גאָט ! אָבער צי דען קען אָט די בענייהונג און פערווירקליכונג פון גאָטעס־רייך ניט זיין א וואר־הייט, ווען אפילו דאָס איז געווען דער טרוים פון די מענשען אין די מזרח לענדער מיט לאַנגע צייטען צוריק ! און אויב אפילו עס האָט געלאָזט אויף זיך ווארטען אזוי לאַנג, אז שוואכע גע־מיטער האָבען געוואגט עס אַנצורופען אַן אונמעגליכער טרוים, און די בעשטרעבונגען וואָס פיהרען צו איהם — אונמעגליכע אידעאַלען, — איז וואָס בעווייזט דאָס ? גאָרנישט בעווייזט עס אַנטקעגען דער לעהרע, אָבער אפשר א סך אַנטקעגען די לעהרער. יאָ, פיעלעס אַנטקעגען די פערשפרייטער פון דער לעהרע".
(זייטע 51.)

און דער גלח סאַנג איז מתפלל אין דער קירכע פאַר דעם גע־זונד פון זיין פרוי, פאַר די נשמות פון זיינע קינדער און פאַר דער רעטונג פון דעם ריינעם גלויבען. עס קלינגען די גלאָקען, און וואונ־דער איבער וואונדער !.. די קראַנקע שלאָפט איין — זי איז שוין חדשים ניט געשלאָפען... א צעווייקטער בארג וואַלגערט זיך אראָב פערביי דער קירכע און ריהרט זי דאָך ניט אָן !.. נסים געשעהען !..

סאַנג דער הייליגער טוהט תפלה, מענשען קלויבען זיך ארום מאַסענוויז. א פערזאַמלונג פון גלחים מיט דעם עפיסקאָפּ וואר־טען אין הויז. זיי ווילען שוין אויסטייטשען צו זייערע נוצען וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען ! — דאָס פאָלק, דאָס גלויביגע ווארט אין דרויסען, אָבער דער גלח בראַטט איז ניט ווי די אַנדערע גלחים — ניט אויסטייטשען וויל ער, גלויבען וויל ער, און גלויבען מיט דעם גאַנצען הארצען אז א נ ס ק ע ן געשעהען, אז ער מ ו ז און ו ו ע ט געשעהען דערפאַר וועיל : —

— ב ר א ט ט : ווייל אַלע מענשען נויטיגען זיך אין דעם, און וואָס מעהר א דור געהט אוועק, דעסטאָ שטאַרקער ! ווייל אזוי איז עס פערשפּראָכען געוואָרען. ווייל דאָ מוז עס געשעהן, אויב עס איז דאָ. (שטעלט זיך אויף די קניע). זיין גלויבען וועט עס דערגרייכען ! זיין גלויבען איז דער שטאַרקסטער אויף דער ערד ! און דער גלויבען פערמאָגט עס ! יאָ, ער פערמאָגט עס !
א ל ע : ער קען עס !

ב ר אַ ט ט: קען ער עס ניט, דאַן איז עס אינגאַנצען אונמעגליך. דאַן איז דאָס אַנדערע אויך ניט אמת. דאַן וואָלט אין דעם אַלעם געווען עטוואָס וואָס מען קען ניט דערלאַנגען; — דאַן איז דאָך דאָס עטוואָס וואָס איז איבער אונזער קראַפט —".

אָבער דער נס געשעהט ! די קראַנקע ערוואַכט, זי שטעהט אויף פון שלאָף — קרעפטען געזאַמעלט. — די גלעקער קלינגען — זי געהט... איהר מאַן קומט איהר אַנטקעגען... אַלע האָבען עס געזעהען... אָבער... אָבער... אַט זינקט זי, די קראַנקע, אויף איהר מאַנ'ס אָרעמס, זי פאַלט טויט... דער נס איז דאָך ניט געשעהען ! דער הייליגער פערשטייט עס ניט קלאָהר ער פילט אַז אינוועניג האָט זיך עפּיס אָבגעריסען — דאָס האָט דער הונדערטיאָהריגער גלויבען דעם יאָך ניט דערטראָגען — ער כאַפּט זיך ביים האַרצען מיט די ווערטער: —

ס אַ נ ג: וואָס איז דאָס? אָדער... אָדער...
און ער פאַלט טויט !

דער נס איז „איבער אונזער קראַפט"... וואָס פאַר אַ גראַנדיעז ביזלד דאָס איז — דאָס בילד פון מענשליכער איבערוויגדונג פון דעם וואָס האָט אַזוי לאַנג בעהערשט די זעעלע אין דער איינפאַכקייט און גאַנצקייט פון דעם נאַטור-מענשען. אָבער אין דער איבערווינדונג מוז דאָס אַלטע פערגעהען און דאָס נייע — דאָס יונגע מוז קומען, און דאָס בילד פון דעם פערגעהען איז דורך געזאַפט מיט יענער גרויסקייט און שיינקייט וועלכע בעצויבערט אונז. וואונדערליכע געדאַנקען און וואונדערליכע בילדער !
דער מייסטער האָט די הויך פון זיין טהורם דערגרייכט !..

* * *

ניט אַזוי קינסטלעריש גוט, איז דעם דיכטער געראָטען די צווייטע טהייל פון דער דראַמע. אין איהר זיינען די טהייל-נעמער די קינדער פון דעם פּאַסטאָר סאַנג — עליאַס און ראַחיל. אויך עליאַס, האָט זיין טיעפען, גרויסען גלויבען, ב י ר ו ש ה פון זיין טאַטען איבערגענומען, אָבער דער גלויבען איז ניט אין דעם גאָט פון די הימלען, נור אין דעם גליק פון דער מענשהייט. און די דראַמאַטישע קאָנפליקטען שפּיעלען זיך אָב אויף דעם געביט פון דעם

געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָ קעמפּפט ניט דער מענש מיט זיין אינערליכען גלויבען; דאָ לעכצט ניט די מענשליכע נשמה נאָך א נס — אַלמעכטיג צו מאַכען איהר גאָט... דאָ בעוועגען זיך ניט און פערגעהען ניט די שאָטענס אין דער נאַכט פון אַבערגלויבען, ווען אַ ליכטיגער פריהמאָרגען שטעהט אויף! דאָ, זעהט דער מענש דעם גרויסען אומגליק אין וועלכען די מענשען לעבען דאָרט אונטען אין טהאָל. ער זעהט די אָרימקייט און אונוויסענהייט פון די מאַסען וואָס האָרעוועט אזוי שווער און ליידען אזוי געדולדיג און ער זעהט די רייכטימער און דעם לוקסוס פון די וואָס לעבען דאָרט אויבען, הויך איבערען טהאָל! און... דער מענש איז דער זעלביגער גלויביגער — ער לעכצט נאָך אידעאַלען — און גאָט איז פערשוואונדען, מוז ער זיך אנאנדערען בעשאַפען... דער גלח בראַטט האָט זיין גלויבען און זיין גאָט פאַרלוירען, האָט ער זיך אַ נייעם בעשאַפען — דאָס גליק פון דער גאַנצער מענשהייט — דעם גן עדן אויף דער ערד... און ער גלויבט אין דעם. דעם גלויבען האָט ער אויך עליאָס'ן געגעבען. אָבער עליאָס איז די שטאַרקע, גרויסע זעעלע, וועלכע מוז אויסדריקען איהר גלויבען אין טהאַטען... ער וויל העלפען דער מענשהייט — ניט דעם מענשען וויל ער רעטען — און ער טרוימט אַז נור דעמאָלט וועט די מענשהייט גערעטעט ווערען, נור דעמאָלט וועט זי געהאָלפען ווערען, ווען מען וועט אַבראַמען פון דער וועלט אַלע הערשער און בעזיעגער פון דעם לעבען. און ער מיינט עס צו טוהן מיט איין מאָל — מיט איין געוואַלדיג גרויסער העלדען־טהאַט. ער, מיט זיינע חברים, רייסען אויף מיט דינאַמיט דעם אַלטען שלאָס וואו די רייכע — די הערשער פון דעם לעבען — האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען; ער שטאַרבט מיט זיינע קרבנות דעם גרויסען, געוואַגטען טויט פון אַ העלד און מאַרטירער... אָבער... אָבער... איז דער נס געשעהען?... האָט ער זיין ציעל דערגרייכט? ניין, דער נס איז ניט געשעהען — ס'איז „איבער אונזער קראַפט“...

אפשר... אָבער ווי גרויסאַרטיג עס זאָלען ניט זיין די בילדער — ווי ליריש־צאַרט עס זאָל ניט זיין דאָס שעהנע פרויען געשטאַלט פון עליאָס'ס שוועסטער ראַחיל — וועלכע ווידמעט איהרע קרעפטען צו פּפלעגען די קראַנקע און ערציהען די קינדער „גלוי־

בען" און „האָפענונג" פאַר צוקונפטס מענשען — געלינגט דאָך דעם דיכטער ניט אין דעם טהייל פון דער דראמע איבערצולאָזען אין דער נשמה דעם איינדרוק אַז אויך דער נס איז ניט געשעהן — ווייל ס'איז „איבער אונזער קראַפט". אין דער אַטמאָספערע פון דעם שטיק אַליין — אין דער דראַמע טראָגט זיך אַרום דער איינ־דרוק ניט פון „איבער אונזער קראַפט" נור, א י ב ע ר א ו נ ז ע ר צ י י ט. דער גלויבען אין דער גליקליכער צוקונפט פון דער מענש־הייט — דאָס שטרעבען צו איהר — דאָס דערגרייכען פון דעם גרויסען אידעאַל זיינען נור איבער אונזער צייט. און ניט נור די גרויסע איינדריקען פון די בילדער פון דער דראמע, ניט נור די מעכ־טיגע פיגור פון דעם העלד אליין — נור אויך דער דיכטער בעגייס־טערט אין דער נשמה דעם קאַמפף פאַר דעם אידעאַל ביז דעם לעצ־טען אטהעם־צוג.

* * *

יאָ, ווען ביערנסאָן וואָלט נור אָנגעשריבען די בויערען נאָ־וועלען, דאָס ביסעל לירישע פּאָעזיע און די גרויסע דראמע „איבער אונזער קראַפט", וואָלט ער אויך דעמאָלט מיט רעכט געווען דער גרויסער דיכטער פון זיין פאָלק!..

פערזאנען

אדאלף סאנג, א גלח.
קלארא, זיין פרוי.
ראחיל }
עליאס } זייערע קינדער.
האננא ראבערטס, (קלארא׳ס שוועסטער).
דעו׳ בישאף.
קרעיער, סאנג׳ס געהילף.
בראטט, (אונבעקאנטער).
אן אלמנה פון א גלח.
אגאטע פלארוואגען.
בלאנק }
ברעי. } גלחים פון דארף.
יענסען }
פאלק } גלחים פון שטאדט.
גלחים און אן עולם פון פאלק.

די האנדלונג קומט פאר אין הויז פון גלח סאנג, אויף דעם ברעג פון א פיארד אין צפון־נארוועגיען.

ערשטער אַקט

אַ צימער מיט הילצערנע ווענד, פּראָסט, אָבער זעהר אַנגענעהם מעבלירט. אין דער רעכטער וואַנד צוויי פענסטער, אין דער לינקער, אַ טהיר. אין פאָדערגרונד פון סצענע, עטוואָס רעכטס, כמעט אין דער זעלבער ליניע ווי די טהיר, שטעהט אַ בעט. נעבען בעט אַ קליין טישעל. אויפ'ן טישעל ליגען שפּריצערס, גלעזער אין אַן אונאָרדנונג. ניט וויט שטעהט אַ קליינע שאַפע, שטוהלען און אַנדערע זאַכען.

ע ר ש ט ע ר   א ו י פ ט ר י ט.

(אין בעט, צוגעדעקט מיט אַ ווייסען צודעק, ליעגט קלאַראַ סאַנג. ביי'ן פענסטער שטעהט איהר שוועסטער, האַננאַ ראָבערטס).

ה אַ נ נ אַ   ר אָ ב ע ר ט ס :   ווי שעהן די זון בעלייכט די בלעטער פון דער בעריאָזע! און ווי שעהן, ווי פריש די בלעטער זיינען דאָ!

ק ל אַ ר אַ :   און איצט קען מען שפּיהרען דעם ריח פון אַקאַציע!

ה אַ נ נ אַ :   אַקאַציע? איך זעה דאָ ניט —

ק ל אַ ר אַ :   פון דאַנען קענסטו ניט זעהן, אָבער דאָ וואַקסט אַקאַציע. די פריה־מאָרגען־לופט ברענגט איהר ריח אַהער.

ה אַ נ נ אַ :   איך הייב ניט אָן צו פיהלען.

ק ל אַ ר אַ :   אה, נאָך אַזאַ רעגען, פיהל איך דעם גרינגסטען גערוך.

ה אַ נ נ אַ :   און דו שפּיהרסטווירקליך דעם ריח פון אַקאַציע?

ק ל אַ ר אַ :   אַזוי דייטליך! — דאָך, איך בעט דיך, פערמאַך דאָס אונטערשטע פענסטער.

ה אַ נ נ אַ :   ווי דו ווילסט. (פערמאַכט דאָס פענסטער).

ק ל אַ ר אַ :   נו, ווער זשע איז דאָס געווען, וואָס האָט געזאָגט אַז מיר דארפען זיך ריכטען אויף אַ באַרג־שטורץ?

האַננאַ: דער אַלטער שיפער וואָס האָט אונז צוגעפיהרט אַהער. די גאַנצע צייט נור עס רעגענט. נו, האָט ער געזאָגט: „עס איז געפעהרליך. נאָך אַזאַ דויערענדען רעגען ווערען תמיד שפּאַלטען אין די בערג".

קלאַראַ: אַ גאַנצע נאַכט האָב איך פון קיין אַנדער זאַך ניט געטראַכט. עס פּאַסירט דאָ זעהר אָפט אַז די בערג שיטען זיך אַרונטער. איינמאָל, דאָס איז פאַרגעקומען נאָך איידער מיר זיינען דאָ געוועזן, האָט אַזאַ באַרג־שטורץ אַרונטערגעריסען די קירכע.

האַננאַ: די קירכע?

קלאַראַ: ניט די איצטיגע. פריהער איז זי געשטאַנען נעהנטער צום באַרג.

האַננאַ: דערפאַר אפשר, האָט מען איצט זי שוין געבויט אַזוי נאָהענט צום גאַרטען?

קלאַראַ: יאָ. זומער־צייט, ווען אין דער קירכע זיינען אויפגעעפענט די פענסטער, קען איך דייטליך הערען פון דאַנען, ווי אַדאָלף זינגט דאָרט ביים עמוד. דאָס הייסט, ווען די טהיער און די טהיער פון צווייטען צימער זענען אָפען; דאָס פענסטער מוז אויך זיין אָפען. ער זינגט אַזוי שיין! וויזן די טהירען זענען אָפען, זעה איך די קירכע פון דאַנען. קום נור אַהער! צוליעב דעם שטעהט טאַקי דאָ דאָס בעט.

האַננאַ: (געהט צו). אַך, קלאַראַ! אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר איז בעשערט דיך וויעדער צו זעהן!

קלאַראַ: האַננאַ!....

האַננאַ: פאַר וואָס האָסטו מיר ניט געשריבען?

קלאַראַ: ערשטענס, איז אַמעריקאַ אַזוי וויים. און צווייטענס, — אָבער לאָז דאָס איבער פאַר אַן אַנדערס מאָל.

האַננאַ: איך האָב עפּעס ניט פערשטאַנען דיין ענטפער וואָס דו האָסט מיר נעכטען געגעבען, ווען איך האָב דיך געפרעגט וועגען דאָקטאָר.

קלאַראַ: אַדאָלף איז דאָ דעמאָלט געוועזן, דערפאַר האָב איך דיר ניט געענטפערט. מיר האָבען מעהר ניט קיין דאָקטאָר.

ה אַ נ נ אַ : איהר האָט ניט קיין דאָקטאָר?

ק ל אַ ר אַ : דער דאָקטאָר איז לאַנג געגאַנגען צו אונז. — ער וואוינט זעהר ווייט פון דאַנען, — אָבער מיר איז קיין פער־בעסערונג פון דעם ניט געוואָרען. און ווען איך בין אָבגעלעגען אַ גאַנצען חודש אָהן שלאָף....

ה אַ נ נ אַ : אַ גאַנצען חודש אָהן שלאָף?... דאָס איז דאָך אונמעגליך!...

ק ל אַ ר אַ : באַלד וועט שוין זיין אַ האַלב יאָהר, פער־שטעהסט! און אַז דער דאָקטאָר וואָלט געגאַנגען, וואָלט אויך געוועזן דאָס זעלבע, אפשר ניט? מיין מאַן האָט איהם געפרעגט וואָס מיט מיר איז אייגענטליך, האָט ער איהם אָנגערופען עפּעס, ווייס איך, אַ שרעקליכע קראַנקהייט. אַדאָלף האָט מיר אפילו דעם נאָמען ניט געזאָגט, און איך ווייס עס טאַקי ביז היינט ניט. זייט דאַן האָבען מיר מעהר דעם דאָקטאָר ניט גערופען.

ה אַ נ נ אַ : איז ניט שעדליך פאר דיר וואָס דו רעדסט אַזוי פיעל?

ק ל אַ ר אַ : אָפט ליעג איך אָב גאַנצע טעג און רעד ניט אויס קיין וואָרט, נאָכדעם הייב איך אָן רעדען, כמעט אָהן אַן אויפהער, איך קען זיך ניט אָבהאַלטען. באַלד וועט אַדאָלף קומען פון זיין פריה־מאָרגען שפּאַציר, ער וועט מיר אודאי ברענגען בלומען.

ה אַ נ נ אַ : אפשר וואָלט איך פאר דיר אָנגעריסען עטליכע, אויב דו ליעבסט זיי אַזוי שטאַרק?

ק ל אַ ר אַ : ניין! עס איז פאַראַן צווישען זיי אַזעלכע, וועלכע איך קען ניט פערליידען, ער ווייס שוין וועלכע זיי זיינען. הער נור צו, האַננאַ, דו האָסט דאָך מיר נאָך גאָר ניט דערצעהלט ווי אַזוי דו האָסט זיך בעגעגענט מיט מיינע קינדער אויף דער שיף. איך בין אַזוי נייגעריג צו וויסען ווי דאָס איז פאָרגעקומען!

ה אַ נ נ אַ : נעכטען איז דאָ געוועזן אַזוי רעש׳דיג.

ק ל אַ ר אַ : און איהר זיינט אַלע געוועזן אַזוי מיעד. בע־

רעבען נור, די קינדער שלאָפען נאָך! פון זיעבען ביז זיעבען, אַט דאָס הייסט יוגענד!

ה א נ נ א : זיי דאַרפען זיך טאַקע אויסרוהען, פאַר מיר אָבער מאַכט ניט אויס ווען איך שלאָף נור א פּאָר שטונדען. דאַן פיהל איך שוין ניט מיעד.

ק ל א ר א : יא, אַזוי איז עס מיט יעדען, וואָס קומט אָן אהער ווען די זון זעהט זיך אין מיטען נאַכט. עס מאַכט איינעם אויפגערעגט. אָבער וואָס זאָגסטו צו די קינדער, זיי זיינען אַזוינע ליעבינקע, ניט אמת?

ה א נ נ א : און דערצו נאָך אַזוינע אונשולדיגע! זיי זיינען אָבער אין אַנבליק ניט גאַנץ עהנליך, ניט צו דיר, ניט צו סאַנג'ן, אויסער נור די אויגען. אָבער דאָס האָב איך ערשט שפּעטער בעמערקט.

ק ל א ר א : אַך, דערצעהל, דערצעהל!...

ה א נ נ א : ווען זיי וואָלטען אויסגעזעהען ווי איהר, וואָלט איך זיי באַלד דערקענט. אָבער איך האָב איך דאָך שוין אויך לאַנג ניט געזעהן, ווי איהר קענט זיך עראינערען. איך האָב זיי געזעהען ווען זיי זיינען אַרויף אויף דער שיף, און אויך נאָכדעם, כאָטש זיי זיינען געפאָהרען אין דער צווייטער קלאַסע.

ק ל א ר א : אָרעמע קינדערלאַך, אויף דער ערשטער קלאַסע האָבען זיי ניט גענוג געלד געהאַט!

ה א נ נ א : איך האָב זיי אין דער אמת'ן פון אָנהויב ניט דערקענט. נור איינמאָל א פריהמאָרגען, בין איך געשטאַנען אין דער קאַיוטע פון אויבען און האָב צוגעקוקט ווי זיי לויפען אַרום אונטען, אויפ'ן דעק — זיך צו דערוואַרעמען. יעדעס מאָל וואָס זיי האָבען זיך אָבגעקעהרט, האָב איך ניט געקענט פערגעסען זייערע אויגען. די אויגען זענען מיר פאָרגעקומען אַזוי בעקאַנט! פּלוצלונג האָבען זיך א פּאָאָר ים־פויגעל אַרונטערגעלאָזען אויפ'ן שיף, — אַזוי האַרט נעבען זיי, אַז ראַחיל האָט פאַר שרעק אויסגעשטרעקט איהרע הענד — די פויגעל האָבען כמעט געשריען איבער איהר קאָפּ; — און אָט די בעוועגונג איהרע מיט די הענד, איז

געוועזן אין גאַנצען עהנליך ווי דיינע. דאַן האָב איך שוין אויך די אויגען דערקענט. דאָס זענען דאָך סאַנג'ס אויגען!

קלארא: דו ביזט אודאי באַלד אַרונטער צו זיי?

האננא: דו פרעגסט נאָך! „הייסט איהר אפשר סאַנג?“ האָב איך זיי געפרעגט. קיין ענטפער האָט מען ניט געדאַרפט, איך האָב שוין אַליין פערשטאַנען. „איך בין אייער טאַנטע, האננא, פון אַמעריקא“, האָב איך געזאָגט.... מיר זיינען אַלע אַזוי געריהרט געוועזן!... (ביידע שוועסטער וויינען).

קלארא: ראַחיל האָט דיר געשריבען און געבעטען, דו זאָלסט קומען צו מיר, ניט אמת?

האננא: יאָ, איך וועל איהר דערפאַר אימער דאַנקבאַר זיין. ווי פיין דאָס איז געוועזן פון איהר זייט. איך האָב זיי דאַן באַלד אַרויפגענומען צו זיך אין דער ערשטער קלאַסע, ראַחיל'ן האָב איך איינגעוויקעלט אין אַ וואַרעמען שאַל, דען זי איז געוועזן דערפרוירען. איהם האָב איך געגעבען אַ וואַרעמען פּלעד.

קלארא: גוטע האננא!...

האננא: אָבער הער דאָך ווייטער. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויף דעם פּיאַרד אויפגעהויבען אַ שווערער, פינסטער־רער שטורם. מיר זיינען דאַן פערבייגעשוואומען אונטער אַ הויכען, נאַקעטען און גרויען פעלז. זעהר פיעל ים־פויגלען האָבען זיך אויפגעהויבען פון דעם באַרג, אייניגע פון זיי האָבען זיך אַרונטערגע־לאָזען, און געשריען כמעט איבער אונזערע קעפּ. עס איז געוועזן אַ שרעקליכע פרירענדע קעלט. נור אַ פּאָר אָרימע הייזלעך האָבען זיך געזעהען ביים ברעג — די איינציגע וואָס מיר האָבען בעגעגענט אויף אונזער לאַנגער רייזע — בלויז בערג און פעלזען!... אָט ווי עס קוקט אויס די צפון־לאַנד, האָב איך זיך געטראַכט. דאָ זענען זיי אויסגעוואַקסען, אָט די פערפרוירענע קינדער. יאָ, דאָס וועל איך קיינמאָל ניט פערגעסען. ווי שרעקליך!

קלארא: וואָס איז דען אין דעם שרעקליכעם?

האננא: קלאַרא! — אַך, ווי דו ליעגסט דאָ איצטער! —

קענסטו זיך עראינערען וואָס פאַר אַ לעבענסלוסטיגע דו ביזט אַ מאָל געווען? —

קלארא: יא, יאַ! איך וויים גאָר ניט פון וואנען אָנצו־הויבען, כדי דיר צו קענען אַלעס ערקלערען. אָה, גאָט מיינער!...

האננא: וואָרום האָסט דו מיר ניט געשריבען! מיר איז אזוי גוט געגאַנגען. איך האָב דיר גאַנץ גרינג געקענט העלפען און דיך אויסהיטען פון אָט דער מאַטערניש. וואָרום האָסטו מיר ניט געשריבען דעם אמת? דו האָסט די גאַנצע צייט פערבאָרגען דעם אמת פון מיר. ראחיל האָט מיר ערשט אַלעס געשריבען.

קלארא: יא, יאַ! — אזוי איז עס און עס האָט אויך אזוי געמוזט זיין.

האננא: פאַר וואָס עפּעס?

קלארא: ווייל ווען איך זאָל אייך געווען שרייבען פון אַלעס אזוי ווי עס איז געווען אין דער ווירקליכקייט, וואָלט איהר אַלע געקומען אהער צולויפען... איך וויל ניט קיין הילף... מיך קען מען ניט העלפען.

האננא: הייסט עס, דו האָסט געליגט?

קלארא: געוויס! די גאַנצע צייט האָב איך געליגט — אייך אַלעמען געליגט... האָב איך דען אַנדערש געקענט טהאָן?

האננא: איך הויב עס ניט אָן צו פערשטעהן! קיין האאר ניט!

קלארא: האננא, דו האָסט געזאָגט „מאַטערניש". האָסט געזאָגט אַז דו וואָלסט מיך גאַנץ גרינג געוועזן פערהיט פון דעם. האָסטו שוין געזעהען אַז אַן אויסגעמאַטערטער זאָל קענען בעטען אום הילף, אָדער זאָל נאָך האָבען קרעפטען צו שטעלען זיך אַנט־קעגען?

האננא: אָבער פריהער, איידער עס איז געקומען צו דעם?

קלארא: דו קענסט עס אָבער ניט פערשטעהן!

האננא: דאַן ערקלער מיר, אויב דו קענסט.

ק ל אַ ר אַ : ניין, אויף איינמאָל קען איך ניט. — אפשר ביסלעכווייז.

ה אַ נ נ אַ : נו, לאָמיר אָנהויבען; דו האָסט ניט געהאַט אין זיך זיין גלויבען? ווי זאָנדערבאַר דאָס קומט פאָר! איז דאָס געווען די אורזאַך?

ק ל אַ ר אַ : ניין.—עס איז אַ לאַנגע געשיכטע. אָבער ניט דאָס איז געווען די אורזאַך. מירביידע זיינען אַזוינע פערשיעדענע נאַטורען, — אָבער דאָס איז עס אויך ניט. וואָלט סאַנג געווען ווי אנדערע מענער, רעש'דיג, הערשזיכטיג, — וואָלט זיך נאָך אַלעס געוועזן איינגעאָרדנעט... אָבער פריהער, נאָך איידער מיר האָבען זיך אפילו געקענט, האָט ער שוין אַלע זיינע קרעפטען אוועקגעגעבען דער זאַך, אין וואָס ער האָט געגלויבט. און כחות האָט ער פערמאָגט, דאָס מעגסטו מיר גלויבען. ער איז געווען פול מיט ליעבע און זעלבסטאָפּפערונג. און ווי וואונדערשעהן זיין ליעבע איז געווען! דו ווייסט, ביז היינטיגען טאָג איז ביי אונז אין הויז נאָך קיין איינציג שלעכט וואָרט ניט געהערט געוואָרען, קיין איינציגע פּצענע ניט פּאָרגעקומען. בערעכען, און מיר זיינען דאָך שוין באַלד פינף־און־צוואַנציג יאָהר פערהייראַט. אַן אמת'ע יום־טוב־פרייד שיינט שטענדיג אויף איהם, דען ביי איהם איז דאָס גאַנצע יאָהר איין זונטאַג.

ה אַ נ נ אַ : גאָט, ווי שטאַרק דו ליעבסט איהם!

ק ל אַ ר אַ : איהם „ליעבען“ איז אַ צו־שוואַכער אויסדרוק. אָהן איהם עקזיסטיר איך ניט. און דו רעדסט פון קאַמפּף!... אמת, עס זיינען געווען צייטען, ווען עס איז ווירקליך געווען איבער די קרעפטען...

ה אַ נ נ אַ : וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגען?

ק ל אַ ר אַ : איך וועל עס דיר שפּעטער ערקלערען. אָבער ווער, זאָג מיר, וואָלט געקענט קעמפּפען אַנקעגען דער גוטסקייט זעלבסט, אַנקעגען זעלבסט־אויפאָפּפערונג, אַנקעגען דער הייליגער פרייד פון ליעבע צו מענשען? ווער וואָלט געוואַגט זיך אַקעגען צו

שטעלען, ווען זיין ריינער, קינדערשער גלויבען, זיין איבערנאטיר־ליכע קראפט רייסט אלעמען מיט־זיך?

האננא: איבערנאטירליכע, זאגסטו?

קלארא: האסטו דען דערפון גאר ניט געהערט? האבען דיר די קינדער גאר ניט דערצעהלט?

האננא: וואס?

קלארא: אז ווען סאנג טהוט תפילה פון טיעפען הארצען, ווערט זיין תפילה מקוים?

האננא: דו ווילסט זאגען אז ער קען שאפען נסים?

קלארא: יא!

האננא: סאנג?!

קלארא: האבען דיר דען די קינדער גאר ניט דערצעהלט וועגען דעם?

האננא: ניין.

קלארא: מערקווירדיג!

האננא: מיר האבען גאר ניט גערעדט וועגען אזוינע זאכען.

קלארא: דאן האבען זיי אויך ניט... אך, זיי האבען אודאי געדענקט אז דו ווייסט עס — דען סאנג איז דאך בעקאנט איבער'ן גאנצען לאנד אלס דער „בעל־מופת"! זיי האבען זיכער געמיינט אז דו ווייסט אלעס. אגב זיי זיינען דאך אזוינע בעשיי־דענע שטילע קינדער.

האננא: אבער האט ער געשאפען וואונדער? ווירקליכע וואונדער?

קלארא: האט ער גלייך ווי דו האסט איהם דערזעהן, ניט געמאכט אויף דיר דעם איינדרוק ווי פון עפעס איבערנאטיר־ליכעס?

האננא: פון זיך אליין וואלט מיר דאס ווארט אויפ'ן געדאנק ניט געקומען, נאר איצט, אז דו האסט עס ארויסגערעדט... ער מאכט טאקע א שטארקען — יא, ווי זאל איך עס אנרופען ? — א העכסט־גייסטיגען איינדרוק. יעדענפאלס, א גאנץ אייגענטימ־

ליכען איינדרוק... אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהערט צו אונזער וועלט.

ק ל אַ ר אַ : ניט אמת, אפשר?

ה אַ נ נ אַ : גאַנץ געווים.

ק ל אַ ר אַ : ווייסט דו אַז איך ליעג אָפט אין גאַנצען צוזאַמענגעקראַמפּפט, די פיס ביז צו דער ברוסט און די אָרימס צוגעצויגען — ניין, איך האָב דאָס מורא דיר צו ווייזען, וואָרים דער קראַמפּף קען לייכט ווידער אָנקומען — ליעג איך אָט אַזוי אָב, ווען ער איז אַ־ין דערהיים ניטאָ, גאַנצע טעג און קען די גליעדער ניט אויסגלייכען. ס'איז שרעקליך, מעגסט מיר גלויבען! — איינמאָל איז ער אַוועק אין די בערג — אָה, דיזע רייזען אין די בערג! — אַ גאַנצע וואָך בין איך אַזוי געלעגען. אַ גאַנצע וואָך! און ווי נור ער האָט זיך בעוויזען אין דער טהיר און מיר האָבען זיך דערזעהען, — אַזוי גלייך האָבען די מוסקולען פון מיינע הענד און פיס נאָכגעלאָזען און דער קראַמפּף האָט אויפגעהערט. ער איז צוגעקומען צו מיר, האָט איבערגעפירט מיט'ן האַנד, און איך בין צוריק געלעגען גלייך, פונקט ווי איצטער. און אַזוי איז עס תמיד, אַלעמאָל אַזוי. ער דאַרף נור אַריינקומען אין שטוב, און מיינע ליידען הערען אויף.

ה אַ נ נ אַ : זאָנדערבאַר!

ק ל אַ ר אַ : און וואָס וועסטו זאָגען דערצו, וואָס קראַנקע, ד. ה. קראַנקע וועלכע זיינען אמת'ע גלויביגע, — ניט איינמאָל איז עס פאָרגעקומען, נור הונרעדטע מאָל! — ווען ער איז געקומען צו זיי און תפילה געטוהן מיט זיי, זיינען זיי צוריק געזונד געוואָרען!

ה אַ נ נ אַ : זיי זיינען ווירקליך פריש און געזונד געוואָרען?

ק ל אַ ר אַ : פאָלשטענדיג געזונד. און וואָס וועסטו זאָגען ווען דו הערסט, אַז די קראַנקע צו וועלכע ער האָט ניט געקענט קומען, ווייל עס איז געווען אַ צו־ווייטער מהלך צו פאָהרען,— פלעגט ער שרייבען, דאָס אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שטונדע, וועט ער תפילה טהון פאַר זיי, און זיי זאָלען אין יענער צייט אויך תפילה טהון צוזאַמען מיט איהם, — און פון יענער שטונדע אָן פלעגט זייער קראַנקהייט אָננעהמען אַנאַנדער ווענדונג! דאָס איז דער ריינער אמת! איך ווייס פון אַ סך אַזוינע פעלען!

האננא: וואונדערבאר! און דו האסט מיר וועגען דעם קיינמאל ניט געשריבען!

קלארא: איך האב דאך אייך געקענט! און דענקסטו, איך וואלט איהם געקענט אונטערוואַרפען אונטער אייער צווייפעל?... עס איז דא פאראן אן אלמנה פון א געוועזענעם גלח — דו וואלסט זי געדאַרפט זעהן. זי וואוינט דא דערביי. זי איז איינע פון די לייטישסטע פרויען וואס מען קען וועו עס איז בענעגענען. גאנצע פופצעהן יאהר איז זי אבגעלעגען, א פאראליזירטע, איידער סאנג איז אהער אנגעקומען. און עס איז שוין א חשבון פון פינף־און־צוואַנציג יאהר, און זייט דאן האט זי נאך איין זונטאג ניט פער־פעהלט צו געהן אין קירכע, — און זי איז שוין א פרוי פון באלד הונדערט יאהר!

האננא: ער האט זי אויסגעהיילט?

קלארא: נור מיט זיין תפילה טהון, און ד'ערמיט, וואס זי האט אויף זיין בעפעהל תפילה געטהון. אבער מערקווירדיגער פון אלעס איז דאס, וואס איז פארגעקומען מיט אגאנצע פלאר־וואגען. מיט אונזערע אייגענע אויגען האבען מיר געזעהען ווי זי איז שוין געוועזען טויט. ער האט דאן גענומען איהר האנד אין זיין האנד אריין, זיין צווייטע האנד האט ער ארויפגעלעגט אויף איהר ברוסט, זי דערוואַרימט, און זי האט ווידער אנגעהויבען צו אטהעמען. זי וואוינט איצט צוזאמען מיט דער זעלבער אלמנה ניט ווייט פון דאנען. — איך וואלט אזוי ביז מארגען דיר געקענט דערציילען און דערציילען אהן אויפהער. זיין נאמען איז בע־ריהמט דא און איבער'ן גאנצען לאנד, און זיין שם ווערט אזוי שטארק פערשפרייט אלץ ווייטער און ווייטער, אז מען גיט אונז טעגליך קיין רוה ניט.

האננא: הייסט עס, אין דער צייט וואס איך וועל דא זיין, וועל איך אלעס וואס דו האסט מיר נור וואס דערצעהלט, קענען זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען?

קלארא: אזוי זיכער ווי איך ליעג דא און האב קיין כח ניט זיך אויפצוהויבען אויף מיינע עלענבויגען.

ה אַ נ נ אַ : פאַר וואָס זשע קען זיין וואונדער־קראַפט אויך דיר ניט העלפען? קלאַרא, פאַר וואָס האָט ער ביז איצט דיר אַליין ניט אויסגעהיילט?

ק ל אַ ר אַ : עס איז פאַראַן אַ געוויסע אורזאַך...

ה אַ נ נ אַ : דו וועסט עס מיר אויסזאָגען?

ק ל אַ ר אַ : ניין. — איך האָב געוואָלט זאָגען יאָ... אָבער שפּעטער... עפען דאָס פענסטער, דאָ ווערט שרעקליך שטיקענד. מעהר לופט, איך בעט דיך!

ה אַ נ נ אַ : גוט.

(עפענט די אויבערשטע העלפט פון פענסטער.)

ק ל אַ ר אַ : אָט וועט ער שוין באַלד קומען. עפּעס זאַמט ער זיך היינט זעהר לאַנג. איך זאָל כאָטש קענען אַן אטהעם טוהן דעם ריח פון בלומען! נאָך'ן רעגען מוזען אויפבליהען אַ סך בלומען. באַלד וועט שוין זיין זיעבען אַ זייגער, עס איז כמעט זיעבען?

ה אַ נ נ אַ : (קוקט אויף איהר זייגערעל.) יאָ, באַלד זיעבען.

ק ל אַ ר אַ : פון דעמאָלט אָן וואָס איך בין דאָ געבליבען ליעגען, ווייס איך כמעט תמיד וויפיעל דער זייגער איז. — עס קומט אָבער פאָרט קיין לופט ניט צו צו מיר. ניט אמת, דער ווינט איז אַביסעל שטילער געוואָרען?... דו ענטפערסט מיר גאָר ניט?

ה אַ נ נ אַ : ניין, איך האָב ניט אויסגעהערט וואָס דו האָסט געזאָגט. איך קען נאָך אַליץ צו זיך ניט קומען פון ערשטוינונג.

ק ל אַ ר אַ : יאָ, עס איז טאַקע דאָס מערקווירדיגסטע אין אונזער לאַנד און אפשר פון אונזער גאַנצער צייט.

ה אַ נ נ אַ : און וואָס זאָגען די מענשען עפּעס וועגען דעם? וואָס זאָגט דער עולם דערצו?

ק ל אַ ר אַ : איך גלויב אַז ערגעץ אַנדערשוואו וואָלט עס צעהן מאָל, יאָ הונדערט מאָל אַ שטאַרקערען רושם געמאַכט ווי דאָ. דאָ קוקט מען אויף דעם פּונקט ווי עס וואָלט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין!

ה אַ נ נ אַ : אָבער קלאַרא, דאָס זענען דאָך נסים!

ק ל אַ ר אַ : יאָ, פאַר אונז. דאָ אָבער ליעגט אין דער נאַטור

אליין פערבארגען עפּעס אזוינס, וואָס רופט אין אונז ארוים אויסער־געוועהנליכעס. די נאטור אליין טרעט דאָ אריבער אלע געוועהנליכע גרענעצען. א גאַנצען ווינטער איז דאָ כמעט נאַכט. א גאַנצען זומ־מער — כמעט טאָג. די זונן טרעט ניט אָב פון דעם האָריזאָנט א גאַנצען טאָג און א גאַנצע נאַכט. האָסטו שוין ווען געזעהען די זונן ביי נאַכט?! ווען זי איז איינגעהילט אין דעם נעבעל פון ים ווייזט זי זיך אוים דריי, — פיער מאָל אזוי גרוים ווי געוועהנליך. היינט די פאַרבען וועלכע זי גיט דעם הימעל, דעם ים און די פעלזען! פון דעם גליהענדען רויט, ביז צו דעם עדעלסטען, פיינס־טען געלב און וויים. — היינט די פאַרבען פון דעם צפון־ליכט אויף דעם ווינטער־הימעל!.. ווענינער קלאָרע פאַרבען, אָבער אזוי מילד געצייכענט, אזוי פול פון אונרוה און שטענדיגע ענדערונגען. און דאַן די אנדערע נאַטור־וואונדער! די מיליאָנען ים־פויגלען; די וואַנדערנדע פיש־מחנות, וואָס ציהען זיך מיילען־לאַנג! די משופּע׳דיגע פעלזען וועלכע ערהויבען זיך גלייך פון׳ם ים ארוים! זיי זיינען ניט גלייך ווי אנדערע בערג. די כוואַליעס פון דעם אטלאַנטישען אָקעאַן שלאָגען ארום זייערע פיס. די פאָרשטע־לונגען פון די היגע מענשען זיינען, ווי די ארומיגע נאַטור, אָהן גרענעצען. זייערע לעגענדען און פאָלקס־זאַגען קלינגען ווי מען וואָלט איין לאַנד אויף דאָס אנדערע אָנגעוואָרפען, און די אייזבערג פון נאָרד פאָל וואָלטען דאָ געקומען טאַנצענדיג. דו לאַכסט! הער זיך אָבער צו צו זייערע לעגענדען! רעד זיך אַמאָל דורך מיט די מענשען, און דו וועסט אליין פערשטעהן אז דער גלח אדאָלף סאַנג איז צוגעמאָסטען פאר זיי! זייער גלויבען פּאַסט זיך דערצו. ער האָט געבראַכט אָהער אַ פערמעגען, און האָט אַלעס צוטהיילט. דאָס איז רעכט, אזוי האָט געפאָדערט זייער קריסטענטום. און ווען ער געהט מיילענווייט צו אַן אָרעמען חולה כדי תפילה צו טהון פאַר איהם, דאַן גיסען זיך זייערע הערצער צוזאַמען אין איין גע־פיהל, און א מין זעליגקייט קומט אָן אויף זיי. אָפטמאָל זעהען זיי איהם אין דעם גרויסען שטורם שווימען איבער׳ן ים איינער אליין אין א קליין שיפעל; אמאָל מיט איינעם פון די קינדער, און אמאָל

מיטביידע; דען ער נעהמט זיי מיט זינט זיי זיינען געוואָרען זעקס יאָהר אַלט. ער בעווייזט אַ מופת, און געהט ווייטער צו אַנאַנדער פישער־הייזעל, און דאָרט ווידער דאָס אייגענע. זיי ערוואַרטען דאָס פון איהם. און נאָך מעהר! ווען איך זאָל איהם ניט געווען אָבהאַלטען, וואָלטען מיר יעצט ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, ניט ער און ניט די קינדער — פון מיר אַליין איז דאָך אָבגערעדט, איך קום אימער צום ענד.

האַננאַ: דו האָסט דאָך איהם אָבער ניט צוריקגעהאַלטען! — —

קלאַראַ: עס ווייזט זיך נור אויס אַזוי. אין אמת'ן געֿרעדט, האָב איך איהם יאָ צוריקגעהאַלטען. ניט מיט רעד, דאָס האָט ניט געהאָלפען. איך האָב שטענדיג געמוזט עפּעס נייעס אויס־טראַכטען... אז ניט וואָלט ער עס געווען בעמערקט; אָך, מען קען אַזוי משוגע ווערען!

האַננאַ: עפּעס אויסטראַכטען, זאָגסט דו?

קלאַראַ: ער האָט ניט דעם מינדעסטען בעגריף פון דער ווירקליכקייט... ער זעהט קיין זאַך ניט אויסער דאָס וואָס ער וויל זעהן. און דערפאַר זעהט ער אויך ניט קיין שלעכטס אין אַ מענ־שען. ד. ה. ער זעהט עס יאָ, אָבער עס אהרט איהם ניט. „איך קלייב אויס דאָס גוטע וואָס איז פאַראַן אין איהם", זאָגט ער. און ווען ער רעדט צו זיי זיינען זיי אַלע גוטע, אַלע אָהן אויסנאַהמע. ווען ער קוקט אויף זיי מיט זיינע קינדערשע אויגען, — קענען זיי דען אַנדערש זיין? אָבער נאָך אַלעמען, קומט ניט אימער ארויס דאָס בעסטע דערפון. ער רואינירט אונז צוליעב די דאָזיגע מענשען. אָט אַזוי, קענסט זיך שוין פאָרשטעלען, געהט ער אַריבער אַלע גרע־נעצען, אי אין גרויסע אי אין קליינע זאַכען. מען קען איהם גאָר ניט איבערמאַכען. פון זיינעט וועגען וואָלט ער אַלעס וואָס מיר פערמאָגען פערנומען און עס צוטהיילט, דאָס נויטיגסטע אפילו פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג: „גאָט וועט שוין זאָרגען פאַר אונז, ווייל אַזוי הייסט עס אונז טהון", זאָגט ער. און ווען אויפ'ן ים הערשט דער שרעקליכסטער שטורם, ווען די פעהיגסטע שיף־

פאַהרער וואַגען ניט אפילו אין אַ גרויסער שיף זיך לאָזען אויף אַ רייזע, דאַן איז ער פערטיג זיך אַוועקצולאָזען אין אַ קליין שיפעל מיט אַ קינד ביים רודער! ער איז אין אַ טומאַן געגאַנגען איבער די בערג און דריי טעג ארומגעבלאָנדזשעט אָהן עסען און טרינקען. ביז מען האָט איהם אויפגעזוכט און געבראַכט צוריק צו מענשען. אָבער גלייך די נעכסטע וואָך, האָט ער שוין ווידער געוואָלט מאַכען די זעלבע רייזע; ווייל אַ קראַנקער האָט אויף איהם געוואַרט!

האַננאַ: און ער קען דאָס אַלעס אריבערטראָגען?

קלאַראַ: ער וועט אַלעס אריבערטראָגען. ער ווערט אַנשלאָפען ווי אַ קינד, און שלאָפט און שלאָפט! נאָכדעם כאַפט ער זיך אויף, עסט עפּעס און נעמט זיך צוריק צום פריהערדיגען. ער רעכענט זיך פאַר קיין פאַל ניט מיט דער ווירקליכקייט, ווייל ער איז פאָלקאָם אונשולדיג.

האַננאַ: אָה, ווי שטאַרק דו ליעבסט איהם!

קלאַראַ: יאָ, נור דאָס איז נאָך אין מיר געבליבען. אָבער דאָס וואָס איך האָב געמוזט אויסשטעהן צוליעב די קינדער, דאָס האָט פון מיר אַ תל געמאַכט.

האַננאַ: צוליעב די קינדער?

קלאַראַ: זיי האָבען געליטען פון דעם סאָרט לעבען: קיין רעגעלמעסיגקייט, קיין בעשטימטקייט; אַן אייביגער אונרוהע! ניטאָ קיין אָבזאָגען, קיין אָבלעגען אויף שפּעטער, ווען אַ זאַך איז געוועזען אָנגענומען פאַר ריכטיג. קיין איבערלעגונג, בלויז בעגייסטערונג. זיי זיינען אויסגעוואַקסען און האָבען קוים געקענט לעזען אָדער שרייבען. וואָס פאַר אַ ביטערען קאַמפף האָב איך געמוזט מיטמאַכען, אום זיי פון דאַנען אַוועקצושיקען! און די פינף יאָהר פון זאָרג און דאַגות זיי זאָלען קענען לעבען און זיך לערנען אין דער פרעמד! דאָס האָט צוגענומען מיינע לעצטע קרעפטען! נו, איצטער איז שוין אַלעס פאַראיבער.

האַננאַ: ליעבע, ליעבע קלאַראַ!

קלאַראַ: דו מיינסט דאָך ניט... דו ווייסט דאָך ניט נעהמען מיך בעדויערען, — מיך, וועלכע האָט מיטגעמאַכט די ריי־

זע מיט דעם בעסטען מענשען פון דער וועלט, מיט דעם עהרליכסטען פון אלע מענשען ?! געוויס, לעבט מען אויף אזא ארט אביסעל וועניגער, אלעם אויף איין מאל קען מען ניט האבען. איבערבייטען עס אויף עטוואס אנדערש?... ווי קענסטו עס גאר דענקען ?

ה א נ נ א : ער האט אלזא איך אלעמען צו גרונד געפיהרט ?

ק ל א ר א : יא, ער האט עס געטהון. דאס איז אמת ! דאס הייסט, ניט א ל ע מ ע ן, וויל אויף אזוי פיעל האט מען איהם ניט דערלאזען. זיך אליין וואלט ער אויך רואינירט, ווען מען וואלט איהם געלאזען. איבערמעכטיג איז ער ניט.

א נ נ א : ער איז ניט איבערמעכטיג ? ווען ער טהוט אויף אזוינע וואונדער און בלייבט אונבעשעדיגט ?

ק ל א ר א : ווייזט זיך דיר ניט אוים, אז די וואונדער קומען אויך דערפון, וואס ער איז ניט איבערמעכטיג ?

ה א נ נ א : דו שרעקסט מיך איבער. וואס ווילסטו דערמיט זאגען ?

קל א ר א : איך וויל זאגען, אז דאס אייגענע איז פארגעקומען ביי אלע נביאים, — ביי די אידישע ווי ביי די היידנישע. זיי האבען מעהר פאר אונז געקענט אויפטהון אין איין געוויסער ריכטונג, וויל עס האט זיי אזוי פיעל געפעהלט אין אלע אנדערע ריכטונגען. יא, אזוי האב איך מיר זיך געטראכט.

ה א נ נ א : צי דען אבער ג ל ו י ב ס ט ו ניט ?

ק ל א ר א : גלויבען? וואס פערשטעהסטו אונטער דעם ווארט ? מיר שטאמען ביידע אב פון אן אלטען נערוועזען דור פון צווייפלער, — איך מעג זאגען פון א אינטעליגענטען דור. איך האב בעוואונדערט סאנג'ן, וויל ער איז ניט געווען ווי אלע אנדערע, ער איז געווען בעסער פאר זיי אלעמען. איך האב איהם בעוואונדערט און זיך פערליעבט אין איהם. ניט זיין גלויבען האט מיך צוגעצויגען צו איהם, נור זיין אייגענטימליכקייט, עפעס וואס געפינט זיך נור אין איהם אליין. אויף ווי ווייט מיין גלויבען געהט צוזאמען מיט זיינעם — דאס וויים איך אליין ניט.

ה א נ נ א : דו ווייסט עס ניט?

ק ל א ר א : איך בין אימער געווען אזוי אויסגעמאטערט, אז איך האב קיינמאל קיין צייט ניט געהאט זיך דאס קלאר צו מאכען. דערצו האט מען גערארפט האבען צייט, און איך האב גע־נוג געהאט צו טהון מיט די טעגליכע דאגות. דאס אלעס האט מיך צו־פריה געבראכען. דיזע גרויסע בראגען זיינען ניט געווען פאר מיינע כחות. איך האב קוים געקענט זיך קלאר מאכען וואס גוט איז און וואס שלעכט. אין אלגעמיינע זאכען — איז נאך ווי עס איז; אבער אין די ערדלערע פונקטען?... איך טהו וואס איך קען. און אזוי האלט עס אויך מיט מיין גלויבען. אויף מעהר האב איך קיין כח ניט.

ה א נ נ א : און ער ווייס פון דעם?

ק ל א ר א : ער ווייס פון אלעס. גלויבסטו אז איך פערבארג עפעס פון איהם?

ה א נ נ א : פרובירט ער ניט איינצופלאנצען זיין גלויבען אין דיר?

ק ל א ר א : פאר קיין פאל ניט. גלויבען, זאגט ער, — דאס איז פון גאט. מיר דארפען נור זיין עהרליך, און דאן וועלען מיר שוין קומען צום גלויבען, דא, אדער אויף יענער וועלט. אה, ער פער־שטעהט עס!

ה א נ נ א : אבער ער ארבייט דאך פאר דער פערשפרייטונג פון זיין גלויבען?

ק ל א ר א : יא, אויף זיין אייגענעם שטייגער. קיינמאל ניט דורך צוואנג. צו יעדען איז ער גלייך מיטפיהלענד, פער־שטעהסט, צו יעדען אהן אן אויסנאהמע! אה, עס איז צו איהם קיין גלייכען ניטא!

ה א נ נ א : דו קוקסט נאך אלץ אויף איהם ווי אין דיינע ערשטע ליעבע־טעג, אבוואהל דיינע אויגען זיינען שוין אלט גע־ווארען.

ק ל א ר א : אבוואהל מיינע אויגען זיינען שוין אלט...

ה א נ נ א : וואס געהערט אבער דעם גלויבען אין זיינע

וואונדער — הייסט עס, אז אייגענטליך פעהלט דיר דער גלויבען ?

קלארא: ווי קענסטו דאס גאר זאגען! איך גלויב אין קיין זאך ניט מעהר ווי אין זיינע וואונדער.

האננא: ווען דו ווילסט איהם ניט אבלאזען אין א שטורם, ווען דו גלויבסט ניט, אז עס וועט זיך אומקערען צו אייך דאס, וואס ער גיט אוועק, — מעג עס אפילו זיין דאס לעצטע, — דאן הייסט עס אז דיר פעהלט דער ריכטיגער גלויבען.

קלארא: איידער איך קען דערמיט וואס דו זאגסט איינשטימען... יא, מוז איך דיר זאגען, אז אין דעם טאקע ליעגט מיין גאנצע קראפט.

האננא: גוט, אבער עס איז ניט די קראפט פון גלויבען.

קלארא: ניין, ניין! אויב דא איז פאראן א ווידערשפרוך, — איז וואס? מיר אלע האבען אונזערע ווידערשפרוכען— נור ער ניט. איבעריגעס, לאז מיך דיר זאגען, אז דאס דאזיגע ווארפען זיך אדער זאס קינד אין ים, איז מעהר איידער גלויבען, — דאס הייסט פשוט, אויספּרובירען גאט.

האננא: מיר דוכט אז די וואונדער דארפען טרעפען אלץ איינס צו אונזער אייגען לעבען איז אין געפאהר, צי דאס לעבען פון אנדערע מענשען.

קלארא: אבער זיך אליין ווארפען אין געפאהר?

האננא: אויב דאס ווערט געטהון כדי צו ראטעווען אנדערע, הייסט עס ניט פּרובירען גאט.

קלארא: איך בעט דיך, האננא, רעד ניט מעהר וועגען דעם!... איך קען ניט. איך ווייס נור, אז ווען ער נעהמט צו ביי די קינדער וואס זיי מוזען האבען צום לעבען, און צוטהיילט עס צו פערדארבענע מענשען; אדער ווען ער לאזט זיך אוועק אויף קדוש השם אין דעם גרעסטען נעבעל, אדער ער לאזט זיך אוועק איבער'ן ים אין א שטורם, — דאן, יא, דאן שטעל איך זיך איהם אין וועג! איך טהו אלעס, אלעס וואס איך קען נור אויסטראכטען, כדי איהם צו שטערען! א שטייגער, ווען ער זאל דאס יעצט וועלען טהון — זעה, איך ליעג שוין עטליכע חדשים, און קען זיך אויף

די פּיס ניט שטעלען — פון דעסטוועגען וואָלט איך אויפגעשטאַנען. יאָ, יאָ, איך וואָלט געקענט... איך בין גאַנץ זיכער! איך וואָלט אַליין בעוויזען אַ נס, ווייל איך ליעב איהם, איהם און זיינע קינדער.
(לאַנגעס שטילשווייגען.)

האַננאַ: ווי אויפגערעגסט דו ביזט! קען איך דיר ניט מיט עפּעס העלפען?

קלאַראַ: גיעב מיר אַ ביסעל קאַלאָן־וואַסער. רייב מיר איין די שלייפען, גיעב מיר אויך אַביסעל אַ שמעק צו טהון. דעם זעלבען וואָס דו האָסט מיר געסטערן געגעבען! שנעלער!... קענסט ניט עפענען? — אָן, דאָרטען ליעגט דער פּראָפּען־ציהער!... דאָרטען! דאָרטען!... עפען אויך דאָס אונטערשטע פענסטער! דאָס אונטערשטע אויך!

האַננאַ: יאָ, יאָ!

קלאַראַ: אַ דאַנק! ווען די ערד זאָל ניט זיין אַזוי נאַס נאָך אַט דעם שרעקליכען רעגען, וואָלט איך געמעגט אַרויסגעהן אַביסעל אויף דער פרישער לופט. דו קענסט ניט אַרויסציהען די פּראָפּקע?

האַננאַ: באַלד.

קלאַראַ: פערשרויף טיעפער, אָבער ניט צו־טיעף. אָט אַזוי. נו, גיעב שוין אַמאָל. — אָה, זשאַסמין!

האַננאַ: זשאַסמין? פון וואַנען האָט זיך פּלוצים גע־נומען זשאַסמין אַהער!

קלאַראַ: זשאַסמין! זשאַסמין! — דאָס איז ער, איך הער איהם שוין! דאָס איז ער — דאַנקען גאָט! — מיר איז שוין בעסער! אָה, ווי גוט! וואָס פאַר אַ גליק! אָן, איז ער.
(עס געהט אַריין סאַנג.)

צווייטער אויפטריט.

סאַנג: נאָך אַמאָל גוטען מאָרגען! — גוט מאָרגען, טהייערע האַננאַ! — ווי גוט עס איז וואָס דו ביזט דאָ, וואָס דו ביזט ביי אונז! די לופט איז פול מיט געזאַנג און ערקוויקענדע

ריחות! ביי אייך אין אַמעריקאַ ווייסט איהר ניט פון אַזאַ פריה־מאָרגען. אין ערגעץ ניט, אין דער גאַנצער וועלט!

קלאַראַ: און מיינע בלומען? —

סאַנג: ווייסטו וואָס עס האָט מיט מיר היינט פּאַסירט?

קלאַראַ: דו האָסט זיי אַוועקגעשענקט?

סאַנג: אַך, ניין! כאַ, כאַ! דיזעס מאָל ניט, ווי אונזער טאַרדענסקיאָלד האָט געזאָגט. וואָס פאַר אַ בייזע דו ביזט! מיר האָבען געשאָלטען דעם אינאויפהערענדען מבול, מיר האָבען מורא געהאַט פאַר אַ פעלזען־שטורם און די שנעע פון די שפּיץ בערג זאָל ניט אַרונטערפאַלען, און פאַר אַלע אַנדערע אומגליקען — און דער רעגען האָט גאָר געבראַכט אַזוי פיעל שעהנקייט און פּראַכט! ווען איך האָב ענדליך היינט דערזעהן די זונן און בין אַרויס פון הויז, וואָס פאַר אַ בלומען־פּראַכט! איך האָב נאָך קיינמאָל עטוואָס דערגלייכען ניט געזעהען! וואָס פאַר אַ רייכקייט פון קאָלירען און ריחות! איך בין אַריינגעפאַלען אין אַזאַ שטימונג, אַז עס איז מיר פאָרגעקומען ווי אַן עבירה, צו טרעטען אויף די פלאַנצען וואָס זיינען דאָרט געוואַקסען און מיר פערשאַפט אַזוי פיעל פרייד. איך האָב אָבגעטרעטען אָן אַ זייט און זיך געלאָזט געהן אויף אַ קליינעם שטעגעל, און האב פון דאָרטען אַראָבגעקוקט אין זייערע פייכטע בלומען־אויגען, — וואָס פאַר אַ רייכטהום, וואָס פאַר אַ שעהנהייט!... זיי האָבען זיך אַלע גע־דרענגט, געשטופּט אַרום און אַרום, און אַזוי פיעל שטרעבען צו זעלבסטערהאַלטונג איז פאַראַן אין זיי, אַזאַ פערלאַנג צום לעבען! אפילו די קלענסטע פון זיי האָבען זייערע קעפּעלעך צו דער זונן געבויגען, אַזוי דורשטיג, אַזוי נייגיעריג! איינינגע פון זיי האָבען זיך פונאַנדערגעבליהט אַזוי פריה, אַז איך בין זיכער, זיי, די קליינע ווייסע־חברה'ניקעס, וועלען נאָך איידער די זון וועט אונטער־געהן אַוועקשיקען זייער בלומען־שטויב אויף די פרייע פעלדער. אפילו ביהנען זיינען שוין אָנגעקומען, וועלכע האָבען אַרומגעשוועבט אין דער לופטען, ניט וויסענדיג וואו זיך אָבצושטעלען אין אָט דעם גן־עדן פון ריחות. דען טויזענדע בלומען האָבען קאָנקורירט

מיט אַנדערע טויזענדע מיט זייערע דופּטען, און געווען זיינען זיי דאָרט אין די מיליאָנען אַריין! נון, האָב איך זיך אַליין געפרעגט, צי קען עס דען זיין אַז צווישען דיזע מיליאָנען בעשעפּענישען זאָלען ניט זיין קיינע איינצעלנע פּערזענליכקייטען? — געוויס איז דאָ! — אָבער, נאָך דעם אַלעמען האָב איך קיין האַרץ ניט געהאַט אויסצורייסען אפילו איינע פון זיי. דערפאַר אָבער האָב איך היינט עפּעס אַנדערעס פאַר דיר געבראַכט.

ק ל אַ ר אַ : (וועלכע האָט צוגעוואונקען צו איהר שוועסטער בשעת ער האָט גערעדט) עפּעס אַנדערעס?

ס אַ נ ג : איך וויל אויך פּרובירען זיך היינט פונאַנדערעפּענען.

ק ל אַ ר אַ : וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען, טהייערער?

ס אַ נ ג : דו וואָלסט זיכער ניט געגלויבט אַז איך קען זיין פּעהיג עטוואָס פון דיר צו בעהאַלטען, און דאָך האָב איך עס געטהון.

ק ל אַ ר אַ : איך האָב שוין לאַנג בעמערקט, אַז דו האָסט עפּעס...

ס אַ נ ג : אַה, דו האָסט טאַקי בעמערקט? דאָס מאָל האָב איך ווירקליך געשוויגען. אָבער אויב איך האָב ניט געטראָגען אַזוי פיעל זאָרג וועגען דיין קראַנקהייט, ווי די אַנדערע, איז אַלענפאַלס דאָ אויף דעם אַ ספּעציעלע אורזאַך.

ק ל אַ ר אַ : אָבער וואָס איז עס פאָרט?

ה אַ נ נ אַ : יאָ, וואָס איז עס אַזוינס? דאָס רעגט זי אויף.

ס אַ נ ג : באַלד. — איך האָב אַזויפיעל מענשען געהאָלפען, און איהר בין איך ניט געווען אימשטאַנד צו העלפען, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געקענט ווי עס געהער צו זיין מיט איהר תפילה טהון. זי שטעלט זיך אַנטקעגען, און איך בין מאַכטלאָז ווען דער חולה בעט ניט צוזאַמען מיט מיר, — עס פערשטעהט זיך, ווען ער קען יאָ בעטען. דאַרום האָב איך געשריבען צו די קינדער זיי זאָלען קומען; און נעכטען, ווען איך האָב זיי אַרויפגעפיהרט אויבען, האָב איך זיי ערקלערט צוליעב וואָס איך האָב זיי אַרויסגעפאָדערט אַהער.

זאָלען זיי אפריהער זיך גוט אויסשלאָפען און דאַן, היינט פריה, אום זיעבען אוהר, זאָלען זיי מיר העלפען תפילה טהון נעבען זייער מוטער'ס בעט.

ק ל א ר א : אָה, מיין טהייערער! מיין ליעבער!

ס א נ ג : מיר וועלען דיר ארומרינגלען מיט א קייט פון נעבעט. איינער וועט זיך שטעלען נעבען דיינע פיס, דער אנדערער צו־קאָפּענס, און איך אליין אנטקעגען דיר. און מיר וועלען ניט אויפהערען צו בעטען ביז וואנען דו וועסט ניט איינשלאָפען. ביז וואנען דו וועסט ניט איינשלאָפען! ניט פריהער! און דאַן וועלען מיר ווידער בעטען, ביז דו וועסט ניט אויפשטעהן און ארומגעהן מיט אונז. יאָ, אָט דאָס וועלען מיר טהון!

ק ל א ר א : אָה, מיין טהייערער!

ה א נ נ א : און וואָס האָבען דערצו די קינדער געזאָגט?

ס א נ ג : דו וואָלסט זיי דאַן געדאַרפט אָנקוקען! זיי זיינען אזוי אויפגערעגט געוואָרען. זיי זיינען בלאָס געוואָרען ווי אָט די דעקע און האָבען נור זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן. דאַן האָב איך פערשטאַנען אז זיי ווילען בלייבען אליין. איך זעה, ווי דו ווערסט אויך אויפגערעגט. דו מאַכסט צו די אויגען. ווילסט פיעל־לייכט אויך בלייבען אליין. — יאָ, מיר ערוואַרטען א בעזוך, א גרויסען בעזוך, מען דאַרף זיך צוגרייטען! — ווי שפּעט איז איצט?

ה א נ נ א : עס איז שוין נאָך זיעבען.

ס א נ ג : עס קען ניט זיין, זיי וואָלטען שוין דאָ זיכער געווען. — דו האָסט אודאי פערגעסען אָנצושטעלען דיין זייגער אויף דער היגער צייט.

ה א נ נ א : ניין, איך האָב עס ניט פערגעסען.

ס א נ ג : דאַן האָסטו עס געוויס ניט ריכטיג אָנגעשטעלט, טהייערע פריינדין. וועלען דען ערוואַקסענע קינדער, וועלכע דאַרפען בעטען נעבען זייער קראַנקער מוטער'ס בעט, פערשלאָפען די צייט! קענסטו זיך דאָס פאָרשטעלען?

ה א נ נ א : איך וועל ארויפגעהן זעהען.

ס א נ ג: ניין, ניין! די לעצטע מינוטען מוזען זיי בלייבען אליין! איך ווייס עס.

ה א נ נ א: זיי וועלען ניט דערהערען. איך וועל בלויז א קוק טהון. (זי געהט.)

ס א נ ג: אבער זעהר, זעהר שטיל!

דריטער אויפטריט.

ס א נ ג: ווי פיין עס איז פון איהר זייט וואס זי זארגט זיך אזוי פיעל.

ק ל א ר א: טהייערער מיינער!

ס א נ ג: דיין קול ציטערט עטוואס. אה! האב נור האפנונג! איך זאג דיר, איך האב זיך נאך קיינמאל אזוי זיכער ניט געפיהלט. און ווער גיט מיר דיזעס געפיהל? דו ווייסט דאך, קלארא! מיין טהייערע קלארא! (ער לאזט זיך ארונטער אויף די קניע נעבען איהר בעט.) איידער מיר וועלען זיך אלע פעראייניגען אין דיזען גרויסען געבעט, ערלויב מיר דיר צו דאנקען! איך האב היינט געדאנקט גאט פאר דיר, געדאנקט איהם צווישען דעם גאנצען פראכט פון דעם בליהענדען פריהלינג. מיט פרייד האט אלעס ארום געאטהעמט, און אויך אין מיר האט זיך אלעס געפרעהט. אין מיר האט אויפגע־לעבט אלעס וואס מיר האבען צוזאמען מיטגעמאכט. ווייסטו, מיר ווייזט זיך גאר אויס, אז איך ליעב דיך פיעל מעהר דערפאר, ווייל דו גלויבסט ניט אזוי פיעל ווי איך. דען דעריבער זיינען אלע מיינע געדאנקען אימער פערנומען מיט דיר. דיין איבערגעבענהייט צו מיר בערוהט אין גאנצען אויף דיין „איך", אויף דיין ווילען, ניט אויף עפעס אנדערעס. און איך בין גראד שטאלץ אויף דעם וואס געהענדיג אויף'ן לעבענס־וועג צוזאמען מיט מיר, האסטו אויפגע־האלטען דיין וואהרהייט און אויפריכטיגקייט. נון, ווען איך עראי־נער זיך, אז ניט גלויבענדיג ווי איך, האסטו דיין גאנצעס לעבען געאפפערט פאר מיר —

ק ל א ר א: אדאלף!

ס א נ ג: איך וועל מיין האנד ארויפלעגען אויף דיין מויל אויב דו וועסט רעדען. איצט וועל איך רעדען! — ווי גרויס איז

דאָס, וואָס דו האָסט געטהון. מיר האָבען געגעבען אונזער גלויבען, אָבער דו האָסט אוועקגעגעבען דיין לעבען! ווי גרויס מוז זיין דיין צוטרויען צו מיר! אָה, ווי איך ליעב דיך! יעדעס מאָל וואָס מיין גלויבענס־אייפער האָט דיך געשראָקען, און דו האָסט געציטערט פאר מיר, אָדער פאר דער צוקונפט פון אונזערע קינדער, און דו האָסט דאָן אפשר ניט געקענט איבערוועגען אַלעס וואָס דו האָסט געטהון, — איך ווייס גאַנץ גוט, דו האָסט מעהר קיין כח ניט גע־האָט צו מאכען בעסער.

קלארא: יא, איך האָב קיין כח ניט געהאַט.

סאנג: עס איז מיין שולד, איך האָב ניט פערשטאַנען דיך צו שוינען.

קלארא: אדאָלף!

סאנג: דאָס איז פּאָרט אַזוי, איך ווייס עס. שטיקערווייז האָסטו זיך געאָפּפערט. און ניט צוליעב דיין גלויבען, ניט מיט דער האָפנונג צו קריגען אַ בעלוינונג דאָ אָדער אויף יענער וועלט,— ניין, בלויז אויס ליעבע. אָה, ווי שטארק איך ליעב דיך! גראַד היינט האָב איך דאָס דיר געוואָלט זאָגען. ווען האננא זאָל אַליין ניט גע־ווען ארויסגעהן, וואָלט איך זיי געווען געבעטען צו פערלאָזען אונז פאר אַ ווײַלע. איך דאַנק דיר, קלארא! היינט איז אַ גרויסער טאָג פאר דיר.. נו, באַלד קומען די קינדער. לאָז, איך וועל דיר אַ קוש געבען פונקט ווי אין דעם ערשטען טאָג. (האננא קומט אַריין.)

פיערטער אויפטריט.

סאנג: נו?

האננא: די אוהר איז שוין נאָך זיעבען.

קלארא: איך האָב עס געוואוסט!

סאנג: איז שוין ווירקליך נאָך זיעבען? — און די קינדער?

האננא: זיי האָבען געשלאָפען.

סאנג: געשלאָפען!

קלארא: איך האָב עס געוואוסט!

האננא: עליאס האָט זיך אפילו ניט אויסגעטאהן. ער

האָט זיך מיט די קליידער אין בעט אריין געלעגט, זיך אָברוהען בלויז, און איז איינגעשלאָפען. ראחיל האָט גאָר ניט געהערט, זי האָט געשלאָפען מיט די הענד אריבערגעלעגט איבער'ן צודעק.

ס א נ ג : איך האָב צופיעל געפאָדערט פון די קינדער — איך האָב מורא, איך וועל זיך קיינמאָל ניט אָפּגעוואוינען.

ה אַ נ נ אַ : זינט מיר האָבען זיך בעגעגענט, — עס איז שוין אַ חשבון פון צוויי מעת־לעת, — האָבען זיי ניט געשלאָפען.

ס אַ נ ג: פאַר וואָס זשע האָט מיר גראָד היינט גאָט אזא קראַפט געגעבען? און אזא זיכערהייט. — איך מוז דאָס איבער־דענקען — (אָוועקגעהענדיג). ענטשולדיגט מיר, מיינע טהייערע, אויף איין רגע בלויז. — פאַרוואָס עפּעס גראָד היינט?...

פ י נ פ ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

ק ל א ר א : דו האָסט זיי אויפגעוועקט?

ה א נ נ א : געווים. — ווייסט וואָס איך מיין אז עס שטעהט אין וועג?

ק ל א ר א : גאָט מיינער, — איך שטוים זיך אָן! עס שרעקט מיך אזוי.

ה א נ נ א : קען מען נאָך עפּעס העלפען?

ק ל א ר א : ניין. — איך אליין מוז פּרובירען דאָס בייצוקור־מען — אָה, אין זייערע אויגען האָט זיך געספערן עפּעס אָבגע־שפּיגעלט... איצט פערשטעה איך עס.

ה א נ נ א : זיי האָבען מעהר ניט זייער פאָטער'ס גלויבען.

ק ל א ר א : זיי גלויבען מעהר ניט ווי זייער פאָטער. אָרימע קינדער, ווי שטאַרק זיי האָבען דאָס געמוזט ליידען, קעמפפען! זיי ליעבען איהם שטאַרקער פאַר אלץ אין דער וועלט.

ה א נ נ א : אָט פאַר וואָס זיי זיינען נעכטען געווען אזוי שטיל.

ק ל א ר א : און זיינען אזוי לייכט אויפגערעגט געוואָרען פון יעדער קלייניגקייט. און דארום האָט ראחיל דיך געבעטען קו־מען אהער. אימיצער האָט דאָך געמוזט זיין דערביי, — אליין האָט זי מורא געהאַט.

ה א נ נ א : דו ביזט געראכט. וואס פאר אן אינערליכען קאמפף זיי האבען דאס געמוזט אויסשטעהן!

ק ל א ר א : ארימע, ארימע קינדער!

ה א נ נ א : אט קומט עליאס!

ק ל א ר א : קומט ער דא?

ע ל י א ס : (פאלט אויף די קניע נעבען דער מוטער'ס בעט, פערדעקענדיג מיט ביידע הענד דאס געזיכט). אה! מוטער! מוטער!

ק ל א ר א : יא! יא! איך וויים אלעס.

ע ל י א ס : דו ווייסט אלעס? קיין גרעסערער אומגליק קען ניט זיין!

ק ל א ר א : ערגערעס האט ניט געקענט פאסירען...

ע ל י א ס : ווען ער האט געסטערן אבענד געזאגט, אז היינט אום זיעבען אוהר...

ק ל א ר א : בלייב שטיל! איך וועל עס ניט אריבערטראגען!

ה א נ נ א : דיין מוטער וועט עס ניט אריבערטראגען!

ע ל י א ס : ניין, ניין! איך האב פריהער געוואוסט אז אזוי וועט עס זיין... אזוי אדער אנדערש... עס מוז דאך קומען.

ה א נ נ א : ביזטו אימשטאנד דאס אויסצוהערען?

ק ל א ר א : איך מוז דאס אויסהערען, זאג מיר.

ה א נ נ א : וואס זאל איך דיר זאגען?

ק ל א ר א : עליאס, ביזט דא?

ע ל י א ס : איך בין דא, מאמא.

ק ל א ר א : און ראחיל?

ע ל י א ס : וואס, מאמא?

ק ל א ר א : וואו איז ראחיל?

ע ל י א ס : זי שטעהט אויף. ביז צוועלף ביי נאכט איז זי מיט מיר געזעסען און ניט געשלאפען, מעהר אבער האט זי שוין ניט געקענט אויסהאלטען.

ק ל א ר א : אך, קינדער! ווי אזוי... ווי אזוי האט דאס אלעס פאסירט?...

ע ל י א ס : ווי אַזוי מיר האָבען פערלאָרען אונזער פאָטער'ס גלויבען'?

ק ל אַ ר אַ : ווי אַזוי איהר האָט פערלאָרען אייער פאָטער'ס גלויבען, קינדער?

ז ע כ ס ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

ס אַ נ ג : (אַריינגעהענדיג) איהר האָט פערלאָרען אייער גלויבען? — זוהן מיינער, דו האָסט פערלוירען דיין גלויבען?

ה אַ נ נ אַ : אָי, וואָס איז מיט קלאַראַ'ן! קלאַראַ! וואָס איז מיט דיר?

ס אַ נ ג : (איילט זיך צו איהר, לעגט אַרויף זיינע הענד אויף איהר) שוין פאַראיבער. קיין אָנפאַל איז ניטאָ, דאַנקען גאָט.

ק ל אַ ר אַ : עס געהט איבער... אָבער האַלט מיך אונטער, האַלט מיך!

ס אַ נ ג : איך וועל דיך האַלטען.

ק ל אַ ר אַ : און לאָז מיך ניט וויינען! אָה!...

ס אַ נ ג : ניין! ניין! מען דאַרף ניט וויינען! (בויגט זיך איבער איהר און קושט זי.) זיי שטאַרק! קלאַראַ! זעה נור, אָט אַזוי! טרויעריג דאַרפסטו ניט זיין! בערעכען נור ווי שווער עס איז זיי אָנגעקומען. פון זייער שמערץ און קאַמפף האָבען זיי אונז געוואָלט שוינען, דאַרפען מיר דען ניט אויך זיי שוינען?

ק ל אַ ר אַ : יאָ.

ס אַ נ ג : אָט זעהסטו, דערפאַר האָסטו בעקומען דעם אָנפאַל. מיר מוזען דאָס געדענקען, אַז ניט וואָלטען מיר לייכט אויף זיי אין כעס געוואָרען. איבערהויפּט איך מיט מיין אייפעריגקייט. וואו איז ערגעץ ראַחיל?

ה אַ נ נ אַ : זי וועט באַלד קומען. זי איז ביז האַלבע נאַכט געזעסען מיט עליאַס.

ס אַ נ ג : אַך, קינדער, קינדער!... ווי אַזוי האָט איהר געקענט!... ניין, ניין. — איך וויל עס ניט וויסען... דו ביזט אימער געווען עהרליך, און אויב דו האָסט עס געטהון, האָסטו מסתמא געמוזט אַזוי האַנדלען.

עליאס: איך האָב עס געמוזט. אָבער שרעקליך איז עס דאָך געווען.

סאַנג: דיין גלויבען האָסטו ביי מיר געקריגען צו־לייכט. איך בין דאָך נור אַ געפיהלס־מענש. אפשר איז דאָס גראָד אַן אָנ־פאַנג פון אַ נייעם גלויבען וועלכער וועט שוין ניט פערלוירען געהן.

עליאס: איך קוק ביי זיך אויס ווי אַ פערברעכער, און דאָך בין איך קיין פערברעכען ניט בעגאַנגען.

סאַנג: מיינסטו מיין זוהן, אַז איך צווייפעל פאַר איין מינוט אין דעם? וואָס איך קען זיך ניט בעהערשען, זאָל עס דיך ניט פערפיהרען. דאָס איז דערפאַר ווייל איך האָב אַזוי פיעל געבויט אויף אייער גלויבען. עס מוז נעהמען אביסעל צייט ביז איך זאָל... ניין, ניין!.. ענטשולדיגט מיר, עליאָס דו ביזט דאָך ניט שולדיג! (ראחיל קומט אריין, פאַר שרעק מאַכט זי אַ פאָר טריט צוריק, סאַנג בעמערקט עס). ראחיל! אָה, מיין ראחיל! (זי געהט נעהנטער צו איהם און פאַלט אויף די קניע). פון דיין פריהסטער יוגענד אָן האָסטו געלערנט אין מיר צו גלויבען מעהר ווי אין אַלע הייליגע ספרים... ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פאָר־קומען? ווער עס איז זאָל דיך קענען פון מיר אָוועקרייסען. —

ראחיל: ניט פון דיר, פאָטער!

סאַנג: ענטשולדיג. איך האָב דיך ניט געוואָלט בעליי־דיגען. קום צו מיר! (ראחילווארפט זיך אויף זיין ברוסט). — איך פערשפּרעך אייך, מיינע קינדער, אַז איך וועל מעהר וועגען דעם ניט רעדען. אָבער פריהער וויל איך וויסען — און איהר דאַרפט זיך ניט וואונדערען, — ווי אַזוי אייגענטליך דאָס האָט פּאַסירט?

עליאס: פאָטער, ווען מיר זאָלען אפילו רעדען איבער דעם גאַנצע טעג, וואָלט איך דיר אויך ניט קענען אַלעס דער־קלערען.

סאַנג: ניין, צו דעם טויג איך ניט. איך קען ניט רעדען וועגען גלויבען. איך פערשטעה זיך ניט אויף דעם.

עליאס: אָבער דו מוזט מיך פּאָרט אויסהערען!..

סאַנג: אויב דאָס וועט דיר לייכטער מאַכען איז עפּעס

אַנדערש. מוזטו זאָגען און איך וויל דיר הערען. אָבער קענסטו דאָס ניט זאָגען קורץ, — אין אַ פּאָאָר ווערטער ? וואָס האָט אייך געפיהרט דערצו, קינדער ? יאָ, וואָס אזוינס האָט אייך אי־בערצייגט ?

ע ל י אַ ס : איך וועל עס מאַכען גאַנץ קורץ. ראחיל אונד איך האָבען אויסגעפונען אַז ניט אַלע קריסטען זיינען אַזעלכע ווי דו האָסט זיי אונז פאַרגעשטעלט.

ס אַ נ ג : אָבער קינדער !..

ע ל י אַ ס : דו האָסט אונז געשיקט צו די בעסטע פון זיי, און זיי זיינען טאַקע געווען די בעסטע. אָבער ראחיל און איך זיינען גאָר שנעל געקומען צו דער איבערצייגונג — און ראחיל איז געווען די ערשטע וואָס האָט עס אַרויסגעזאָגט, — אַז עס איז פאַראַן בלויז איין אמת׳ר קריסט, און דאָס איז אונזער פאָטער.

ס אַ נ ג : אָה, ניין קינדער !..

ע ל י אַ ס : ווען די אַנדערע וואָלטען כאָטש זיין אַביסעל, כאָטש עטוואָס ענליך צו דיר, וואָלטען מיר ניט געווען געקומען צו דיעזער אויסניכטערונג. זיי זיינען אָבער גאַנץ אַנדערע, — גאָר נישט, גאָר נישט דאָס !

ס אַ נ ג : וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגען ?

ע ל י אַ ס : זייער גלויבען הענגט אָב פון די אומשטענדען. אין זייער לעבען ווי אין זייערע לעהרען, בויגען זיי זיך נור צו דער עקזיסטירענדער ווירקליכקייט ; ד. ה. צו דאָס וואָס עקזיסטירט אין אַ געוויסען אָרט און צייט : צו די אינסטיטוציעס, מנהגים, פאַראורטהיילע, עקאָנאָמישע אומשטענדען, און אזוי ווייטער. זיי האָבען געפונען אויסוועגען כדי צוצופּאַסען זייערע לעהרען צו די עקזיסטירענדע אומשטענדען.

ס אַ נ ג : אורטהיילסטו ניט פיליכט אַביסעל צו שטרענג ?

ע ל י אַ ס : דו קלייבסט אויס פון דער לעהרע דאָס שעהנס־טע, און האַנדעלסט אין איינקלאַנג מיט דעם. אָט דאָס איז דער אונטערשיעד.

ס אַ נ ג : אָבער וואָס געהט אייך אָן דיעזער אונטערשיעד, ליעבע קינדער ?

ע ל י אַ ס : דאָס האָט אונז געמאַכט, צום דענקען. — וואונ־דערט דיך דאָס ?

ס אַ נ ג : דענקט אייך וויפיעל איהר ווילט אליין. אָבער אורטהיילט ניט.

ר אַ ח י ל : איך גלויב ניט אַז מיר זאָלען עס האָבען גע־געטוהן. און ווייסטו וואָרום ? ווייל מיר האָבען אויסגעפונען אַז זייער גלויבען איז נאַטירליך פאַר זיי, פונקט ווי דיינער איז פאַר דיר.

ס אַ נ ג : איז וואָס ?..

ע ל י אַ ס : אָבער וואָס דען איז דאָס קריסטענטהום ? זייער לעהרע איז עס דאָך געוויס ניט !

ס אַ נ ג : זאָל זיין אזוי. וואָס זשע איז דאָס פאַר אזא רעש ? אַז זיי האַנדלען נור אזוי, ווי זיי רעכענען פאַר גוט.

ר אַ ח י ל : ליעבער פאָטער, איז דען די קריסטליכע לעה־רע דאָס, וואָס פון מיליאָנען מענשען, קען נור איינער דערגרייכען ?

ע ל י אַ ס : און אַלע אַנדערע זענען ניט מסוגל צו דעם ?

ס אַ נ ג : וועמען דען רופסטו אָן קריסט ?

ע ל י אַ ס : נור דעם רוף איך אָן קריסט, ווער עס האָט ביי קריסטוס'ן געלערנט דעם סוד פון פאָלקאָמענהייט, און שטרעבט דערצו אין אַלעם.

ס אַ נ ג : ווי שעהן דו האָסט דאָס אויסגעדריקט ! דו האָסט גע'ירשנ'ט פון דיין מוטער איהר פיינעם פערשטאַנד. אָה ! דאָס איז געוועזן מיין שעהנסטע האָפנונג, אַז דו וועסט ווען עס איז... ניין, ניין. איך האָב אייך פערשפּראָכען, קינדער... און איך וועל מיין פערשפּרעכען האַלטען. דו האָסט געזאָגט... דאָס איז ווירקליך זעהר גוט ! אָבער מיין זוהן, דאַרף דען ניט יעדען געגעבען ווערען דאָס רעכט צו פּרובירען זיין אַ קריסט, ווי ער פערשטעהט עס, און ניט אָנרופען איהם גלייך עם־הארץ ? דאַרף דען ניט גראָד דאָ קומען דער גלויבען צו הילף ? איז ניט דאָס פערדיענסט פון איינעם מכפר די שוואַכקייט פון די מיליאָנען ?

עליאס: דו זאָגסט עס דאָך אַליין! ווען מיר שטערבען מיט אַלע אונזערע קרעפטען, דאַן איז דער גלויבען נויטווענדיג.

סאנג: נו, הייסט עס...

עליאס: אָבער אַזוי האַנדעלט דאָך נור אַן איינציגער מענש — און דאָס ביזט דו. די אַנדערע אָבער... ניין, האָב ניט מורא, איך רעד ניט אום זיי צו בעשולדיגען. וואָס פאַר אַ ־עכט האָב איך אויף דעם: — אַנדערע אָבער דינגען אַזוי פיעל אָב פון דעם, אַז עס בלייבט נור אַזוי פיעל וויפיעל זיי קענען מיט אַ גרינגען האַרצען אָננעהמען, אָדער זיי פּרובירען לעבען אין איינ־קלאַנג מיט דעם גלויבען און געהען אויס. יאָ, דאָס איז דאָס ־יכטיגע וואָרט פאַר דעם.

ראחיל: יאָ, דאָס איז אַזוי. און דאַן, ליעבער פּאַטער, האָב איך אַזוי געזאָגט צו עליאַס: אויב נאָך היינט צו טאָג פּאַסען די אידעאַלען אַזוי ווענינ צו די אומשטענדען און די מענשליכע ־אַטורען, דאַן קענען זיי ניט קומען פון דעם אַלוויסענדען.

סאנג: האָסטו דאָס געזאָגט? —

עליאס: מיר האָבען זיך שוין ניט געקענט מעהר בע־פרייען פון דעם צווייפעל, און מיר האָבען אָנגעפאַנגען נאָכצופאָר־שען. מיר האָבען נאָכגעזוכט דיעזע אידעאַלען, צוריק אין דער געשיכטע, ווייט איבער די גרענעצען פון אונזער צייט־רעכנונג.

ראחיל: אַלע זיינען זיי פיעל עלטער איידער דאָס קריסטענטום.

סאנג: איך ווייס עס, קינדער.

עליאס: זיי זיינען שוין לאַנג פריהער געפּרעדיגט גע־וואָרען פון טרוימער. —

סאנג: פון מזרח־לענדישע און גריכישע טרוימער אין אַ צייט פון פערצווייפלונג; ווען די בעסטע נור האָבען געבענקט נאָך אַ פרעמד, ווייט לאַנד, נאָך אַ לאַנד פון בעניי‌הונג. איך ווייס עס, קינדערלעך מיינע. — אָט דאָ, אַלזאָ, זענט איהר געשטרוי־בעלט געוואָרען? גרויסער גאָט! אָבער צי דען קען אָט די בעניי‌הונג און פערווירקליכונג פון גאָטעס־רייך ניט זיין אַ וואָר־

הייט, ווען אפילו דאָס איז געווען דער טרוים פון די מענשען אין די מזרח לענדער מיט לאַנגע צייטען צוריק ! און אויב אַפילו עס האָט געלאָזט אויף זיך וואַרטען אַזוי לאַנג, אַז שוואַכע געמיטער האָבען געוואַגט עס אָנצורופען אַן אונמעגליכער טרוים, און די בעשטרעבונגען וואָס פיהרען צו איהם — אונמעגליכע אידעאַלען, — איז וואָס בעווייזט דאָס ? גאָרנישט בעווייזט עס אַנטקעגען דער לעהרע, אָבער אפשר א סך אנטקעגען די לעהרער. יאָ, פיעלעם אַנטקעגען די פערשפרייטער פון דער לעהרע. איך וויל וועגען זיי מעהר ניט רעדען, איך וויל אייך נור דערצעהלען וואָס מיט מיר אַליין האָט פאַסירט. איך האָב געזעהן ווי דאָס קריסטענטום איז געקראָכען אויף אַלע פיער פאָרזיכטיג אויסמיידענדיג יעדען הע־בערען בערגעל, און איך האָב זיך געפרעגט, צי געשעהט עס אפשר דערפאַר, ווייל אויב ער וואָלט זיך אויפגעהויבען אין זיין פולען הויך, וואָלט ער חרוב געמאכט די וועלט ? איז דאָס קריסטענטום דאָס אונמעגליכע ? אָדער איז עס די שולד פון די מענשען, וועלכע וואַגען עס ניט ? און ווען אפילו נור איינער זאָל וואַגען, וואָלטען ניט געווען קיין טויזענדע נאָכפאָלגער ? און אָט אזוי איז מיר גע־וואָרען קלאָר, אַז איך מוז פרובירען ווערען אָט דער איינער. און איך דענק, אַז יעדער איינער מוז עס פרובירען. טהוט ער עס ניט, איז ער ניט קיין גלויביגער. דען גלויבען מיינט וויסען, אז פאַר'ן גלויבען איז ניטאָ קיין אונמעגליכעס. איז דעריבער, האָב איך זיך געזאָגט : צייג אַרויס דיין גלויבען ! זאָג איך עס דען כדי צו בע־ריהמען זיך ? אין געגענטייל, איך בעשולדיג זיך גאָר. ווארום אָבוואָהל איך האָב געשטרעבט הויך און האָב בעקומען אַזוי פיעל גנאָד, פון דעסטוועגען בין איך דען ניט אויך צוריקגעבליבען פון גאָט ? האָב איך עס דען ניט געהאַלטען פאַר אונמעגליך צו קענען י רעטען גאַנץ אַליין ? האָב איך דען ניט געצווייפעלט, און גע־וואַרט אויף הילף פון אנדערע ? דערפאַר האָט גאָט ביי מיר צו־גענומען זיין הילף, דערפאַר האָט ער דערלאָזען אַז אויך איהר זאָלט אָבטרעטען פאַר דעם „אונמעגליכען“ און זאָלט מיר קומען דער־צעהלען פון דעם. דען אויף דעם אופן האָט געמוזט אָנקומען זיין

שעה. פון איצט אָן וויל ער אונז אַלעמען צייגען וואָס עס איז אין ווארהייט מעגליך! אָה! איך בין געקומען אהער און האָב עס ניט פערשטאַנען! פון איצט אָן פערשטעה איך עס. איך מוז עס א ל י י ן טהון! איך האָב ערהאַלטען זיין בעפעהל; און איצט קען איך עס אויך.

דאַרום איז גראָד היינט געקומען די גנאָד פון דער גרויסער פאַרבערייטונג. אַלעס קומט זיך צוזאַמען.

קלאַראַ, דו הערסט? ניט איך רעד דאָס, איצט, דאָס רעדט אין מיר די פעסטע איבערצייגונג. און דו ווייסט פון וואַנען זי שטאַמט. (ער לאָזט זיך אַרונטער אויף די קניע פאַר איהר).

קלאַראַ, מיין ליעבע פריינדין, ווארום זאָלסטו ניט זיין אַזוי טהייער ביי גאָט, ווי אַנאַנדערער וואָס גלויבט אין איהם פון טיע־פען הארצען? איז דען גאָט ניט אונזער אַלעמענס פאָטער?

די גלויביגע האָבען ניט קיין חזקה אויף גאָט'ס ליעבע. זייער פריווילעגיע איז צו פיהלען זיין ליעבע און צו פרעהען זיך מיט איהר — און אין זיין נאָמען מאַכען דאָס אונמעגליכע מעגליך.

אָה! דו געדולדיגע, טרייע! איך פערלאָז דיר איצטער כדי דאס אויסצופּרובירען.

(ער הויבט זיך אויף).

יא, כדי עס צו פּרובירען! איך געה אין די קירכע, קינדער, איך וויל זיין אַליין. און איך וועל ניט אַרויסגעהן פון דאָרט ביז וואַנען איך וועל ניט קריגען פון גאָט'ס הענד אַ שלאָף פאַר דער מוטער, און נאָך דעם שלאָף אַ רפואה, אַז זי זאָל קענען אויפשטעהן און אַרומגעהן צווישען אונז.

האָט קיין פורכט ניט! איך פיהל, אַז ער וויל עס. ער וועט עס מיר ניט געבען אַזוי שנעל, ווייל דאָס מאָל האָב איך געצוויי־פעלט. אָבער איך וויל אויסהאַלטען און הארען אויף דעם שטאַר־קען גוטען גאָט. — זייט געזונד!

(ער קניעט נעבען איהר און מורמעלט אַ קליינע תפילה). זייט געזונד!

(קושט זי, זי ליעגט אונבעוועגליך. ער הויבט זיך אויף). איך

דאַנק אייך, קינדער מײַנע! איהר האָט פּאָרט מיר געהאָלפען! נאָך מעהר ווי איינער האָט געקענט פּאָראויסזעהן. איך וועל מיר אליין קלינגען צום געבעט, און ביים ערשטען קלאַנג פון גלאָק, זאָלט איהר וויסען אַז איך האָב אָנגעפאַנגען בעטען פאַר דער מוטער. פריעדען זאָל זיין מיט אייך אַלעמען!

האַננאַ: (האָט ניטווילענדיג געעפענט די טהיר פאַר איהם, סאַנג געהט אַרויס). דאָס איז.... דאָס... (וויינט).

עליאַס: איך מוז זעהן, — איך מוז איהם זעהן ווי ער וועט אריינגעהן. (געהט אָב).

ראַחיל: (געהט צו). מאַמאַ! אָה, מאַמאַ!

האַננאַ: רעד ניט מיט איהר! זי קוקט אויף דיר, אָבער רעד ניט מיט איהר!

ראַחיל: מיר איז אַזוי שרעקליך!

האַננאַ: פון דאַנען קען איך איהם זעהן. אָן איז ער שוין נעבען דער קירכע. — קום אַהער!

ראַחיל: ניין!... ניין, איך וועל עס ניט אויסהאַלטען. מיר איז אַזוי שרעקליך, — מאַמאַ! זי קוקט אויף מיר, אָבער זי ענטפערט ניט. — מאַמאַ!

האַננאַ: שטילער, ראַחיל!

(עס דערהערט זיך אַ קלאַנג פון'ם גלאָק).

ראַחיל: (פאַלט אויף די קניע, שרייט אויס מיט אַ פערשטיקען קול). גאָט מיינער, האַננאַ!

האַננאַ: וואָס איז?

ראַחיל: די מאַמע איז איינגעשלאָפען.

האַננאַ: איינגעשלאָפען?

האַננאַ: די מאַמע שלאָפט!

האַננאַ: ווירקליך?

ראַחיל: איך מוז אויפזוכען עליאַס'ן, איך מוז עס איהם זאָגען! (געהט אַרויס).

האַננאַ: זי שלאָפט ווי אַ קינד, אָה, גאָט מיינער!

(פאַלט אויף די קניע).

(עס הערען זיך דונערען, זיי ווערען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, פון דרויסען הערען זיך געשרייען, דאָס הויז ציטערט, דער געפילדער וואַקסט).

ר א ח י ל : (פון הינטער דער סצענע). דער באַרג פאַלט!

(לויפט אַריין מיט אַ געשריי אין צימער). דער באַרג פאַלט אויף די קירכע! אויף אונז! אויפ'ן פאָטער! אויף אונז! ער קיי־קעלט זיך, אַרום איז אַ רויך, פינסטער! אָה!..

(זי פאַלט און בעהאַלט איהר געזיכט).

ע ל י א ס : (פון הינטער דער סצענע). פאָטער, פאָטער! אָה!..

ה א נ נ א : (בויגט זיך איבער דער קראַנקערס בעט). אָט קומט עס! אָט קומט עס!.. (דער טומעל איז געוואָרען אַם שטאַרקסטען נאָכהער ווערט עס ביסלעכווייז איינגעשטילט. אין דער צייט פון דעם געפילדער הערט זיך אַלץ דער קלאַנג פון דעם קירכען גלאָק).

ה א נ נ א : (שפּרינגט אויף.) ער הערט ניט אויף צו קלינגען! ער לעבט!

ר א ח י ל : ער לעבט!

ע ל י א ס : (פון הינטער דער סצענע). דער פאָטער לעבט! (דערנעהענטערט זיך). די קירכע שטעהט נאָך! (געהט אַריין). די קירכע שטעהט נאָך. דער פאָטער לעבט. האַרט נעבען דער קירכע האָט זיך דער פעלזען־פאַל פערנומען לינקס. ער לעבט! ער קלינגט, אָה, גאָט מיינער! (בויגט זיך איבער דער מוטערס בעט.)

ר א ח י ל : (קומט צו).

ע ל י א ס : מאַמאַ! —

ה א נ נ א : זי שלאָפט!

ע ל י א ס : (שפּרינגט אויף). זי שלאָפט?

ר א ח י ל : יא, זי שלאָפט. —

(דער גלאָק הערט ניט אויף צו קלינגען).

ה א נ נ א : זי שלאָפט גאַנץ רוהיג.

צווייטער אַקט

(אַ קליין צימער. אין הינטערגרונד פיהרט אַן אָפּענע טהיר צום באַלקאָן; דורך איהר זעהט זיך אַ לאַנדשאַפט, איינגעשלאָסען צווישען נאַקעטע פעלזען. רעכטס נאָך אַ טהיר. לינקס אַ גרויסעס פענסטער. איבער דער אריינגאַנגס טהיר הייננגט דאָס בילד פון „יעזוס אויפ'ן קרייץ“ צוגעדעקט מיט אַ גלאָז. פון פאָרענט, לינקס, אַ קאַנאַפּע, און אַ טיש, אויפ'ן טיש עטליכע ביכער. אַרום די ווענד שטעהן אויסגעשטעלט שטוהלען).

ע ר ש ט ע ר   א ו י פ ט ר י ט.

(עליאַס קומט שנעל און אויפגערעגט אַריין פון באַלקאָן. ער געהט אין איין העמד מיט ליינוואנדענע הויזען און לייכטע שטעק־שיך, אָהן אַ הוי־טעל. שטעלט זיך אָפּ, געהט דאַן צו צום פענסטער און הערט זיך איין. פון ווייטען הערט זיך דייטליך אַ מענער שטימע וואָס זינגט אַ קירכענ־ליעד. עליאַס איז שטאַרק אויפגערעגט. ראַחיל קומט אַריין דורך די טהיר פון דער רעכטער זייט, פערמאַכט זי שנעל הינטער זיך. עליאַס מאַכט איהר אַ צייכען זי זאָל בלייבען שטעהן און זיך איינהערען).

ר אַ ח י ל: (איז אויך אויפגערעגט, רעדט שטיל). איך וועל עפענען די טהיר צו דער מוטער.

ע ל י אַ ס: האָט די מוטער שוין אויפגעוואכט?

ר אַ ח י ל: ניין. אָבער דעם פאָטער הערט זי דאָך. (געהט רעכטס, לאָזט די טהיר אָפען, קערט זיך באַלד צוריק, דאַן זאָגט זי שטיל) — זי האָט אַ שמייכעל געטהון!

ע ל י אַ ס: (שטיל). אַך, ראַחיל!

ר אַ ח י ל: (אויפגערעגט). עליאַס!.... רעד ניט... איך וועל עס ניט אויסהאַלטען!

ע ל י אַ ס: קוק נור אַהין, ראַחיל! — קען נאָך געבען עטוואָס שעהנערעס? הונדערטע מענשען שטעהן שטיל, גאַנץ

שטיל, אַרום דער קירכע, און ער, אינעווענינ, טהוט תפילה און זינגט, און הייבט ניט אָן צו וויסען אַז אימיצער דרוויסען הערט איהם. די פענסטער זיינען אָפען, אָבער זיי זיינען צו הויך ער זאָל עטוואָס קענען בעמערקען. און די מענשען האָבען מורא זיך אַ ריהר צו טהון, כדי איהם ניט צו שטערען. קוק, ער האָט פריהער גערעדט וועגען אַ קייט פון געבעט. אָט די אַלע מענשען אַרום דער קירכע — דאָס איז טאַקע די געבעט־קייט.

ר אַ ח י ל : יאַ. (זיי הערען זיך ביידע איין צו דעם געזאַנג, דאָס געזאַנג הערט אויף). ער זינגט היינט אַזוי אָפּט.

ע ל י אַ ס : פערמאַך דאָרטען די טהיר. איך האָב דיר אַזוי פיעל צו דערצעהלען. איך בין שוין דאָ צוויי מאָל געוועזען דיך זוכען.

ר אַ ח י ל : (געהט שטיל אָב רעכטס, קערט זיך באַלד אום צוריק, און פערמאַכט די טהיר הינטער זיך. זי רעדט דאַן העכער). נאָכמיטאָג זיינען נאָך מעהר מענשען אָנגעקומען.

ע ל י אַ ס : זיי האַלטען אין איין קומען, — פון מיילען וויט! דו קענסט זיי אַלעמען ניט זעהן; פיעלע פון זיי זיינען געבליבען אין וואַלד און הערען דאָרט די דרשות פון די וועלטליכע פּרעדיגער. פון דאָרטען וועלען זיי דעם פאָטער ניט שטערען. אַנדערע געהען אַרום אַהין און צוריק, צווישען וואַלד און די קירכע. אָבער קוק נור אַרונטער דאָרטען, אויפ'ן ברעג!

ר אַ ח י ל : האַ, וואָס איז דאָרטען אַזוינס? די ערד איז דאָרט שוואַרץ פון מענשען. וואָס בעדייטעט עס?

ע ל י אַ ס : עס איז אָנגעקומען די מיסיאָנערען־שיף.

ר אַ ח י ל : די מיסיאָנערען־שיף?

ע ל י אַ ס : ווייסטו גאָר ניט, אַז די שטאָדטיגע האָבען פאַר דעם מיסיאָנערען־צוזאַמענפאָהר געדונגען אַ גרויסע שיף? אָט איז זי איצט אין פיאָרד.

ר אַ ח י ל : דאָ?

ע ל י אַ ס : יאָ, דאָ!

ר אַ ח י ל : אָבער צוליעב וואָס איז זי געקומען אַהער?

ע ל י אַ ס : צו זעהן דעם נס! ווען דער גלח קרעיער און

נאָך איינער אַ פאַרשטעהער פון דאַנען זיינען צוגעפאָהרען צו דער שיף....

ר אַ ח י ל: איז וואָס געווען?

ע ל י אַ ס: און האָבען דערצעהלט וואָס דאָ איז געסטערן פאָרגעקומען, און אַז דער פאָטער בעט נאָך אַלע אין קירכע....

ר אַ ח י ל: אַה, איך פערשטעה!

ע ל י אַ ס: דאַן האָט קיינער פון זיי וויטער ניט געוואָלט פאָהרען! אַלע האָבען געוואָלט דאָ זיך אָבשטעלען. דער בישאָף און די גלחים האָבען זיי געבעטען זיי זאָלען האַלטען זייער פאַר־שפּרעכען. אָבער זיי האָבען זיך איינגעשפּאַרט. דאַן האָבען זיי אויך געמוזט נאָכגעבען און איצט זיינען זיי אַלע דאָ.

ר אַ ח י ל: די גלחים אויך?

ע ל י אַ ס: געוויס. דער בישאָף און אַלע גלחים.

ר אַ ח י ל: און זיי וועלען אַלע קומען אַהער? דו האָסט זיך געדאַרפט אָנטהון.

ע ל י אַ ס: ניין, עס איז מיר אונערטרעגליך אין די קליידער.

ר אַ ח י ל: אונערטרעגליך?

ע ל י אַ ס: די קליידער ברענען מיר פּשוט דאָס לייב. און אַ חוץ דעם שפּיהר איך עפּעס אַזאַ דראַנג, פּונקט ווי איך וואָלט געמוזט פליהען אין דער לופטען. איך קען עס דיר ניט בעשרייבען; אָבער אָפטמאָל פיהל איך ווי איך וואָלט עס געקענט.

ר אַ ח י ל: אָבער, עליאַס!

ע ל י אַ ס: אָט איז ער! אָט געהט ער!

ר אַ ח י ל: ווער? פון וועמען רעדסטו?

ע ל י אַ ס: זעה, דאָס איז דאָך ער! יאַ, דאָס איז ער! זיי האָבען איהם היינט פריה געבראַכט צופיהרען אַ קראַנקען, זעהר אַ קראַנקען, און איצט געהט ער אַרום. אָט קענסטו איהם זעהען! דאָס איז געווען היינט; דער פאָטער האָט נור וואָס אָנגעפאַנגען צו זינגען. קיינער האָט ניט ערוואַרטעט אַז ער ועט זינגען. זיין געזאַנג האָט אונז אַלעמען געריהרט. דאַן איז דער קראַנקער אויפ־געשטאַנען, מיר האָבען עס בעמערקט ערשט שפּעטער, ווען ער איז

שוין אַרומגעגאַנגען צווישען אונז. די מוטער וועט אויך אויפ־שטעהן, ראַחיל. איך זעה דאָס שוין פאַר מיינע אויגען!

ר אַ ח י ל : אויפשטעהן וועט זי. איך ערוואַרטע דאָס יעדע מינוט. אָבער איך ציטער דערפאַר. דו קוקסט אויף מיר, עליאַס?

ע ל י אַ ס : יאָ, — דען, ווען דו רעדסט, דוכט זיך מיר אַקוראַט ווי עס וואָלט דאַרפען קומען אַן אומגליק. ווען די אַנדערע רעדען איז אויך אַזוי.

ר אַ ח י ל : וואָרום, עליאַס!

ע ל י אַ ס : אַמאָל וויעדער, ווי צ. ב. ש. איצטער, הער איך בלויז אַ קלאַנג אָהן אַן אינהאַלט. דען איך הער אין דער זעלבער צייט עפּעס, וואָס ווערט נ י ט אויסגעשפּראָכען.

ר אַ ח י ל : וואָס עס ווערט נ י ט אויסגעשפּראָכען?

ע ל י אַ ס : אָפטער פון אַלעס דוכט זיך מיר, ווי דער פאָטער רופט מיך, — ווי ער רופט מיך ביים נאָמען, פּונקט ווי נעכטען אין דער פריה (אויפגערעגט). ער האָט ניט אָהן אַ כונה מיר מיין נאָמען געגעבען! אין דעם קלאַנג דוכט זיך מיר, אַז איך הער אַ בעשולדיגונג, — און עס איז זיין שטימע, וועלכע בעשולדיגט מיך! עס גיט צייטען, ווען עס קלינגט אַרום מיר אָהן אַן אויפהער; עס פערפאָלגט מיך. צייטענווייז שפּיר איך אַ שטאַרקען פערלאַנגען אַריינצו־וואַרפען זיך אין דעם גרעסטען געפאַהר. איך בין איבערצייגט אַז איך וואָלט אַרויס אונבעשעדיגט... ניין, האָב נור ניט מורא! דאָ איז דאָך קיין געפאַהר ניטאָ.

ר אַ ח י ל : עליאַס, קום, מיר וועלען זיך זעצען נעבען אונזער מוטער, אַרום איהר הערשט אַזאַ רוה.

ע ל י אַ ס : איך קען ניט. — ראַחיל, ענטפער מיר אַנשטאָט גאָט, — ברייננג אַרויס דיין לעצטען, ברענענדסטען צווייפעל, און ענטפער מיר: איז דאָס וואָס מיר לעבען איצט דורך ווירקליך אַ נס?

ר אַ ח י ל : אָה, מיין גאָט! פאַרוואָס, עליאַס, אַלץ קלערען וועגען דאָס אייגענע?

עליאס: איז עס ניט שרעקליך, אז מיר ביידע, די איינ־ציגע וועלכע צוויפלען נאך, זאלען גראד מוזען זיין זיינע קינדער. איך וואלט גערן מיין לעבען אוועקגעגעבען, ווען איך קען נור אפריהער דאס וויסען בעשטימט.

ראחיל: עליאס, גענוג! איך בעט דיך!

עליאס: זאג מיר נור, וואס דו דענקסט! דו ווייסט דאך די מעשה מימ'ן בארג־פאל, — דאס איז דאך צו־געוואלטיג, עס זאל קענען געוועזען זיין א בלויזער צופאל. אפשר ניט אזוי? — און, דער מאמע'ס שלאף! אזוי שנעל ווי ער האט אנגעפאנגען צו קלינגען, — א ווירקליכער שלאף! — א שלאף, ניט קוקענדיג וואס דער בארג איז ארונטערגעפאלען! א שלאף כל זמן ער בעט! איז דאס ניט קיין וואונדער? איז פאר וואס זאל אויך ניט מקוים ווערען דאס אנדערע, דער גרויסער וואונדער?

ראחיל: איך גלויב כמעט, אז עס איז.

עליאס: גלויבסט דו?

ראחיל: דעסטא ניט ווייניגער ציטער איך דערפאר.

עליאס: מורא האבען, ווען דאס איז א וואונדער? דאן הייסט עס, אז דו קענסט דאך ניט גלויבען אז דאס איז א וואונדער.

ראחיל: און דאך גלויב איך!

עליאס: דען עס קען דאך ניט זיין בלויז זיין מאגנעטישע הייל־קראפט? אדער די מאכט פון זיין פערזענליכקייט? ניין, עס איז פיעל מעהר. זאל דאס טאקע זיין דער וואונדער אליין? ביזטו זיכער אין דעם?

ראחיל: איך קען יעצט ניט טראכטען וועגען דעם. איך דארף זיך בערוהיגען, און דעריבער וויל איך זיצען נעבען דער מוטער. איהר ריינקייט און עהרליכקייט פיעלט אן דעם גאנצען רוים און פערטרייבט אזעלכע געדאנקען. אבער איצט, עליאס, איז וויכטיג גאר עפעס אנדערעס.

עליאס: עטוואס אנדערעס?

ראחיל: וואס וועט דאן זיין — ווען זי וועט אויפשטעהן? דען דערמיט איז דאך נאך ניט געענדיגט. סוף כל סוף —

ע ל י א ס: סוף כל סוף — ?

ר א ח י ל: סוף כל סוף האנדעלט זיך עס דאך אום איהר לעבען! (וויינט).

ע ל י א ס: ראחיל, — אָה, גאָט מיינער!

ר א ח י ל: די מאַמע האָט מעהר קיין כוחות ניט צו קעמפּפען. און דער פאָטער, — ער וועט ווייטער פאַרטזעצען, איבערהויפּט איצט!

ע ל י א ס: וואָס פאַרטזעצען?

ר א ח י ל: נו, דאָס אייגענע — און עס מעג זיין וואָס עס וויל!

ע ל י א ס: ווען אָבער דאָס איז דער וואונדער, ראחיל, וואָס זשע איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבען?

ר א ח י ל: איך קען ניט פאָראויסזעהען די פאָלגען פון דעם פאר דער מוטער און פאר'ן פאָטער — פאר אונז אלעמען. אך, דו פערשטעהסט מיך גאָר ניט!

ע ל י א ס: מעגליך אַז דו האָסט רעכט.

ר א ח י ל: מיר איז שוין אַלץ איינס וואָס עס זאָל ניט זיין: עס וועט אונז פערניכטען. עס וועט אונז ענדליך אומברייגגען.

ע ל י א ס: דער וואונדער וועט אונז אומברייגגען?

ר א ח י ל: יאָ, געוויס. עס איז ניט קיין ברכה; עס איז עטוואָס שרעקליכעס! אך, עליאס! (זי ציהט איהם מיט ווייטער אין צימער).

ע ל י א ס: וואָס איז מיט דיר?

ר א ח י ל: דאָרט שטעהט אַ מאַן הארט נעבען פענסטער און קוקט אַריין — אַ זאָנדערבאַרער מענש — אַזאַ בלאַסער...

ע ל י א ס: אין אַ ראָק וואָס איז פערשפּילעט ביז אויבען?

ר א ח י ל: יאָ. (טהוט אַ לייכטען געשריי). אָט איז ער שוין אַריין אין הויז! (געהט ריקווערטס צו דער מוטער'ס צימער, אַקוראַט ווי זי וואָלט וועלען ענטלויפען פון אַ גייסט).

ע ל י א ס: אין הויז? אהער?

(אויף דעם גאַנעק בעוויזט זיך דער „אומבעקאַנטער“, ער טרעט אַריבער די שוועל, בלייבט שטעהן, קוקט זיך אַרום).

צווייטער אויפטריט.

עליאַס: (בעמערקט איהם). אַט איז ער!

אומבעקאַנטער: איהר וועט מיר ערלויבען?

עליאַס: ווער זיינט איהר?

אומבעקאַנטער: וואָס איז דער אונטערשיעד ווער איך בין?

עליאַס: איך האָב אייך שוין געסטערן דאָ געזעהן.

אומבעקאַנטער: איהר זענט גערעכט. איך בין גע־קומען אהער איבער די בערג.

עליאַס: איבער די בערג?

אומבעקאַנטער: איך בין געשטאַנען פונקט פון אויבען ווען עס איז פאָרגעקומען דער באַרג־פאַל.

עליאַס: ווירקליך!

אומבעקאַנטער: איך האָב געהערט ווי די גלאָקען האָבען געקלונגען, און האָב אויך געזעהן דעם קראַנקען וועלכער איז אַליין אויפגעשטאַנען ווען אייער פאָטער האָט געזונגען.... און איצט וויל איך אייך פרעגען: איז דאָס דער צימער וואו אייער מוטער שלאָפט?

עליאַס: יאָ, אָבער ניט אין דעם ערשטען, אין דעם צווייטען צימער.

אומבעקאַנטער: אָבער, ווען זי שטעהט איצט אויף, וועט זי אַריינקומען אהער? וועט זי דורך דאַנען געהן אין קירכע וואו ער איז? — ניט וואהר? זי וועט דאָ דורכגעהן?

עליאַס: נו, ווען איהר אַליין זאָגט עס —

אומבעקאַנטער: פרעג איך אייך, — ניין, איך בעט אייך: מעג איך דאָ בלייבען? וואַרטען אויף איהר? און עס צוזעהן? איך וויל עס אַזוי שטאַרק און קען ניט ווידערשטעהן מיין פערלאַנג. איך וועל ניט אריינגעהן פריהער, ביז איך וועל ניט

פיהלען אַז איך דאַרף אריינגעהן. איך וועל דאָ ניט זיצען און אייך שטערען. אָבער, ווען איך וועל פיהלען דעם פערלאַנג אַריינצוקומען וואַרטען דאָ און זעהן — מעג איך עס טהון?

ע ל י אַ ס: יאָ.

א ו מ ב ע ק אַ נ ט ע ר: איך דאַנק אייך! איך וויל נור אייך נאָך זאָגען: אָט דער טאָג וועט ענטשיידען מיין לעבען. (געהט אויפ'ן באַלקאָן רעכטס).

ד ר י ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

ע ל י אַ ס: אָט דער טאָג ענטשיידט מיין לעבען! (קרעיער קומט פון לינקס פון גאַניק). קרעיער, האָסטו געזעהען דיעזען מענשען? דעם, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען רעכטס?

ק ר ע י ע ר. יא, ווער איז ער?

ע ל י אַ ס: דו קענסט איהם ניט?

ק ר ע י ע ר: ניין.

ע ל י אַ ס: יעדענפאַלס אַ זאָנדערבאַרער מענש. — דיעזער טאָג ענטשיידעט מיין שיקזאַל. אָה, גאָט מיינער! דאָס איז דאָס פאַסענדסטע וואָרט!

ק ר ע י ע ר: דאָס ערוואַרט איך אויך, עליאָס, דיעזער טאָג וועט זיין אַ גרויסער טאָג פאר דיר. ווער קען זיך אַנטגעגען שטעלען נאָך אַלעם דעם, וואָס דאָ קומט פאָר? בלויז דאָס בילד פון הונדערטע מענשען אַרום דער קירכע, און ער אינעווענינג ניט ווייסענדיג פון גאָר ניט! איך קען זיך ניט פאָרשטעלען עטוואָס שעהנערעס.

ע ל י אַ ס: ניט וואַהר? אָה, איך וויל אַוועקטרייבען פון מיר יעדען שרעק און צווייפעל, זאָל דיעזער טאָג ברייננגען די ענטשיידונג! וואָס פאַר אַ שטאָלץ וואָרט דאָס איז! איך האָב געקעמפפט און געליטען און גאָרניט דערגרייכט. און מיט אמאָל האָט זיך מיר עס געגעבען! באַלד וועל איך געפינען אַ בערוהיגונג. לאָמיר וויטער רעדען וועגען דעם!

ק ר ע י ע ר: ניין, ניט איצט. איך האָב צו דיר אַ שליחות.

ע ל י אַ ס: צו מיר? פון וועמען?

ק ר ע י ע ר: איך האָב זיך אומגעקעהרט אהער אויף דער מיסיאָנערען־שיף.

ע ל י אַ ס: איך ווייס עס.

ק ר ע י ע ר: דער בישאָף און די גלחים האָבען געלאָזט פרעגען צי זיי קענען בענוצען דאָס הויז אויף איין שטונדע?

ע ל י אַ ס: צו וואָס?

ק ר ע י ע ר: זיי דאַרפען בעשפּרעכען וואָס פאַר א שטע־לונג זיי זאָלען אָננעמען צו דעם אַלעמען וואָס קומט דאָ פאָר. אויך ווייסען מיר ניט פון קיין אנדער פּלאַץ וואו מיר זאָלען קענען זיין אליין, אונגעשטערט. — וואונדער זיך ניט צו־פיעל! מיר פאַך־מענשען, פּראָפעסיאָנעלע פּרעדיגער, וויל איך זאָגען, — מיר מוזען די זאַך א ביסעל קיהלער בעטראַכטען ווי אַלע אַנדערע, — פער־שטעהסט?

ע ל י אַ ס: אָבער צי וועט דאָס ניט אריינברענגען אהער א שמערצליכע דיסהאַרמאָניע?

ק ר ע י ע ר: עס קען אויך זיך ענדיגען אין א האַרמאָניע. ווער קען זיך שטעלען אַנטקעגען א וואונדער?

ע ל י אַ ס: דו ביזט גערעכט. אָבער אָט דאָ, אין דעם צימער? זיי אוועקשטעלען צווישען דעם פאָטער און דער מוטער? — און ווען דער פאָטער פאַנגט ווידער אָן צו זינגען, וועלען מיר דאָך אפילו די טהיר צו דער מוטער ניט קענען עפענען.

ק ר ע י ע ר: וואָס פאַר אַן ענטפער, דענקסטו, וואָלט דיין מוטער אָדער דיין פאָטער זיי געגעבען?

ע ל י אַ ס: אונבעדינגט, יאָ! דו ביזט גערעכט. זאָלען זיי האָבען דאָס הויז — אָבער מיך בעפרייט.

ק ר ע י ע ר: איך וועל שוין אַלעס אַליין איינאָרדנען. ביידע טהירען צו דיין מוטער זיינען דאָך פערמאַכט?

ע ל י אַ ס: יאָ.

ק ר ע י ע ר: ווען זיי וועלען דאָ זיין, וועל איך אויך דיזע טהיר און דאָס פענסטער צומאַכען.

ע ל י אַ ס: איהר מעגט זיך פערשליסען, איך וויל זיין

דרויסען, און דאָרטען, צווישען יענע, זוכען מיטפיהלענדע. זיי וואַרטען מיט בטחון אַז עטוואָס גרויסעס וועט היינט געשעהען — און זייער בטחון איז זיכער ניט אומזיסט. (געהט אָב).

קרעיער: (געהט איהם נאָך). זאָלען מיר בעטען דער־פאַר, עליאַס?

עליאַס: יאָ, איך צום ווענינגסטען וויל עס פּרובירען! (ביידע געהען לינקס).

פיערטער אויפטריט.

קרעיער: (אריינקומענדיג ווידער פון לינקס). ביטע זעהר! (געהט צום פענסטער און פערמאַכט עס. דערווייל קומען אריין דער בישאָף און די אַנדערע גלחים. קרעיער געהט צוריק און פערמאַכט אויך די טהיר).

בלאַנק: איהר זענט דאָך דאָ אַ היימישער מענש. קענט איהר פיעלייכט קריגען עטוואָס עסען פאַר אונז?

בישאָף: איך פערשטעה, אַז מיר מאַכען זיך לעבערליך. אָבער די זאַך איז די, — מיר האָבען שרעקליך געליטען פון ים־קראַנקהייט.

ברעי: עס איז אין אונז גאָר נישט ניט געבליבען....

בישאָף: ווען מיר זיינען ענדליך אריינגעפאָהרען אין רוהיג וואַסער און מען האָט געוואָלט אָנהויבען פאַר אונז קאָכען און בראָטען, איז —

ברעי: האָט זיך אריינגעמישט דער „נס“.

פאַלק: איך בין שרעקליך הונגעריג.

קרעיער: איך האָב מורא דאָ האָט היינט קיינער ניט געטראַכט וועגען עסען; דאָך וועל איך אַ קוק געבען. (געהט אַוועק).

יענסען: איך האָב אמת'ע עסען־האַלוציגאַציעס. איך האָב אַפילו געלעזען וועגען דעם עפּעס, אָבער מען לעזט דאָך פער־שיידענעס אין וואָס מען גלויבט ניט. איבערהויפט זעה איך פאַר מיינע אויגען פעלד־היהנער — יאָ, —

פאַלק: פעלד־היהנער!?

י ע נ ס ע ן : איך שפיהר אפילו דעם ריח ; געבראָטענע פעלד־היהנער !

ב ל א נ ק : פעלד־היהנער ?

מ ע ה ר ע ר ע ש ט י מ ע ן : וועט מען אונז געבען פעלד־היהנער ?

ק ר ע י ע ר : (קומט צוריק און נאָך שטעהענדיג אין טהיר זאָגט ער:) צום בעדויערען איז קיין זאַך ניטאָ. איך בין געווען אין קיך און אין שפייז־קאמער, — אַלעס איז לעער. עס איז אין ערגיץ ניטאָ קיין נפש.

ב ר ע י : גאָר קיין איינציגער נפש ?

פ א ל ק : אָבער איך בין אַזוי שרעקליך הונגעריג.

ב י ש אָ ף : מיינע פריינד ! מיר דארפען זיך ניט מאַכען צו־נאַריש ! אז מען קען ניט העלפען איז פערפאַלען. לאָמיר, אַלזאָ, אָנפאַנגען. איך בעט צו פערנעמען די פּלעצער ! (ער זעצט זיך אויף דער זאָפע, די אַנדערע זעצען זיך אויף שטוהלען) ווי מעגליך קורץ און שטיל, — וואָרום מיר ווייסען אַז דאָ אין הויז געפינט זיך אַ קראַנקע. נון, מוזען מיר אָפּמאַכען ווי אַזוי מיר זאָלען זיך פערהאַלטען. איך בין אײַנ ער געווען מיט דער מיינונג, אז ביי אַזעלכע בעוועגונגען דאַרף בּ רך כלל זיך דער גייסטליכער פערהאַלטען גאַנץ נייטראַל. מען דאַרף ניט צושטימען, אויך ניט זיין דאַגעגען, ביז וואַנען די בעוועגונג האָט זיך אַזוי ווייט איינגעשטילט, אז מען קען אורטיילען וועגען איהר רוהי־ערהייט. דעריבער טאַקי איז מיין עהרליכסטער וואונש געווען פערביי פאָהרען פערביי דאַנען. ליידער אָבער איז אונז ניט בעשערט געווען פערביי צו פאָהרען.

ד י ג ל ח י ם : (מורמלען צווישען זיך). ניט געקענט פערביי פאָהרען, — ניט בעשעהרט געווען.

ב י ש אָ ף : אַלע האָבען געוואָלט אהער, אָט דאָ, וואו די וואונדער זיינען, אַזוי צו זאָגען, ווי ביי זיך צו הויז. און איך טאַדעל זיי ניט דערפאַר. נור אַזוי ווי מיר זיינען דאָ צוזאַמען מיט זיי, און דערצו נאָה, אויף איין שיף, וויל מען אויך הערען

אונזער מיינונג. און ווען מיר וועלען קומען אויף דער מיסיאָנס־פערזאמלונג, וועט מען דאָרט אויך וועלען הערען אונזער מיינונג — נון, איז וואָס איז אונזער מיינונג?

קרעיער: איך בעט אום ערלויבניס ארויסצוזאָגען מיין מיינונג: עס איז איינס פון די ביידע, אָדער מיר גלויבען אין דעם וואונדער און האנדלען אין איינקלאַנג דערמיט, אָדער מיר גלויבען דעריין ניט, און האנדלען דאַן ווי די וואָס גלויבען ניט.

בישאָף: הם?.... עס איז פאראַן נאָך אַ דריטער וועג, מיין יונגער פריינד!

די גלחים: (מורמלענדיג צווישען זיך). עס איז דאָ נאָך אַ דריטער וועג. אודאי איז דאָ נאָך אַ דריטער וועג.

בישאָף: וואָס עלטער און ערפארענער מען ווערט, אלץ שווערער איז צו קומען צו אַ פעסטע איבערצייגונג, — איבערהויפט וואו עס האנדעלט זיך וועגען איבערנאַטירליכע זאכען. ניט די צייט, ניט די אומשטענדען לאָזען דאָ צו אַ ריכטיגע אונטערזוכונג. און נעהמען מיר אָן, אַז מיר זיינען געקומען צו פערשיעדענע מיינונגען, — וואָס פאר אַ פנים וועט אַ מחלוקה פון גייסטליכע וועגען אַ וואונדער האָבען אין היינטיגער צייט פון צווייפעל? ווי וועט אויסזעהען אַ מחלוקה, צי ערגיץ ווייט אין צפון פון נאָרוועגיען געבען וואונדער צי ניט? — איך זעה אַז אונזער געשעצטער בלאַנק וויל האָבען דאָס וואָרט.

בלאַנק: אויב איך האָב אייער כבוד ריכטיג פערשטאַנען, שטעהט אונז דאָ גאָר ניט פאָר צו בעשליסען צי פאסירען דאָ נסים, צי ניט. דאָס איז אין גאנצען גאָט׳ס זאך.

בישאָף: יאָ, ס׳איז גאָט׳ס זאך! דאָס איז דאָס ריכטיגע וואָרט! איך דאנק דיר, אלטער פריינד!

בלאַנק: איך גלויב אַז נסים זיינען אונטערוואָרפען אונטער דערזעלבער גרויסער געזעצמעסיגקייט, ווי אלע אנדערע זאכען, ווען אפילו מיר קענען דאָס געזעץ ניט זעהען. איך האָב איבערהויפט דיזעלבע מיינונג וואָס פּראָפעסאָר פעטערסען.

פ אַ ל ק : וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין דעם בוך, יועל־כען ער האָט נאָך אַלץ ניט זוכה געווען אַרויסצוגעבען?

ב ל אַ נ ק : אין דעם בוך וועלכען ער דענקט אָבער אַרויס־צוגעבען אין אַ פּאָאַר יאָהר אַרום. אָבער וויבאַלד אַז אַזוי, צי קענען מיר, קורציזיכטיגע, בעשטימען די בעדייטונג פון יעדען בע־זונדער וואונדער? אויב דער עולם מיינט אַז ער זעהט, איז לאָמיר לויבען גאָט מיט איהם צוזאַמען.

ב י ש אָ ף : הייסט עס, אַז דיין מיינונג איז, אַז מיר דאַרפען אָנערקענען דעם וואונדער?

ב ל אַ נ ק : ניט אַנערקענען און אויך ניט אָפּלייקענען. מיר לויבען נור גאָט צוזאַמען מיט דער געמיינדע. דאָס איז אַלעס.

ב י ש אָ ף : ניין, אַלטער פריינד, מיט לויבגעזאַנגען אַליין וועלען מיר פון דער זאַך ניט לויז ווערען.

ד י ג ל ח י ם : (מורמלען צווישען זיך). מיט לויבגעזאַנגען אַליין וועלען מיר פון דער זאַך ניט לויז ווערען.

ב י ש אָ ף : ברודער ברעי האָט דאָס וואָרט.

ב ר ע י : איך זעה ווירקליך ניט איין וואָס עס שטעהט אונז אין וועג גלייך אָנצוערקענען דעם וואונדער. איז עס דען עפּעס אַזאַ זעלטענהייט? איך זעה וואונדער שטענדיג און אומעדום. אין מיין געמיינדע זיינען מיר אַלע אַזוי צוגעוואוינט צו דעם, אַז עס וואָלט ביי אונז אויסגעקומען אַ גרעסערער וואונדער, ווען זיי זאָ־לען פערשווינדען.

פ אַ ל ק : וועט אפשר ברעי זיין אַזוי גוט און אונז מיט־טהיילען פון די וואונדער, וועלכע זיינען אַזעלכע געוועהנליכע זאַכען אין זיין געמיינדע?

ב י ש אָ ף : ניין, דאָס וואָלט אונז אַראָבגעפיהרט פון פּונקט. איהר האָט זיך אויפגעשטעלט, — איהר פערלאַנגט דאָס וואָרט?

י ע נ ס ע ן : יאָ, ביטע. דאָ אין דעם פאַל הענגט אַלעס אָב פון דעם פאַקט וועלכער ליעגט אונז פאָר. די פראַגע איז דאָ: איז עס אַ וואונדער, אָדער אפשר גאָר מעהרערע וואונדער, אָדער עס איז ניט קיין וואונדער?

קרעיער: יא, דאָס איז עס טאַקע!

יענסען: יעדער וואונדער מוז אונטערזוכט ווערען. אָבער דערצו מוז מען האָבען אַ ספּעציעלע מעדיצינישע אויספאָרשונג, און אויב מעגליך, אויך אַ פּראָטאָקאָל פון עדות, אויסגעמאַכט פון אַ פּעהיגען געזעץ-קענער. נור דאַן וואָלטען די גייסטליכע מיט זי־בערהייט געקענט געבען זייער גייסטליכען אורטייל. אונטער „גייסטליך" מיין איך ניט וואָס מיר זעהען און הערען דאָ פון די וועלטליכע פּרעדיגער, און אַנדערע זאָגענאַנטע בעגייסטערטע מענ־שען. אין דעם פאַל ווי אין אַנדערע עהנליכע פעלען מיין איך די פּשוט'ע, טרוקענע וואַרהייט, — וועלכע איז אַלץ מעהר גייסטליך וואָס איינפאַכער און טרוקענער זי איז.

פאַלק: הערט! הערט!

יענסען: דאַן, קען זיין, וועט זיך ארויסווייזען, אַז קיין וואונדער איז גאָר ניט געשעהן, ניט דאָ און ניט אַנדערסוואו. יען וואונדער פּאַסירען ניט ערוואַרטעטערהייט און בעגריסט פון הונ־דערטער אָדער טויזענדער מענשען פול פון אויפרעגונג און נייגעריגקייט. יאָ, איך זאָג פון נייגעריגקייט! דער אמת'ער וואונדער קומט מילד, רוהיג, ריין און ניכטער, צו די עכטע, מילדע, רוהיגע און ניכטערע.

פאַלק: דאָס זיינען ווערטער ארויסגענומען פון מיין מויל!

קרעיער: מיט אייער ערלויבנים, וויל איך דאָ מאַכען איין בעמערקונג. זינט איך פונקציאָניר דאָ אַלס גייסטליכער, האָב איך בעמערקט אַז די טרוקענסטע מענשען ווערען לייכטער ווי אַנ־דערע די אָפּפער פון אַבערגלויבען.

בלאַנק: גאַנץ ריכטיג! דאָס איז אַקוראַט מיין ער־פאַהרונג אויך!

קרעיער: אונגלויבער ווי זיי זיינען, בעשטרייטען זיי אָפט דאָס וואָס ליגט קלאָר פאַר אַלעמענס אויגען. אָבער דער־פאַר פאַלט אויף זיי אַרויף, ווי פון אונטער דער ערד, אַן אונער־קלערליכע שרעק, און זיי שטעהען אונטער דעם איינפלוס פון אַזוינע זאַכען, וועלכע מיר קענען אַבסאָלוט ניט זעהען. איך האָב אָפט

געטראַכט, אַז די שטרעבונג צו איבערנאַטירליכעס איז אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין דעם מענשען, אַז אויב מיר שטעלען זיך איהם אַנטקעגען פון איין זייט —

ב ל אַ נ ק: וועט עס פאַר איהם ערשיינען פון אַן אַנדער זייט. גאַר מיין מיינונג!

פ אַ ל ק: יא, זאָל ער קומען פון וועמען עס וויל זיך, וואָלט איך דאָך וועלען שטעלען די פראַגע: פיהרט די דאָזיגע מיינונג דערצו, אַז מיר דאַרפען ווידער אויפגעבען די אָרדנונג און קלאָר־קייט וואָס מיר האָבען איינגעפיהרט אין אונזער קירכע? אָדער מיר זאָלען זיך צוריק פערנעמען מיט פוסטע חלומות, ווי אָרדינירטע אוילען?

ב ר ע י: מיינט איהר ניט פיליכט מיך מיט דעם? (די גלחים ברעכען אויס אין אַ שטאַרקען געלעכטער).

ב י ש אָ ף: טס!... מיר מוזען ניט פערגעסען די קראַנקע דאָרט׳ן!

פ אַ ל ק: דער פערלאַנג נאָך וואונדער איז פונקט אַזאַ שעדליכער געוואוקס אויפ׳ן קערפער פון גלויבען, ווי דאָס וועלט־ליכע פרעדיגערטום — אַן אונאָרדנונג, אַ קראַנקהייט, אַן אַטאַוויזם, אַן אויסוואורף. (די אַנוועזענדע לאַכען. אייניגע מוזען הוסטען).

ב י ש אָ ף: טס!...

פ אַ ל ק: אַ נס, וועלכער איז ניט אַנערקענט פון די גייסט־ליכע, וועלכער, — ווי זאָגט מען עס, — איז ניט בעשטימט און אָנגענומען פון די העכערע בעאַמטע פון דער קירכע, אונטער דעם פאָרזיץ פון זיין מאַיעסטעט, דעם קעניג, — אַזאַ נס איז אין מיינע אויגען ווי אַ לעדיגגעהער, אַן ארומשלעפער, אַ מ ע ר ד ע ר.

(דער בישאָף לאַכט שטיל. די גלחים טהוען איהם נאָך).

פ אַ ל ק: דאָס מעג זיך זיין גוט און נאַאיוו; איך בין אויך אַמאָל געווען נאַאיוו. ווען מען מוז אָבער אַלס גייסטליכער אין אַ גרויסער שטאָדט, זאָגען מיר, איינס אַזייגער זיין טרויעריג מיט די טרויעריגע אויף אַ לויה; דאַן זיך פרעהען מיט אַ פרעה־ליכע געזעלשאַפט אויף אַ חתונה, אום 3 אוהר; דערנאָך פיער

אזייגער זיך איילען צום טויטען־בעט פון א שטארבענדען, און אום פינף זיין אויף א מיטאָג אין שלאָס — דאַן לערנט מען אביסעל די מענשליכע שוואכקייט. דאַן קען מען זיך אויסלערנען ניט צו פערלאָזען זיך אויף פערזאָנען, אָבער דערפאר וואָס מעהר אויף אינסטיטוציאָנען! וואו עס בעווייזט זיך א נס, דאָרטען מוז יעדע אינסטיטוציאָן אונטערגעהן אין דעם דראַנג פון די גע־פיהלען. די קאַטוילישע קירכע האָט דעריבער פּרובירט פון די נסים גופא מאכען א אינסטיטוציאָן. זי האָט אָבער פערלאָרען דער־פאר די אכטונג פון אַלע קלוגע מענשען, און האַלט זיך נור אָן די נאַרען און זעלבסטזיכטיגע. איך האָב זיך אמאָל געפונען אין א דאַמענגעזעלשאַפט, איך מיט נאָך א צוואַנציג דאַמען. (עס ווערט פרעהליכער.) איינע פון זיי האָט געקריגען קרעמפּען. גלייך נאָך איינע. דאַן נאָך איינע — אין גאַנצען זעקס. (די פרעהליכקייט ווערט שטאַרקער). דאַן האָב איך גענומען א גראַפין מיט קאַלט וואַ־סער און האָב געגאָסען אויף זיי איינע נאָך די אַנדערע (בעוועגט מיט די הענד ווי מען גיסט); דאַן אויך אויף עטליכע פון די איבעריגע, וויל, פערשטעהט איהר מיך, אזא זאַך איז אַנשטעקענד. (א שטאַר־קער געלעכטער).

ביּשאָף: (כאַפּט זיך דער ערשטער). טס!...

(ער צולאַכט זיך אָבער באַלד צוריק, אַלע אַנדערע טוהן איהם נאָך. ענדליך קאָנטראָלירט ער זיך). טס...!

פאַלק: דאָס, גלויב איך, איז די ריכטיגע זאַך, — אָבגיסען מיט וואַסער!

(די גלחים לאַכען און הוסטען אין זייערע טאַשען־טיכער, אייניגע פון זיי דריקען איהם די האַנד אַלס צייכען פון דאַנקבאַרקייט).

קרעיער: מיר קענען פאַלק'ן און וויסען אז ער איז א גוטער מענש. טראָץ זיינע מאָדנע וועגען, זיינע קאַפּריזען איז ער פאָרט א זעהר גוטער מענש. איך רעכען אָבער, אז ווען ער וואָלט צ. ב. ש. געזעהן די אַלטע אלמנה — זי איז שוין באַלד הונדערט יאָהר אַלט, — וואָלט ער געוועזען דער לעצטער אָבצוגיסען זי מיט וואַסער — כאָטשע זי געהט דאָ אַרום ווי א לעבעדיג וואונדער און

שטעקט אַלעמען אַן מיט איהר גלויבען. דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען אַגאַטע פּלאַרוואַגען, דאָס יונגע מיידעל וועלכע פּאַסט אויף אויף די אַלטיטשקע. דעם וואונדער וואָס האָט איהר לעבע־דיג געמאַכט, האָב איך אַליין געזעהן, און מיט מיר אויך אַנדערע מענשען. פאַר א ו נ ז ע ר ע אויגען און פאַר א ו נ ז ע ר ע הענד איז זי געוועזן טויט און קאַלט, און ער האָט געבעטען נעבען איהר געלעגער און האָט זי אַנגענומען פאַר דער האַנד, און זי איז אויפגעשטאַנען. איהר וועט דאָך ניט צווייפלען אין די עדות וואָס א גלח אַליין דערצעהלט אייך. (אלע פערוואונדערט). זיי זיינען דאָ איצט פאַראַן.

מ ע ה ר ע ר ע ג ל ח י ם : דאָ? זיי זיינען דאָ!

ק ר ע י ע ר : זיי וועלען אפשר דאָ אריינקומען. זיי געהען גראַדע צום הויז צו; זיי געהען אָבער לאַנגזאַם. די אַלטע וויל זעהן אָט די דאָ, וועמען זאָגאַר דאָס פאַלען פון בארג האָט ניט געקענט אויפוועקען. איהר וועט דאַן אַליין זעהן דיעזע אַלטיטשקע! רעדט זיך דורך מיט איהר, אויך מיט דעם מיידעל וואָס בעגלייטעט זי. איהר וועט קריגען אַן ענטפער, וואָס איז אַזוי קלאָר און איבער־צייגענד, ווי זייער גאַנצעס אויסזעהן. דאָס אַליין וועט אונז ברענ־גען א סך ווייטער איידער אַלע אַנדערע בעלעהרענדע אונטערזו־כונגען. איך זאָג דאָס ניט כדי יעמאַנדען צו בעשולדיגען. איך אַליין האָב פּונקט אַזוי געדענקט ווי איהר יעצט, ביז איך בין אָנ־געקומען אַלס גלח אַהער אין דיעזע בערג. קיינער האָט ניט גע־פיהלט שמערצליכער ווי איך דאַמאַלסט די הנחות וואָס די קירכע האָט דאָ געמוזט מאַכען, און די ארימקייט און ענגקייט פון די לעה־רען, מיט וועלכע מיר האָבען דאָ צו טהון. מיר זיינען ארעם אָהן וואונדער, אָהן דעם מוטה צו בעטען פאַר'ן וואונדער, — זאָלען מיר דען זיך מאַכען ווי מיר דאַרפען עס ניט, אָדער ווי מיר וואָלטען עס געהאַט און זיינען רייך? איך קען יעדען פון אייך אַזוי גוט, צו קענען זאָגען מיט זיכערהייט, אַז אויב איהר וואָלט געקענט קלאָר ווערען, אויב איהר וואָלט געקענט זיך איבערצייגען, אַז דאָ ליעגט ווירקליך פאַר א וואונדער, אַזא גרויסער וואונדער, אויף וועלכען עס

איז מקוים געוואָרען די הייליגע ווערטער פון דער ביבעל : „און אלע וואָס האָבען עס געזעהען, האָבען געגלויבט", — אָה, ווי שוואַך יע־דער איינער פון אייך זאָל ניט זיין, איהר וואָלט דאַן געוואָרען ווי קינדער, איהר וואָלט זיך אינגאַנצען איבערגעבען צו דעם, איהר וואָלט געאָפּפערט אלע אייערע געבליבענע טעג צו פערקינדיגען דעם וואונדער צווישען מענשען! (אַ בעוועגונג, איבערהויפּט צווישען די עלטערע גלחים). איך ערלויב זיך דאָס צו זאָגען אין אייער נאָמען, ליעבע ברידער, ווייל איך שטעה נאָך אין מיטען פון דעם גייסטיגען קרייז, וועגען וועלכען עס ווערט געזאָגט : אָדער אינעוועניג, אָדער דרויסען. שטעהט מען אָבער איינמאָל אינעווענינ, דאַן פאַלען אַוועק אַלע קליינליכע אויסריידען און מיר פיהלען זיך קרעפטיג אנצו־ערקענען די ווארהייט. וואָס וועט בלייבען פון דעם קריסטענטהום, אויב די קירכע וועט פערלירען די וואונדער?

ע ל י אַ ס : (אריינקומענדיג פון דרויסען). ענטשולדיגט! דאָ איז איינע וועלכע וויל זעהן מיין מוטער. דאָס איז די אַלטע אלמנה פון דעם פערשטאָרבענעם גלח. (אלע שטעהען אויף, אין טהיר בעוויזט זיך די אלמנה און אַגאַטע. עליאַס עפענט די טהיר וועלכע פיהרט רעכטס און געהט מיט זיי אַריין. די גלחים האָבען אָב־גערוקט זייערע שטוהלען און געשטעלט זיך אָן אַ זייט).

ד י א ל מ נ ה : (איבערטרעטענדיג די שוועל). פערלאָז מיך, אַגאַטע! — איך וויל בלייבען אַליין — ווארים דאָ וואו גאָט האָט זיך בעוויזען איז הייליגער באָדען. אַ הייליג פּלאַץ. דאָ זעהט מען איהם פּנים אל פּנים. — דאָ איז דאָס בעסטע צו זיין אַליין. (זי שטעהט אַזוי אַז זי קען אריינקוקען אין דעם צווייטען צימער. פערנייגט זיך און הויבט אויף הויך איהרע הענד אין אַ בע־גייסטערונג. קוקט נאָך אַמאָל אריין און פערנייגט זיך. דאַן קעהרט זי זיך אום און געהט צוריק). זי איז געווען וויים — בלענדענד וויים — און איז געשלאָפען ווי אַ קינד — יעצט האָב איך עס געזעהן. — אָה, וואָס פאַר אַ ענטפלעקונג! איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט מיך געלאָזט אַליין!

אַ ג אַ ט ע : ביזט דען דאָ געווען אַליין?

ד י א ל מ נ ה : גאַנץ אליין — קיינער א חוץ מיר — זי איז געווען בלענדענד ווייס. (זיי געהען אַרויס).

ע ל י אַ ס : (קאָמענדיג פון רעכטס). ביידע טהירען זיינען ווידער פערמאַכט. איצט וועל איך אויך די פערמאַכען. (גערט אַרויס, די גלחים שטעהען נאָך אַלץ אונבעוועגליך).

ק ר ע י ע ר : איהר האָט ניט גערעדט צו איהר?

ב י ש אָ ף : ניין.

ק ר ע י ע ר : עס רוהט אַ מין זאַנענשיין אויף אַלעמענס געזיכטער, — און איך וועל אייך זאָגען וואָרום. די מענשען, אויף וועמען אַ וואונדער האָט געשיינט, שלאָגען פון זיך אָב דעם ליכט־שיין צוריק. זאָלען מיר ניט פאָרטזעצען אונזער געשפּרעך?

(אַלע זעצען זיך ווידער אַוויס).

י ע נ ס ע ן : מעג איך שטעלען אַ פראַגע? — האַלט איהר דאָס תשובה טהאָן אויף פאַר אַ נס?

ק ר ע י ע ר : דאָס וואָס מיר רופען „דער וואונדער פון תשובה טהאָן" לאָזט זיך אין זיין יעדען טריט ערקלערען פּסיכאָ־לאָגיש. פאָלגליך איז דאָס ניט קיין נס. תשובה קומט אויך פאַר ביי אַנדערע רעליגיאָנען, און דאָס אייגענע איז אויך די ריין מאָ־ראַלישע תשובה, כאָטשע יענע קומט פאַר אין דער שטיל. אָבער אַ קריסטענטהום וועלכער איז געבויט אויף וואונדער, און וועלכער האָט אין פערלויף פון דער צייט פערלאָרען די קראַפט פון וואונדער — וואָס בלייבט דאַן? נישט מעהר ווי מאַראַלישע פאָרשריפטען.

פ אַ ל ק : דער עיקר פון קריסטענטהום איז ניט די וואונ־דער, נור דער גלויבען אין תחית המתים.

ק ר ע י ע ר : האָבען דען ניט דעם גלויבען אַלע וועלט־רעליגיאָנען? האָבען איהם דען ניט אַלע מענשען מיט אַ רעליגיע־זען געפיהל?

פ אַ ל ק : אָבער אָהן דער נאַאיוויטעט פון אַ קינד.

ק ר ע י ע ר : זעהר ריכטיג. אָהן דער נאַאיוויטעט.

פ אַ ל ק : אָבער דאַרום אויך אָהן אַ פאָלשטענדיגער היני־געבונג.

ק ר ע י ע ר : ניין, דאָס איז שוין ניט ריכטיג! איז דע דאָס געהן צום טויט פון די מערטירער ערשט געקומען אויף דער וועלט מיט'ן קריסטענטהום? האָט דען דאָס קריסטענטהום אונ צוערשט געלערענט דאָס גרעסטע גליק פון לעבען און שטאַרבען פאַר דאָס וואָס מען ליעבט? עס איז געווען אויף דער וועלט לאַנג פריהער פאַר דעם קריסטענטהום, און עס איז אויף דער וועלט היינט נאָך נעבען דעם קריסטענטהום, אין אַלע מעגליכע פאָרמען.

ב י ש אָ ף : אָבער וואָס פערשטעהט איהר דען אונטער קריסטענטהום?

ק ר ע י ע ר : פאַר מיר איז דאָס קריסטענטהום פיעל מעהר אַלס אַ מאָראַלישע פאָרשריפט. מאָראַלישע פאָרשריפטען, אַ סך מעהר אויספיהרליך און שעהנער, געפינען מיר אַנדערשוואו איידער אין דעם נייעם טעסטאַמענט. פאַר מיר איז עס פיעל מעהר איידער דער כח זיך מקריב צו זיין. ווען דאָס וואָלט ניט זיין אַזוי, וואָלטען פיעלע אַנדערע רעליגיאָנען געשטאַנען אויף איין מדרגה ווי דאָס קריסטענטהום. איינס פון די ביידע: אָדער דאָס קריסטענטהום איז די פערקערפערונג פון אַ געטליכעס לעבען, וואָס שטעהט העכער איבער דער זינדיגער וועלט מיט אַלע איהרע פאָרשריפטען, אָדער ער איז עס ניט. ענטוועדער עס איז מעהר איידער אַן אויפאָפפערונג פאַר אַ אידעע; דאָס הייסט, עס איז אַ ניי לעבען, אַ וואונדער; אָדער דאָס איז ניט קיין קריסטענטהום. (זעצט זיך אַנידער אַ פערמאַטערטער). איך האָב נאָך פיעלעס געהאַט צו זאָגען — אָבער — איך קען מעהר ניט.

ב י ש אָ ף : ליעבער קרעיער, גלייך ווי איהר זייט ארויפגעקומען אויפ'ן שיף, האָב איך שוין בעמערקט אַז איהר זענט אויסגעמאַטערט און ליידענד. אָבער אַזוי געהט עס מיט יעדען וואָס געהט אין די דרכים פון'ם גלח סאַנג.

ד ע ר א ו נ ב ע ק אַ נ ט ע ד : (געהט לאַנגזאַם אריין). מעג איך בעטען דאָס וואָרט? (אַלע קעהרען זיך אום, אייניגע שטעהען אויף).

ב י ש אָ ף : בראַטט, דאָס ביזט דו?

אַ נ ד ע ר ע : פּאַסטאָר בראַטט?

נ אָ ך אַ נ ד ע ר ע : איז דאָס בראַטט?

ב י ש אָ ף : דו ביזט ניט געפאָהרען מיט אונז. ווי אַזוי ביסטו אהער געקומען?

ב ר אַ ט ט : איבער די בערג.

ב י ש אָ ף : איבער די בערג? — הייסט עס, אַז דו ווילסט ניט זיין אויף דער פערזאַמלונג פון די מיסיאָנערען?

ב ר אַ ט ט : ניין, איך האָב געוואָלט דאָ זיין.

ב י ש אָ ף : איך פערשטעה דיך.

ב ר אַ ט : צום וואונדער וויל איך געהן. — און איך בין אָנגעקומען נעכטען פּונקט דאַן, ווען עס האָט פּאַסירט דער בארג־פאַל. איך בין געשטאַנען אויפ'ן בארג, ניט ווייט פון ברעג, און האָב געהערט די קלאַנגען פון גלאָק. שפּעטער בין איך דאָרט ווידער געווען. און היינט פּארמיטאג האָב איך געזעהען אַ קראַנקען, וועמען מען האָט געבראַכט צו טראָגען אין די קירכע, און וועלכער איז אויפגעשטאַנען בעת דער פּאַסטאָר האָט געזונגען, האָט געדאַנקט גאָט און איז אַוועקגעגאַנגען. — מעג איך נאָך רעדען?

ב י ש אָ ף : געוויס.

ב ר אַ ט ט : דען איך נויטיג זיך זעהר אין הילף, ברידער, און איך בין געקומען עס ביי אייך בעטען.

ב י ש אָ ף : רעד, ליעבער בראַטט.

ב ר אַ ט ט : דאָ — האָב איך געזאָגט צו זיך, — שטעה איך פּנים אל פּנים מיט אַ נס. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָב איך זיך געפרעגט: איז עס טאַקע אין דער ווירקליכקייט אַ נס? דאָס איז ניט דאָס ערשטע פּלאַץ וואָס איך בעזוך אום צו זעהן אַ וואונדער. איך בין פון אַלע וואונדער־ערטער פון אייראָפּא צוריקגעקומען ענטטוישט. דאָ איז דער גלויבען גרעסער און איינפאַכער. דיעזער מאַן איז ווירקליך גרויס. דאָס וואָס איך האָב דאָ געזעהן, האָט מיך אַרומגענומען מיט אַ איבערנאַטירליכער קראַפט. אָבער באַלד איז ווידער געקומען דער צווייפעל! איהר זעהט, דאָס איז מיין פלוך! איך האָב איהם אַליין אַרויסגעצויגען אויף זיך

דערמיט וואָס איך האָב אַלס גייסטליכער זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד פערשפּראָכען די גלויביגע וואונדער. איך האָב דאָס זיי פערשפּראָ־כען ווייל אַזוי איז עס געשטאַנען געשריעבען, אָבוואָהל אַליין האָב איך געצווייפעלט, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געזעהען אַ גלויבי־גען ווען עס האָט געטראָפען אַ וואונדער. זיבען יאָהר האָב איך געפּרעדיגט דאָס, אין וואָס איך האָב אַליין ניט געגלויבט. און גאַנצע זיבען יאָהר, ווען עס פלעגען קומען שווערע טעג און שלאָפ־לאָזע נעכט, — און קומען פלעגען זיי אָפט, — האָב איך פער־בראַכט אין טיעפען געבעט און האָב געפּרעגט: וואו איז די וואונדער־מאַכט וועלכע דו האָסט פערשפּראָכען דיינע גלויביגע? (וויינט).

ב י ש אָ ף: דו האָסט עס פריי אַרויסגערעדט! אַזוי האָסטו אַלעמאָל געהאַנדעלט.

ב ר אַ ט ט: אין בינדענדע ווערטער, איינס שטאַרקער פאַר דאָס אַנדערע, האָט ער אונז געזאָגט, אַז דער גלויביגער בעזיצט אָט די קראַפט. יאָ, די מאַכט צו שאַפען נאָך גרעסערעס איידער עס האָט געשאַפען דער „זוהן פון מענשען“. וואו איז געבליבען אָט די קראַפט? נאָך אַכטצעהן הונדערט יאָהר פון אונערמידליכער גלויבענס־אַרבייט איז נאָך קיינער ניט פאָלקאָמען גענוג ער זאָל קענען אָבטהון אַ וואונדער צווישען אונז. גאָט'ס איינענער צוזאָג איז נאָך אַלץ ניט מקוים געוואָרען. די פעהיגקייט צו גלויבען האָט דאָך ניט געקענט פערמינדערט ווערען. זי האָט דאָך ניט געקענט מחמת דעם שטענדיגען געברויך שוואַכער ווערען. אָ, ניין! אין די מעהר ווי אַכטצעהן הונדערט יאָהר וואָס זיינען פאַראיבער זינט דיעזער גלויבען איז צום ערשטען מאָל ערקלערט געוואָרען, האָט ער אַלץ טיעפער געדראָפט זיך איינוואָרצלען דורך די ירושה פון דורי דורות, אַלץ טיעפער אַריינדרינגען דורך די ערציהונג. און דאָך איז ער נאָך אַלץ ניט שטאַרק גענוג צו בעווייזען אַ וואונדער! דער הייסער וואונש פון אַלע גלויביגע אינאיינעם קען נאָך אַלץ ניט אַרויסברייננגען איין מענשען וואָס זאָל מיט זיין וואונדערמאַכט מאַכען פאַר גלויביגע אַלע וואָס ווילען דעם וואונדער זעהען? עס

זאָל טרעפען ווי עס שטעהט אין די ביבעל: „אַלע וואָס האָבען געזעהען, האָבען געגלויבט“. עס מוז זיך דאָך טרעפען אַ נס וואָס זאָל פון אַלע צושוויער מאַכען גלויבער. אָבער טויזענדע פאַלען גאָר אַוועק פון דעם גלויבען, ווייל, ווי אָפט עס איז נישט פער־שפּראָכען געוואָרען, און דאָך דער וואונדער קומט ניט! אַ מאַן מיט היינטיגע קענטניס, אַן אויפגעקלערטע פרוי פון היינטיגער צייט, שטעלען זיך מעהר ניט צופרידען מיט דעם בלינדען גלויבען פון זייערע עלטערען. ניט דערפאַר ווייל זיי האָבען אַ קלענערע גלויבענס־קראַפט, נור ווייל זי איז מעהר איינגעשלאָסען און קאָנצענ־רירט. זייער אויפאָפּפערונג מוז דארום זיין פון אַ טיעפערן און אינערליכערן סאָרט, וואָס מעהר זי איז נאַטירליך און גערעכט, און שווערער צו דערלאַנגען. ווער עס בעזיצט זי, דער פערמאָגט דאָס בעסטע וואָס די ערד קען אונז געבען. און דערפאַר פאָדערט עס אַזוינע שווערע קרבנות. אַנדערש וועט איהר עס קיינמאָל ניט בעזיצען. (די גלחים רעדען שטיל צווישען זיך). די רעליגיאָן האָט אויפגעהערט צו זיין דער איינציגער אידעאַל פון דער מענשהייט. ווילט איהר זי זאָל זיין איהר העכסטער אידעאַל, דאַן בעווייזט עס! מען קען לעבען און שטאַרבען פאַר אלעם וואָס מען האָט ליעב — פאַר'ן פאטערלאַנד, פאַר דער פאַמיליע, פאַר די אייגענע איבערצייגונגען. און אַזוי ווי דאָס איז דאָס העכסטע וואָס עק־זיסטירט אין די נאַטירליכע גרענעצען, און איהר מוזט אָבער ווענדען אייער בליק אויף עטוואָס העכערעס — נון, דאַן שפּאַנט אַריבער דיעזע גרענעצען! צום וואונדער!

(שטאַרקער גערודער צווישען די גלחים.)

פ אַ ל ק: (שטעהט אויף). ערגעץ וואו שטעהט אָנגעשרי־בען אַ צאָרנינג וואָרט אַנטגעגען דעם דור וואָס וויל ניט גלויבען אָהן אותות ומופתים.

ב ר אַ ט ט: און ווייסט איהר אויך וואָס יענער דור ענט־פערט? „מיר בעטען נור די מופתים וואָס גאָט אַליין האָט פער־שפּראָכען צו די וואָס גלויבען! סיידען איהר האָט נאָך ניט קיין איינציגען גלויביגען צווישען אייך? דאַן אָבער וואָס ווילט איהר

פון אונז?" — יא, דאָס איז זייער ענטפער. גיט אָבער אָט די מענשען אַ וואונדער, אַזעלכען וועמען די שאַרפסטע אינסטרומענטען פון צווייפעל קענען ניט צוגליעדערען, פון וועלכען עס זאָל הייסען: „אַלע וואָס האָבען עס געזעהען, האָבען עס געגלויבט" — דאַן וועט איהר איינזעהען אַז עס איז ניט די פעהיגקייט צו גלויבען, וואָס עס פעהלט, נור עס פעהלט דער וואונדער. (בעוועגונג צווישען די גלחים) עס איז גאָר ניט נויטיג צו פערשפּרעכען אַ שכר פאַר לייכטגלויביגקייט. די וואָרצלען פון גלויבען זיצען פעסט אַפילו אין דעם שאַרפזיניגסטען צווייפלער. איז דאָ איינער וואָס קען דעם ציוויליזירטען מענשען און ווייס דאָס ניט? איז דען פאַראַן אַ פּריסטער וואָס ווייס ניט פון ערפאַהרונג אַז די געפאַהר ליעגט גאָר אין דעם פערקעהרטען פאַל: וואָס ניט האָבענדיג קיין עכטען גלויבען, פאַלען די מענשען אַריין אין אַבערגלויבען!

מעהרערע גלחים: (שטילערהייט). דאָס איז אמת.

בראַטט: ווען עס זאָל אָבער געשעהן צווישען אונז אַ וואונדער, אַ גרויסער נס, וואָס „אַלע וואָס האָבען געזעהען, האָבען געגלויבט" — דאַן וואָלטען צוערשט זיך אַ לאָז געטהון מיליאָנען מענשען — אַלע וואָס לעבען אין נויט און בענקשאַפט, אַלע אונגליקליכע און אונטערדריקטע, אַלע וועלכע זוכען גערעכטיגקייט. ווען זיי זאָלען נור דערהערען אַז „דאָס רייך גאָטעס", אין דעם אַלטען זין פון וואָרט, האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד — קיין אונטערשיעד אין וועלכען פּלאַץ — זיי וואָלטען זיך אַ לאָז געטהאָן אַהינצו מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט אַ יובל אין הארצען, אַפילו ווען זיי וואָלטען געוואוסט אַז זיי שטעהען אין געפאַהר אויפ'ן וועג צו שטאַרבען — זיי וואָלטען אויסגעקליבען בעסער דעם טויט אויף דיעזען וועג איידער דאָס לעבען אויף אַן אַנדער וועג! זיי וואָלטען געקומען אַהער קריכענדיג, יעדערער פון זיין דאָרף, זיין שטיבעל, פון זיין געלעגער — די קראַנקע פריהער פאַר אַלעמען — אַלע וואָלטען זיי געקומען צו דער ענטפּלעקונג גאָטעס! און זיי וואָלטען ניט געבליבען די איינציגע. אַלע, אַלע וועלכע זוכען די וואַרהייט אויף דיעזער ערד, וואָלטען זיי

געפאָלגט. אַפריהער די ביי וועמען דער דורשט נאָך דער וואר־הייט איז דער שטאַרקסטער: די טיעפע און אויפריכטיגע פאָר־שער, די גרויסע קעפּ. זייער פייער וואָלט געוועזן דער שעהנסטער, זייער גלויבען וואָלט געוועזן דער מעכטיגסטער. ווייל ניט דער דורשט נאָך וואַרהייט, ניט די פעהיגקייט צו גלויבען פעהלט זיי, נור דער וואונדער פעהלט! זיי אַלע זוכען פריעדען און זיכער־הייט אין אָט דער גרעסטער וועלט־פראַגע. אַפילו די לייכטזיניגע, וועלכע האָבען עס פערשמיסען אָן אַ זייט אַלס אונניצליכעס אָדער אונמעגליכעס, — אַלע אָהן אויסנאַהמע דורשטען זיי נאָך עפּעס מעהר וויפיעל זיי ווייסען, ד. ה. זיי גאַרען נאָך דעם גלויבען. גיט זיי אָבער אַ פערזיכערונג! אַ פערזיכערונג אַז דער צוזאָג איז אמת. זעהען זיי נור ד אָ ס, וועלען זיי שוין גלויבען אפילו אין דאָס וואָס זיי זעהען ניט. אַזוי איז עס געוועזן פון אָנהויב אָן. די וועלכע האָבען זיך בענוגענט מיט דאָס ווענינגסטע — מיט זייער פערזענליכער ערפאַהרונג — האַנדלען ווי די מאַחמעדאַנער, אידען און בודדיסטען. דען זיי אַלע בערופען זיך אויך אויף זייער פערזענליכער ערפאַהרונג. אַ פערזיכערונג, אַז אָט די פערזענליכע ערפאַהרונג איז אַן אַלגעמיינע וואַרהייט — אָט דאָס איז וואָס עס פעהלט. דאָס איז עס וואָס איך אַליין זוך! אָה, גאָט, מיין גאָט! איך שטעה אָט דאָ פאַר מיין לעצטע פראָבע!

ב י ש אָ ף: בראַטט! בראַטט!

ב ר אַ ט ט: פאַר מיין לעצטער פראָבע. דען דער קאַמפּף שטייגט איבער מיינע כוחות. איך נעהם אבשיעד אַלס גייסטליכער — אבשיעד פון דער קירכע, אבשיעד פון דעם גלויבען — אויב, אויב, אויב... (וויינט).

ב י ש אָ ף: מיין ליעבער זוהן, דו מוזט אַפריהער —

ב ר אַ ט ט: ניין, רעדט ניט צו מיר! — איך בעט אייך! — העלפט מיר בעטען גאָט! דען אויב דאָ איז ניטאָ דער וואונדער, דאַן איז ער איבערהויפּט ניטאָ! דיעזער מאַן איז דאָך גרעסער פון אַלע אַנדערע; ער איז דער עדעלסטער אויף דער וועלט! קיינער האָט ניט געזעהען אַ גלויבען וואָס זאָל זיין עהנליך ווי זיינער, קיי־

נער האָט נאָך אויך ניט געזעהען אזא פעסטע איבערצייגונג אין דעם אייגענעם גלויבען.

א ל ע : יאָ, דאָס איז אמת!

ב ר א ט ט : איז עס דען ניט קלאָר ווי דער טאָג? ער איז געקומען אהער מיט א גרויסען פארמעגען; ער האָט עס אלעס צוטהיילט. מען קען ניט איבערצעהלען די פעלען וואו ער האָט זיין אייגען לעבען אין געפאהר געשטעלט כדי צו ברייגגען הילף פאר אנדערע. שוין ניט צו רעדען פון די פיעלע וואונדער, וועלכע ער האָט בעוויזען לויט דעם גלויבען פון די מענשען. גראָד דער־פאר וויל זיי זיינען געוועז אזוי פיעל, האָב איך ניט געגלויבט אין זיי.

ד י ג ל ח י ם : (שטיל). מיט אונז איז אויך אזוי פאָר־געקומען.

ב ר א ט ט : אָבער אפשר דארפען מיר גאָר דענקען פער־קעהרט, אז דאָ איז טאַקע פאראַן דאָס, וואָס מיר פערשטעהען אונ־טער דעם וואָרט „גלויבען". דער עיקר פון גלויבען איז זיין שאַ־פען וואונדער. ער מוז שאפען וואונדער. — אפשר האָבען מיר אזוי געדארפט דענקען? אָבער ווי מיר זאָלען ניט מוזען דענקען וועגען דעם — טאָרען מיר אָבער אויף איהם ניט קוקען מיט אזא אויסגעשפּראָכענעם צווייפעל, ווי איך האָב עס לייִדער געטהאָן. זיין ליעבע און זיין גלויבען האָבען מיך געדארפט אָבהאַלטען דער־פון. איך בעשולדיג זיך אליין, און פון מיין גאַנצען הארצען בעט איך פערצייהונג ביי איהם!

ג ל ח י ם : (אלע אָהן אַן אויסנאַהמע). איך אויך! איך אויך!

ב ר א ט ט : ער איז דער בעסטער מענש וואָס מיר קענען. עס גיט ניט קיין פעסטערער גלויבען ווי זיינער. קענען מיר נאָך צווייפלען אין דעם וואונדער?

(בעוועגונג צווישען די גלחים).

י ע נ ס ע ן : (מורמלענדיג). זעהט נור דעם קרייץ איבער דער טהיר! איז עס דער שיין פון דער פערגעהענדער זון? אָדער וואָס דען?

ב ר אַ ט ט: איך ווייס ניט. אָבער זייט זיכער, אויב דאָ קומט פאַר אַ נס, זיינען דאָ אויפ'ן שטעל פאַראַן טויזענדער מענ־שען, אַפילו ווען מיר קענען עס ניט זעהן. וואָלטען מיר כאָטש אויך קענען זיין דערביי! — יאָ, דערביי! — בערעכענט נור וואָס דאָס הייסט איבערלעבען אַזאַ זאַך, וואָס „אַלע וואָס זעהען עס, וועלען דאָס גלויבען"! און מיר זאָלען דאָס ווירקליך דערלעבען צו זעהען? מיר אַלע? און אין דעם אַלעמען מוזען מיר עדות זיין — — דו, און דו, און איך? דאָס איז צופיעל, דאָס קען ניט זיין! אָבער עס איז מעגליך, — עס זיינען פאַראַן אַזוי פיעל מענ־שען, מיינע ברידער, אַך, פונקט אַזוינע שוואַכע, אַזוינע ווענינ גלויביגע, אַזוי אָרים אין ליעבע, ווי מיר דאָ —

א ל ע: יאָ, יאָ!

ב ר אַ ט ט: אָבער זיי האָבען ניט אַזאַ גרויסען חסד; נור מיר אונווירדיגע זיינען דערצו בערופען! (אַ שטאַרקע אויפרעגונג). און ווען איך קום אַרויס אויף אָט די ענגע, נאַקעטע, ים־לאַנדשאַפט, וואו מען קען נור הערען דאָס שרייען פון די ים־פויגעל, דאַן קומט מיר אַרויף דער געדאַנק: גאָטעס רייך האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אַ רייכען לאַנד, אויף דעם גרויסען ברייטען וועג, אין זוניגע גע־גענדען — וואָס ראַר אַ געוואַלדיגער בעוויז, ווען דאָ, נעבען דעם שטענדיגען אייז, אין אַ ווייטען, פערוואָרפענעם ווינקעל פון דער וועלט, וועט עס אויפלעבען אין זיין גאַנצער גרויסקייט!...

פ אַ ל ק: (אויפשטעהענדיג, בלאַס, און מורמלענדיג). יאָ, יאָ!

מ ע ה ר ע ר ע: יאָ, יאָ!

ב ר אַ ט ט: עס ווילט זיך מיר גלויבען, עס וועט טרעפען אַלעם צוזאַמען, דער נס מוז קומען!

(אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען).

ב י ש אָ ף: (שטיל). אה, ווען דאָס זאָל קומען! ווען מיר, דעם זקן, זאָל עס זיין בעשערט צו זעהן!

ב ל אַ נ ק: יאָ! ווען מיר זאָלען קענען האָבען דעם גרוי־סען גלויבען! ניט דערפאַר ווייל מיר פערדיענען עס, נור ווייל מיר

נויטיגען זיך אזוי שטארק אין דעם. (ער פאלט אויף די קניע, נאך איהם אנדערע).

ב ר א ט ט : ווייל אלע מענשען נויטיגען זיך אין דעם, און וואס מעהר א דור געהט אוועק, דעסטא שטארקער! ווייל אזוי איז עס פערשפראכען געווארען. ווייל דא מוז עס געשעהן, אויב עס איז דא. (שטעלט זיך אויף די קניע). זיין גלויבען וועט עס דער־גרייכען! זיין גלויבען איז דער שטארקסטער אויף דער ערד! און דער גלויבען פערמאגט עס! יא, ער פערמאגט עס!

א ל ע : ער קען עס!

ב ר א ט ט : קען ער עס ניט, דאן איז עס אינגאנצען אונ־מעגליך. דאן איז דאס אנדערע אויך ניט אמת. דאן וואלט אין דעם אלעם געווען עטוואס וואס מען קען ניט דערלאנגען, — דאן איז דאך דאס עטוואס וואס איז איבער אונזער קראפט —

פ י נ פ ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

ר א ח י ל : (אין צווייטען צימער רופט מיט א שטימע פול אנגסט). עליאס! (לויפט אריין פון דער רעכטער זייט, גלייך צום פענסטער, עפענט עס, און שרייט מיט אלע קרעפטען). עליאס! (זי דרעהט זיך אום צוריק און פאלט שיער ניט אום. קרעיער באפט זי אונטער. זי וויינט. הויבט זיך גלייך אויף, און מיט שרעק ציינט זי אויפ'ן צווייטען צימער). דארט! דארט! זי איז ניט אליין! קוקט, קוקט! אלע שטעהען אויף. אין דער זעלבער צייט קומט עליאס פון דעם באלקאן. ראחיל ווארפט זיך צו איהם). די מוטער! די מוטער!

ע ל י א ס : — איז זי אויפגעשטאנען?

ר א ח י ל : יא! יא!

ע ל י א ס : זי געהט?

ר א ח י ל : יא! אבער זי איז ניט אליין!

ע ל י א ס : דאס מוזען אלע וויסען!

ר א ח י ל : געה ניט צום פאטער!

ע ל י א ס : ניין. מען דארף עס פון דעם גלאקען־טהורם לאזען וויסען דער וועלט! (געהט אוועק).

ר אַ ח י ל: דו האָסט דאָך ניט קיין לייטער! (קריגט קיין ענטפער. מיט שרעק) דאָרט איז ניטאָ קיין טרעפּ!

(פון וויטען הערט זיך דייטליך סאַנג'ס געזאַנג).

ק ר ע י ע ר: (מאַכט אַ צייכען מיט דער האַנד, שטיל). טס!

ב י ש אָ ף: (מורמלענדיג). הערט!

(עס הערט זיך אַ געזאַנג פון דער קירכע).

הללויה, הללויה!

הללויה, הללויה!

א ל ע: (פאַלען אויף די קניע און מורמלען). איצט ווייס ער עס! ער ווייס עס!

(אָנגעטהון אין ווייסע לייוועדענע קליידער קומט לאַנגזאַם אַריין קלאַראַ. איהרע אויגען זיינען געווענדעט צו דער קירכע. זי שטעלט זיך אָפּ און שטרעקט אויס איהרע הענד אין דער ריכטונג פון וואַנען עס הערט זיך דאָס געזאַנג).

א ל ע ג ל ח י ם: (ענטפערן אין אַ שטילען כאָר).

הללויה, הללויה,

הללויה, הללויה!

ר אַ ח י ל: (ביי דער טהיר פון'ם באַלקאָן, אויף די קניע). דער פאָטער איז שוין נעבען דער טהיר.

(איצט הערט זיך דייטליך סאנג'ס געזאַנג).

הללויה, הללויה!

הללויה, הללויה!

(עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַנג פון גלאָק. דאָס גאַנצע פּובּליקום זינגט מיט סאַנג'ן. דאָס געזאַנג ווערט אַלץ שטאַרקער, עס קומען צו אַלע מענשען וואָס זיינען געוועזען אין וואַלד. צייטענווייז דוכט זיך דאָס דאס יובלענדע וואָרט „הללויה" וועט פּשוט אַרונטעררייסען דאָס הויז).

(אין טיהר בעגייזט זיך סאַנג. די פערגעהענדע זון בעלויכט זיין געזיכט. אַלע טרעטען אָב צוריק. ער שטרעקט אויס זיינע הענד צו קלאַראַ'ן, וועלכע שטעהט אין דער מיט פון צימער און האַלט אויך אויסגעשטרעקט די הענד צו איהם. סאַנג געהט נעהנטער צו איהר און נעהמט

זי אַרום. אַרום זיי הערט זיך אַ געזאַנג. די מאַסע שפּאַרט זיך אַריין דורך די טהיר און דורך דעם באַלקאָן. קלאַראַ לאָזט זיך לאַנגזאם ארונ־טער אויף סאַנג'ס שולטער. דאָס זינגען הערט אויף, בלויז דער גלאָק האַלט אין איין קלינגען. קלאַראַ מאַכט איין אָנשטרענגונג זיך אויס־צוגלייכען. דאָס געלינגט איהר ניט אין גאַנצען, זי הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף סאַנג'ן)

קלאַראַ: דו שעהנסטער — — ווי דו ביזט אריינגעקו־מען — אָה, מיין הייסגעליעבטער!

(איהר קאָפּ בויגט זיך איין, די הענד בלייבען הענגען אַרונטער, דער גאַנצער קערפּער איהרער ציהט זיך אַרונטער).

סאַנג: (שטעהט און האַלט זי. ער לעגט זיין האַנד אויף איהר האַרצען. בויגט זיך איבער איהר אַן ערשטוינטער, הויבט די אויגען אַרויף צו, און זאָגט מיט אַ קול פון אַ קינד). עס איז דאָך אָבער ניט דאָס.... (לאָזט זיך אַרונטער אויף איין פוס, אויף דער צווייטער קניע לעגט ער אַרויף קלאַראַ'ס קאָפּ, קוקט זיך שטאַרק איין אין איהר, און לאָזט זי לאַנגזאַם אַרונטער אויף דער ערד. ער הויבט זיך באַלד אויף צוריק, פערגלאָצט די אויגען צום הימעל. עס איז דאָך אָבער ניט דאָס....

אָדער? — — אָדער? — —

(כאַפּט זיך פאַר'ן האַרץ און פאַלט).

(ראחיל האָט צוגעקוקט די גאַנצע צייט ווי אַ פערגליווערטע. שרייט אויס און פאַלט אויף די קניע נעבען די עלטערן).

קרעיער: וואָס האָט ער געמיינט מיט דעם „אָדער“?

בראַטט: איך ווייס ניט... ער איז געשטאָרבען מיט דעם....

ראחיל: געשטאָרבען?... דאָס קען ניט זיין!

(דער גלאָק הערט ניט אויף צו קלינגען).

פאָרהאַנג.

ענדע ערשטער טהייל.

איבער אונזער קראַפט

א דראמא אין צוויי טהיילען

— פון —

ביערנסטערנע ביערנסאן

צווייטער טהייל

אין פיער אקטען

איבערזעצט פון ז. קארנבליטה.

פערזאנען:

עליאַס סאַנג.
ראַחיל סאַנג.
פאַסטאָר בראַטט.
פאַסטאָר פאַלק.
אטטא געררע.
אנדרעס קאלל, מיט דעם צונאָמען „פעלד־מויז“.
עלזא, מיט דעם צונאמען „חזירשע פעל“.

בלינדער אנדרעס.
האַנס בראַא.
פער סטוא
האַנס אָלזען
הענריך זען
— ארבייטער.

האָלגער
אַנקער
מאָ
יאהאַן סווערד
קעמיל
בלאָם
— פאַבריקאַנטען.

האַלדען, אַרכיטעקטאָר.
קרעדא, אַ בחור פון אַ יאָהר 18.
ספערא, זיין שוועסטער, 15 יאָהר.
אַ טויב־שטומער.
אַרבייטער, פרויען, קינדער, פאַבריקאַנטען.

ערשטער אַקט

די ביהנע שטעלט פאָר אַ טיעפען טהאָל אין אַ באַרג, וועלכער געהט אַוועק רעכטס. הינטער איהם זעהט זיך קוים־קוים דער ים. פון ביידע זייטען פון דעם טהאָל זיינען צו־וואָרפען אין אונאָרדנונג קליינינקע שטיבעלעך. אייניגע פון — איינפאכע שיף־קאַיוטען, אַנדערע — הינ־טער־טהיילען פון שיפען. מען זעהט צוויי־גאָרענדיגע הייזער מיט טרעפּ פון דרויסען. אַ טהייל הייזער זיינען אַזוי אויסגעבויט אויף דעם ווינ־קעל פון דעם טהאָל אַז דער צווייטער גאָרין קומט אויס אויף'ן סאַמע עק, און האָט אַ בעזונדער אַרויסגאַנג.

אונטען — אַ פּלאַץ, וועלכער שטעלט פאָר אַ מאַרק, מיט אַן אַלטען וואַסער־גרוב און אַ פאָנטאַן. אַרום דעם מאַרק — הייזער. גאַנץ פאָרענט, רעכטס, אַ איינפאַלענדיג הויז מיט אויסגעשלאָגענע שויבען אין די פענ־סטער, די טהיר ליגט כמעט אויף דער ערד. אַ שילד מיט'ן אויפשריפט „דער גיהנום" איז אויפגעהאַנגען אויף'ן איינגעבויגענעם בוי־שטיבעל. זי איז כמעט צוריסען.

אויבען הערט זיך כמעט אונאויפהערליך אַ פאַרשטיקטער גערויש פון דער זייט פון'ם אייזערנעם בריק וועלכער ליעגט איבער דעם טהאָל. צייטענווייז דערהערט זיך אַ פאַרטויבענדער פייף פון'ם לאָקאָמאָטיוו און אַ שווערער גערויש פון דער באַהן וועלכע געהט דורך איבער'ן בריק, און דערנאָך — אַ שוואַכערער גערויש פון עקיפּאַזשען און אַ טופּען פון פערד.

נאָך איידער דער פאָרהאַנג ווערט אַרויפגעצויגען הערט זיך אַ כאָר פון אַ לויה. אין דער צייט ען דער פאָרהאַנג געהט אויף, טראָגט מען אַרויס פון דעם אָרימען שטיבעלע לינקס אַ גרויסע טרונע. גלייך נאָך איהר טראָגט מען אַן אַנדער טרונע, אַ קלענערע, אַ קינדערשע. נאָך דער, אַ דריטע — נאָך אַ קלענערע. דער פּלאַץ איז אָנגעפילט מיט אַרבייטער, פרויען און קינדער. אַ סך מענער און פרויען וויינען. אַ טהייל פון די

קינדער קלאָגען אויף אַ הויך קול. די פּראָצעסיאָן פאָרמירט זיך. אין דער ערשטער רייהע איז פּאַסטאָר פּאַלק. ער איז אָנגעטהאָן אין זיינע גייסטליכע קליידער און פיהרט אונטער דער האַנד אַן אַלטיטשקען, און דעריבער געהט ער לאַנגזאַם. אַלע אַנוועזענדע שטעהען צו צו דער פּראָ־צעסיאָן. מען זעהט ווי פון וויטען, וואו דער טהאָל פאַרדרעהט זיך, הויבט זי זיך אויף רעכטס. דאָס געזאַנג פון׳ם תהלים הערט זיך לאַנג פון אַלץ אַ גרעסערער און גרעסערער הויך.

אין דער צייט ווען דאָס געזאַנג הערט זיך נאָך, קריכט שרעקעדיג אַרויס פונ׳ם איינפאַלענדען הויז אַן אַלטעטשקער. ער איז אָנגעטהאָן אין אַ ברייטען סורדוט. ווי עס שיינט ווייס ער ניט וואוהין צו געהן. ער קוקט אויף׳ן איינפאַלענדען הויז, און ענדליך זעצט ער זיך אויף די טרעפּ, וועלכע שטעהען בעזונדער אויף׳ן פּלאַץ. אויבען איבער דער שטעזשקע, אויף וועלכער די לויה־פּראָצעסיאָן האָט זיך אויפגעהויבען, בעווייזט זיך אַ מענש. זיינע קליידער זיינען אינגאַנצען אָפּגעטראָגען, אויסגעריבען און פאַרשמאָלצען. אויף׳ן גרויסען קאָפּ — אַ קליין היטע־לע. אויף׳ן רעכטען פוס נאָך אַ גאַנצער קאַמאַש, אויף׳ן לינקען — אַ פּאַנטאָפעל, די פּאדעשווע פון וועלכען איז אַרומגעבונדען מיט אַ שטרי־קעל. דאָס פּנים איז צונטער־רויט; די האאר — קורץ, טונקעל. די הענט — בלוי, ווי פון קעלט. ער שפּאַנט האַלטענדיג זיך גלייך און וואַקלענדיג זיך. ער בעמערקט דעם מענשען אויף די טרעפּ, דערנאָך געהט ער לאַנגזאַם ווייטער.

דער מענש אויף די טרעפּ בעמערקט איהם און קעהרט אַוועק דעם קאָפּ.

מען רופט איהם אַנדרעס קאָלל, מיט דעם צונאָמען „די פלעדער־מויז“.

ק א ל ל: (ברומט) ביי גאָט! ער איז ווידער פריי.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: די בעשיידענע פעלד־מויז!.. פאר זיין איינגעפאַלענער נאָרע, פאַרזונקען אין טיעפע רעיונות...

ק א ל ל: (ווי פריהער) און ער האָט שוין היינט אַריינגע־שאַשקעט, דאָס זעהט מען גלייך.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: די פענסטער אויסגעשלאָגען. די שילד

טרויעריג אראָפּגעהאנגען, אקוראט ווי אויסרינענדיגער בראנפען... די טרעפּ, אויפגעכאפּט פון׳ם שטורמווינד, פארשליידערט אין אָקעאן פון זייער שיקזאל. און דו האָסט דיך איינגעטשעפּעט מיט די נעגעל אין די חורבות פון דיין לעבענס־שיפעל!..

ק א ל ל : (לאַכט אין דער שטיל פאַר זיך.)

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : און די טיהר! דיעזע טיהר, דורך וועלכע עס זיינען אריינגעגאַנגען אַזוי פיעל אָרימעלייט און עס זיינען אַרויסגעקומען אַזוי פיעל קעניגע, הייגגט זי דען ניט ווי אַ שכור וועלכען מע ווארפט אַרוים אויף דער גאַס? אָט ווי עס זעהט אוים דאָס אָרט, צו וועלכען עס האָט זיך צוגעריהרט די צאָרענדיגע האַנד פון וואוילטהאַט!

ק א ל ל : הייסט עס, אויך אין אַרבייטס־הויז הערט מען נייעם?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : פון דיין מעביל האָבען זיי געמאַכט אַ פאַן־קוכען. דיינע גלעזער און פלעשער זיינען געווען טענצער, וועלכע זיינען געשפרונגען אונטער די טענער פון זייער אייגענעם קלאַנג.

ק אָ ל ל : פאָרזיכטיגער — מיט דיין פאַנטאָפעל; דאָ וואַל־גערען זיך נאָך שערבלעך.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : און דיינע פעסער וויין וועלכע זיינען אָנגעפילט געווען ביז צום ווערך...

ק אָ ל ל : (זיפצט) אָך!.. מיין גאָט... יא!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : זיי האָבען זיי אַרויסגעקאַטשעט; זיי האָבען געמאַכט פון זיי וואַסער־פאַלען, אויף דעם בעפעהל פון די גלחים.

ק אָ ל ל : ער איז געשטאַנען דאָרט וואו דו שטעהסט איצט און געקאָמאַנדעוועט.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : אָבער איז דען דאָ ניטאָ קיין פּאָליציי? האָסט דיך גאָר ניט געקלאָגט?

ק אָ ל ל : מיט דעם דאָזיגען סטרייק זיינען זיי אַלע פון זינען אַראָפּ. וואָלט איך געוואַגט צו קלאָגען, וואָלטען זיי מיך אויף שטי־

קער צוריסען! זיי זיינען אויף דעם טאָקע געגאַנגען, זיי האָבען מיך שוין געהאַט אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד. אַ גליק וואָס בראַטט איז אָנגעקומען אין צייט!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: און אַלץ איבער דעם וואָס מאַררען, די עהרליכע, גוטע מאַררען, איז פון זינען אַראָפּ.

ק אָ ל ל: (אונטערהויבענדיג זיך) וואָס זשע האָב איך געקענט טהון?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: מאַררען האָט דער׳הרג׳עט איהרע צוויי זיהן!.. האָב איך דען אַליין ניט געזעהען ווי זיי זיינען מיט זייערע קוטשעראַווע קעפּעלעך דאָ ארומגעשפּרונגען באָרוויסע? אָה, לעבען!

ק אָ ל ל: און דערנאָך האָט זי פון זיך אַליין געמאַכט אַן ענדע? יא אַליין!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: יאָ, אַליין. פריהער די קינדער, דער־נאָך זיך. מערדאָ, גרויסע מערדאָ!

„אומזיסט, קינדער האָב איך אייך געשפּייזט,
און מיט ביטערער ארבייט זיך אויסגעמאַטערט,
אומזיסט האָב איך אייך אין ווייהען געבוירען“.

ק אָ ל ל: (ווי פריהער) וואָס זשע האָב איך געקענט טהון?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: אומגליקליכע פעלד־מויז! עס שטעהט געשריבען: „זאָג דעם אמת פאַר דעם אָפענעם קבר“, און נאָך מעהר, פאַר די אָפענע קברים. זי האָט דאָך ביי דיר געקויפט בראַנפען. זי האָט זיך אָנגע׳שכור׳ט אום אויסצופיהרען איהר שרעקליכע טהאַט.

ק אָ ל ל: ווי אַזוי האָב איך געוואוסט אַז זי וועט דאָס טהון?... איך בין אונשולדיג ווי אַ קינד.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: וויין ניט, פעלד־מויז! דאָס פּאַסט ניט, ניט פאַר דיין נאָמען, ניט פאַר דיין לאַגע. איך פערזיכער דיר, וואָלט איך געוועזען אויף דער פרייהייט... וואָס רעד איך? וואָלט איך דאָ געוועזען, וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט! אָבער ווי זיינען דאָס

מענשען ניט צו זיך געקומען ווען זיי האָבען געזעהען ווי עס גיסט זיך בראַנפען? אַז עס רינט טאַקע אוים אויף אַן אמת!

ק אַ ל ל: ער איז געדונען ווי אַ ריינע ריקע! אויף מיין וואָרט, אַקוראַט אַזוי!

אַ ט ט אַ ג ע ר ר ע: נו, און זיי זיינען ניט געלעגען אויפ'ן בויך? האָבען ניט געבליאָבטשעט? ניט געשעפּט מיט די זשמעניס? ניט געוואָרפען זיך מיט שאַלען און קריעגלעך?

ק אַ ל ל: עס האָט זיך געגאָסען אונטער דעם פאַסטאָר'ם פּיס. „אַזוי דאַרף עס זיין", האָט ער געזאָגט.

אַ ט ט אַ ג ע ר ר ע: בראַטט איז מעכטיג! נאָר אַלעם האָט אַ גרעניץ. זאָנדערבאַרע געשעהענישען! אַקוראַט ווי אַ ערד־ציטערניש! וואָס זשע?... בראַטט איז איצט ביי אייך, ווי אַ גאָט?

ק אַ ל ל: אָה, גאָט האָט דאָ, אין „גיהנום" קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ מאַכט, ווי דער דאָזיגער פּאַסטאָר.

אַ ט ט אַ ג ע ר ר ע: ער איז ניט צווישען די לויה־פיהרער? זאָנסט וואָלט איך מיך מיט איהם געגריסט. מיר זיינען שוהל־קאַמעראַדען.

ק אַ ל ל: ניין. ער איז איצט אין דער סטרייק־ביוראָ.

אַ ט ט אַ ג ע ר ר ע: אין דער ביוראָ? איז ער, הייסט עס, שוין ניט קיין פּאַסטאָר?

ק אַ ל ל: ניין. ער איז אין דער סטרייק־ביוראָ. דאָס האָט ער אָרגאַניזירט דעם סטרייק, און איצט נעהמט ער צונויף געלט.

ע ל ז אַ: (וועלכע מען רופט „חזיר'שע פעל". אויסגעפּוצט, מיט רויטע האאר).

ק אַ ל ל: אָט איז די „חזיר'שע פעל"!

אַ ט ט אַ ג ע ר ר ע: גוט מאָרגען, בלימעלע! פון דיר טראָגט זיך אַ דופט וועלכער רעגט אויף אַלע מיינע געפיהלען. וואָס טהוסטו דאָ?

ע ל ז אַ: (אויף דעם בערגענישען דיאַלעקט) וואָס געהט עס דיך אָן, גראָבע פּוזע?... ביזט שוין, הייסט עס, ווידער אַ פרייער מענש?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : איך האָב בעגעגענט די לויה־פּראָצעסיאָן, נאָר איך האָב ניט געזעהען דאָרט דיין קוטשעראַווע קעפּעלע. דער גאַנצער „גיהנום" איז געווען ביי דער לויה, נאָר דו, דער גרעסטער טייפעל, ביזט ניט געווען. דיינע אין־דער־פריהענדיגע געשעפטען האָבען דיך פאַרהאַלטען? המ?...

ע ל ז אַ : לאָז צורוה, גראָבע בויך! און פאַרוואָס ביזטו ניט געווען ביים קבר פון מאַררען און איהרע קינדער? זי פלעגט זיין אַזוי גוט צו דיר, און צו מיר — ניט.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : יאַ, גוטע מאַררען. פאַרוואָס האָב איך זי ניט בעגלייט? גוט. איך וועל דיר זאָגען. איך וועל דיר זאָגען גאַנץ איינפאַך: ווען איך וואָלט געגאַנגען, וואָלט איך גענומען ריידען. און האָן וואָלטען פערטונקעלט געוואָרען אין אַלעמענס אויגען אי די זון, אי די לבנה, אי די שטערען. איך וואָלט געזאָגט: ניט זי, וועלכע ליעגט דאָ, די אַרבייטס־ליעבענדע, גוטע מאַררען, ניט זי האָט דער'הרג'עט איהרע קינדער. ניט זי האָט געלעגט אויף זיך אַ זינדיגע האַנד. ביין, די וואָס לעבען פון אויבען האָבען זי דער'הרג'עט. האָבען דען ניט די מענשענ־פרעסער פון דער גרויסער שטאָדט אויפגעפרעסען זי און איהרע קינדער? דער סטרייק האָט איהר פאַרדרעהט דעם קאָפּ, און זי איז פון'ם זינען אַראָפּ; אין איהר עדעלער נשמה איז געווען אַ וואַכענדיגעס געוויסען — וועלכעס איהרע מערדער האָבען ניט געהאַט. עס האָט איהר געפעהלט דער מוטה צו לעבען און אונטערוואַרפען איהרע קינדער צו הונגער און ערנידערונג. איהר האָט זיך אויסגעוויזען אַז דאָס לעבען איז אַ ווילדע חיה, זי האָט געוואָלט זיי רעטען ביז... (ער קען ניט רעדען פון אויפרעגונג.)

ע ל ז אַ : גאָט! דיך צו הערען! דו רעדסט אַזוי...

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : דו ביזט אַ וואויל מיידעל, עלזאַ. דו האָסט אַ גוט הארץ.

ע ל ז אַ : עס וועט זיך ענדיגען מיט דעם, אַז זיי וועלען אונז אַלעמען אויפפרעסען.

אַ גראָבע מענער־שטימע פון אויבען

ליִנקס: אויב מיר וועלען אַליין זיי ניט אויפפרעסען!

אַטטאַ גערער: וואָס פאַר אַ בארג־גייסט איז דאָרט אויבען? נביאות וועגען דער צוקונפט? אַ ווארנונג די איינוואָהנער פון די שלעסער?

עלזאַ: (אין דער שטיל צו קאָלל'ן) איך בין דאָך געקומען דיך ווארנען, אנדרעס.

קאָלל: (שטיל) גאָט, וואָס נאָך עפּעס? וויל מען מיך ווירקליך גאָר ניט צורוה לאָזען?

עלזאַ: (ווי פריהער) איך האָב דאָרט בעגעגענט די פּאָליציי און זיי האָבען מיך געפרעגט צי עס איז אמת אַז דו האָסט אַ גרויסע פלאַש בראַנפען אין דער הינטערשטער קעשענע?

קאָלל: ניין, ניין, ס'איז ניט אמת! (טרעט אָפּ.)

עלזאַ: (אויך אַזוי) און מיט וואָס האַנדעלסטו אין דער שטיל?

קאָלל: (שטעהט אויף אין שרעק) נו, אָט זעהט איהר, זיי ווילען מיך רואינירען.

אַטטאַ גערער: (פאַר איהם, וויל איהם צווינגען ער זאָל זיך אומדרעהען) דו.... דו?...

קאָלל: (שטויסט איהם אָפּ) ניין, לאָז מיך! הערסט? לאָז, זאָג איך! חי־חי! איך בין אַזוי קיצעלדיג. חאַ־חאַ!...

אַטטאַ גערער: און פון הינטען איז עפּעס דאַ! אַז דו גיסט זיך אַ ריהר ווערט דאָרט אַזוי אַ גרויסע רייף... עלזאַ!

קאָלל: ניט אמת!

עלזאַ: איך האַלט זי!

קאָלל: טשעפּע ניט! איך וועל שרייען.

עלזאַ: דאַן וועט קומען די פּאָליציי און אייך ביידע פערנעהמען, דיך און דיין פלאַש.

אַ פרויען־שטימע: (פון אויבען, רעכטס) וואָס טהוט איהר דאָרט מיט דער מויז? וואָס פּישטשעט זי?

קאָלל: ניין, ניין, ניין.

אָ ט ט אָ ג ע ר ד ע : (שלעפּט אַרויס פון קאַלל׳ס קעשענע אַ גרויסע פלאַש).

ק אָ ל ל : זי איז בעשטעלט! הערסט? בעשטעלט. זי איז ניט מיינע.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : (אָפּטרינקענדיג אַ היבשען שלונג)

בעשטעלט אָדער ניין,

טרינקען וועל איך אַליין!"

ע ל ז אַ : אַך, טייפעל!... לאָז מיך אויך איבער!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : (ווייטער טרינקענדיג)

„אָט אַ ביסעל בראַנפען איז אַ נחמה!

פרעה דיך, מיין נשמה!"

ע ל ז אַ : נו, גיב אהער! גיב!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : די פלאַש גיב אַ כאַפּ

און נעהם אַ קאַפּ!"

ק אָ ל ל : דאָס איז אמת׳ע, ריכטיגע רויבעריי!

ע ל ז אַ : קיינמאָל האָב איך נאָך אַזאַ אַנטיק ניט געטרונקען!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : חאַ! און דאָרט אויבען! זיי ווייסען, זיי ווייסען גאַנץ גוט פאַרוואָס זיי ווילען אונז פאַרוועהרען דעם געטליכען געטראַנק.

ק אָ ל ל : איהר האָט אויסגעטרונקען מיין גאַנצען ריוח פון עטליכע טעג.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : טרינק אויך, וואָרים!

ע ל ז אַ : (שטיל) ווייסט פון וואָס איך טראַכט אָפּט? (צו־קומענדיג נעהענטער) וואָלט ניט געווען אַ פלאַן אָפּצו־וואַרטען אַ שטורעמדיגע נאַכט און אָנצינדען די גאַנצע שטאָדט? אָנצינדען!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : או—וואַ! און דאָס גאַנצע לומפּען־געזינדעל וואָלט זיך געראַטעט אויף די פעלדער. ניין. (געהיימניס־פאָל) דאָ אונטער דער שטאָדט זיינען אויסגעלעגט אַלטע געמינעוועטע גיינג. נאָך פון יענער צייט וואָס מען האָט אָפּגעווענדעט דעם פלוס־קאַנאַל פון׳ם טייך וואָס לויפט דאָ דורך, דאָ, וואו מיר שטעהען איצט. מיר וואָהנען אויף׳ן אַלטען פלוס־קאַנאַל פונ׳ם טייך. דער

גאַנצער „גיהנום“ — איז בלויז די פריהערדיגע גרוב פונ'ם טייך. אַט די אַלטע גראָבענס, וועלכע הויבען זיך אָן הינטער די הייזער און צוגעהען זיך אויף ביידע זייטען — זיי דאַרף מען אָפּזוכען! אָנ־פילען מיט פּולווער און דינאַמיט און אַנדערע אויפרייסענדע שטאָ־פען! און דערנאָך אַ עלעקטרישען שטראָם! חאַ־חאַ־חאַ! דאָ וואָלט עס געוואָרען אַ געשטאַנק און אַ שטיקעניש!

ע ל ז אַ: מורא! דער רוח זאָל עס נעהמען. (רייסט אַרויס ביי קאָלל'ן די פלאַש און גיט אַ געזונטען זופּ.)

ק אָ ל ל: אָבער דאַן וועלען מיר דאָך אויך צוריסען ווערען. אַ?

ע ל ז אַ: (איבערגעבענדיג די פלאַש קאָלל'ן) און מיר אויך פאַר איינס?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: (האָט איבערגענומען די פלאַש, טרינקט קוקענדיג אַ גליקליכער אויף עלזאַ'ן, גיט איבער די פלאַש קאָלל'ן) וואָס פאַר אַ גורל קען זיין נאָך שעהנער?... ווען איך האָב מיר אַמאָל פאַרגעשטעלט אַ גליקליכע ענדע פון אָטטאָ בערג געררע, האָב איך זי מיר אַזוי געמאָלען. אַריינגעהן מיט טויזענדע פון מיין גלייכען אין די שטראַהלענדע טויערען פון אונשטערבליכקייט. אויף מיין קאָמאַנדע, ווי די קנעכט אויף דעם בעפעהל פון אַ הערשער פון די מזרח לענדער, וועלען זיי זיך ענטפּלעקען און נאָכפאָלגען דער יום־טוב'דיגער פּראָצעסיאָן. נאָך אַ לעבען פון שטרעבונגען צו עט־וואָס גרויסעס, אָבער פול מיט ליידען און מאַנגעל, וואָס איז אָפּט געווען אונפערשטענדליך — ענדליך געפינען דעם אייגענעם בערוף! אין דער שטונדע פון טויט אַרויפצוטרעטען אויף אַזאַ טהראָן! זעהען ווי די גאַנצע וועלט לעזט דיין נאָמען אין'ם גלאַנץ פון דער זון! זיצען אויף דעם שטוהל וואָס איז אויסגעאַרבייט פון די שאַר־בענס פון מיליאָנערען. חאַ־חאַ! די פיס אויף זייערע געלד־זעק! און די קללות, די פערוואונדערונג פון דער מענשהייט אַרום און אַרום, וועלכע הילכען ווי דער דונער פון אַ אָרקעסטער. וואַסערע כוואַליעס פון אָוואַציעס!... חאַ־חאַ!

אַ פ ר ו י ע ן - ש ט י מ ע : (די זעלבע וואָס האָט זיך געהערט פריהער, הילכט אָפּ פון אויבען, רעכטס) זיי קעהרען זיך אום!

ק אָ ל ל : (דערשראָקען) ווער?

ע ל ז אַ : (גלייכצייטיג) ווער?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : (גלייכצייטיג) ווער געהט?

ד י פ ר ו י ע נ ש ט י מ ע : די לויה־פּראָצעסיאָן! זי איז נאָך דאָרט, אויבען.

ע ל ז אַ : אַ־אַ... איז דאָך נאָך דאָ צייט.

ק אָ ל ל : (שטיל) אָבער דיזע אונטעראירדישע גיינג... יא, פיעלע האָבען גערעדט וועגען זיי. אָבער מען קען דאָך געוויס צו זיי ניט צוקומען?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : טאָקע, טאָקע! נו.

ק אָ ל ל : אין איינינגע איז וואַסער, אין אַנדערע — נאָך עפּעס.

ע ל ז אַ : יא, איך האָב אויך געהערט.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : וואָס פּאַר אַ שקלאַוויש געזינדעל! אַ קליינינקע שטערונג, אַ טראָפּען וואַסער, עטליכע זאַמדעלעך, און עס איז שוין געגנוג אונטערצושניידען די פליגעל פון זייער נקמה, איבערצושרעקען זייער שטרעבען נאָך פרייהייט און לופט.

ד י פ ר ו י ע נ ש ט י מ ע : דער פּאַסטאָר איז אויך מיט זיי!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : (שרעקעדיג). דער פּאַסטאָר? פּאַסטאָר בראַטט?

ד י ש ט י מ ע : ניין, פריינד, — אַן אמת'ער פּאַסטאָר.

ק אָ ל ל : פּאַלק...

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : העט, ער! דאָס איז אַן אמת'ער שאַרלאַטאַן! איך וועל עס איהם אַלע מאָל זאָגען אין די אויגען. קען איך איהם דען ניט נאָך פונ'ם סטודענטען־פערבאַנד?

ע ל ז אַ : נו, איך געה.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע : (שטיל) איך וועל באַלד קומען.

ק אָ ל ל: און דו וועסט זאָגען... וועסט עס זאָגען דעם פּאַסטאָר.

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: וואָס?

ק אָ ל ל: וואָס דו האָסט געזאָגט... ווי האָסטו איהם אָנגע־רופען?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: שאַרלאַטאַן? יא — זאָגען איהם?

ק אָ ל ל: אויב דו... אויב דו וועסט עס זאָגען, וועסטו קריע־גען אַ קראָנע. ביי גאָט, דו וועסט קריעגען!

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: אַן אויפגאַב! אַן אויפגאַב!

ק אָ ל ל: ניין!...

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: אַן אויפגאַב!

ק אָ ל ל: און אויב דו וועסט ניט זאָגען?

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: אָט גלייך געה איך צו צו איהם און זאָג. עהרענוואָרט! אַן אויפגאַב!

ק אָ ל ל: נאַ, אַ האַלבע!... אָט.

(די לויה־פּראָצעסיאָן לאָזט זיך אַראָפּ אונטען. עס הערט זיך ווי איבער'ן בריק לויפט דורך די באַהן.)

פ א ל ק: (אין בירגער־קליידער, געהט ביים סאַמע עק און אַ ביסעל אָן אַ זייט פון די איבעריגע. ווען ער קומט צו נעהענטער געהט אָטטאָ גערערע צו איהם און דרעהט זיך אַרום). ווירקליך? דאָס איז דאָך אָטטאָ גערערע? אונזער „מאַגיסטער ביבענדי" (שנאַפּס־קאַפּיטאַן).

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: (פאַרנייגענדיג זיך) יא, אייער הויך־ווירדיגקייט! דאָס הייסט, דאָס וואָס איז געבליבען פון איהם.

פ א ל ק: (צו זיך) מיין גאָט! (זוכט ביי זיך אין די קע־שענעס.)

אָ ט ט אָ ג ע ר ר ע: און דאָך, ווען מען וועט אונטערציהען די אונטערשטע שורה קען זיין, אַז דאָס איז געבליבען זיין בעסטער טהייל. אָבער די צייטען זיינען געוועזן ניט קיין לייכטע, אייער הויכווירדיגקייט.

פ א ל ק: יא, דאָס זעהט מען. (שטיל) קומט צו מיר, ווען עס וועט אייך עפּעס פעהלען. היינט... יא, היינט האָב איך צוטהיילט

אלעס וואס איך האב געהאט, איינגאנצען א האלבע קראנע.

אָ ט ט אָ   ג ע ר ר ע :   איך דאנק, אייער הויך־ווירדיגקייט! טויזענד מאל דאנק איך! איך האב אלע מאל איטליכען געזאגט, אז איהר האט א טהייער הארץ. (געהט אוועק.)

ק אָ ל ל :   (וועלכער האט זיך בעהאלטען העכער הינטער'ן הויז, געהט געררע'ן אקעגען ווען יענער הויבט אן ארויפגעהן) נו... וואס־זשע?

אָ ט ט אָ   ג ע ר ר ע :   דו האסט מיר נאר געגעבען א העלפט! (געהט ארויף.)

פ א ל ק :   (אומקעהרענדיג זיך צו האנס בראא) וועט איהר גלויבען, דיזער מענש איז ניכטערנערהייד שעהמעוודיג און אונבע־האלפען. וואלט איך דאס זעלבע איבערגעלעבט, וואלט איך זיכער אויך געטרונקען.

ה א נ ס   ב ר א א :   יא, מיר ווייסען עס, דאס קומט אפט אוים צו זעהן.

פ א ל ק :   ער איז ווי די רויז פון יריחו, אויסגעטריקענט פונ'ם ווינד און וואכעדיג גרוי. אבער שטעלט זי נור אריין אין וואסער, ווערט זי לעבעדיג און הויבט אן שמייכלען צו דער זון. יא, מיינע פריינד, איך האב געקוקט אויף אייך פון דער הויך, ווען איך האב געזאגט ביי די קברים, אז איך האב עפעס אויפ'ן האר־צען, וועלכעס איז בעסער צו זאגען דא אונטען. (הויבט אן געהן אויף די טרעפ. אלע רינגלען איהם ארום.) דארט, אין דער הויך האב איך אנגעהויבען און געענדיגט מיט די זעלביגע ווערטער: מיר וואגען ניט צו אורטהיילען! זאל דאס טהון דער, וועלכער ווייסט אונזערע געדאנקען. פריעדען צו איהר צופליקט הארץ! פריעדען צו איהר נאמען צווישען אונז! דאס שרעקליכסטע אין אזא זאך ווי א סטרייק איז, וואס ער פיהרט אזוי פיעל מענשען צו פער־צווייפלונג. דאס איז דער פאל נאר מיט די שוואכע, ווען מען מיר זאגען. און איך זאג: פעראנטווארטליכקייט פיהלען די סאמע פיין־פיהלענדע, און דעריבער אפט די בעסטע. און אזוי אין אלגעמיין ליידען די בעסערע מעהר ווי די אנדערע, נעהמען זיי אויף זיך די

סאַמע שווערסטע קרבנות און כּפּרות. (מען זעהט אַז די אַרבייטער זיינען מיט איהם איינפערשטאַנען.) איך וועל קיינעם ניט בעשולדי־גען. אָבער פיעלע פון אייך ווייסען שוין פון אייגענער ערפאַהרונג ווי שווער עס איז ווען די קינדער קומען און זאָגען: „גיב נאָך עפּעס עסען, מאַמע... נאָך עפּעס עסען...“ (בעוועגונג.)

פ אַ ל ק : (שטיל) יעדען טאָג וועל איך ברייגנען אהער מיין אָרימע נדבה.

אַ ש ט י מ ע פ ו ן ד ע ר מ אַ ס ע : (שטיל) יאַ, דו ביזט אַ גוטער.

ע ט ל י כ ע ש ט י מ ע ן : (אויך שטיל) יאַ, אמת!

פ אַ ל ק : אַנדערש וואָלט איך ניט געוואַגט צו געהן אהער און רעדען מיט אייך. מיין מיינונג, מיין ראַטה איז, אַז דיעזער ריעזיגער סטרייק — דער גרעסטער פון אַלע — דאַרף לאַנג ניט אָנגעהאַלטען ווערען. אונערוואַרטעט איז אונז אָנגעקומען גרויסע שטיצע; עס זיינען אָבער דאָ אַזוי פיעל וועמען מען דאַרף שפּייזען; און מען טרעפט שוין איצט מענשען וועלכע זיינען בעקאַנט מיט'ן הונגער. און אַזעלכע וועלען זיין פיעל. אָבער קיין זאַך איז ניט אַזוי אַנשטעקענד ווי פערצווייפלונג. געדענקט דאָס. עס וועט קומען אַ צייט... און זי קען קומען פריהער ווי מען דענקט! — ווען קיי־נער וועט שוין ניט קענען איינהאַלטען די קרעפטען, וועלכע זיי האָבען דאָ ארויסגעלאָזט אויף דער פרייהייט. איך זעה צייכענס פון דעם, איך הער סטראַשען פון געוואַלד און מאָרד...

ב ל י נ ד ע ר אַ נ ד ר ע ס : געוואַלד און מאָרד, יאַ!

פ אַ ל ק : וואָס רעדסטו, אַלטער?

ה אַ נ ס ב ר אַ : אַנדרעס — ער רעדט אימער נאָר וועגען איינעם.

פ אַ ל ק : נו, זאָל ער זאָגען!

ב ל י נ ד ע ר אַ נ ד ר ע ס : דאָס האָט געטראָפען מיט איינער, אַ אומגליקליכער...

פ אַ ל ק : איך ווייס, מיר זיינען דאָך צוזאַמען געגאַנגען.

ב ל י נ ד ע ר אַ נ ד ר ע ס : ניין, איך רעד גאָר פון מעיע'ן.

ביי מיר איז געווען נאָך אַ אינגערע טאָכטער, די וועלכע איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָדט, אין אַ רייכען הויז. דאָרט האָט מען זי פערגוואַלדעוועט.

פ אַ ל ק : יאָ, מיר גערענקען עס. אָבער איצט רעדט מען ניט פון דעם, אַנדרעס.

ב ל י נ ד ע ר אַ נ ד ר ע ס : אָבער מען זאָגט דאָך „געוואַלד און מאָרד". און דאָס איז געווען געוואַלד. און עס איז איהר געווען אַזאַ שאַנדע, אַז עס איז נאָך בעגאַנגען געוואָרען אַ מאָרד. גאָט דערבאַרם דיך און ערלייז אונז!

פ אַ ל ק : מיר וויסען דאָס, טהייערער אַנדרעס. (שווייגט אַ פּאָאר סעקונדען.) אומקעהרענדיג זיך צו אונזער געשפּרעך. פערצווייפלונג — אַ געפעהרליכער חבר — האָט זיך שוין צווישען אונז בעזעצט. איהר דאַרפט אייך פיהרען אַזוי, אַז אייך זאָל ניט אויסקומען צו דאַרפען זיך פערענטפערען פאַר דאָס וואָס איהר ווילט אַליין ניט עס זאָל קומען.

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : די אין דער הויך, אין שטאָדט — זיי זיינען פאַר אַלעם פעראַנטוואָרטליך.

פ אַ ל ק : דאָס פערגאַנגענע, האַנס בראַאַ, איז מעהר שולדיג ווי דאָס געגענוואַרטיגע, און אין געגענוואַרטיגען דאַרף מען די ווירקליכע שולדיגע זוכען אויף ביידע זייטען.

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : ניין, די רייכע פון אויבען, אויף זיי איז די גאַנצע שולד.

פ אַ ל ק : ניט די גאַנצע!

ע ט ל י כ ע ש ט י מ ע ן : יאָ, יאָ, די גאַנצע!

פ אַ ל ק : ווערט איהר וואַגען צו זאָגען אַז איהר זייט אין גאַנצען אונשולדיג?

אַ ל ע : יאָ, יאָ!

פ אַ ל ק : איהר זייט איצט אונגליקליך, און דעריבער ערביטערט, איך וועל מעהר ניט רעדען וועגען דעם. נאָר אויב איהר ווילט אַ שלום, בעמיהט אייך ניט צו קוקען אויף די אַנדערע ווי אויף מערדער.

האנס בראא: און אויב זיי זיינען אין דער ווירק־ליכקייט מערדער?

עטליכע שטימען: ביי גאָט, זיי זיינען מערדער.

פאלק: אפשר געקרייציגטע מערדער? אפילו מערדער קענען תשובה טהאָן.

פער סטוא: זיי זיינען ווילדע חיות!

פאלק: יא, דאָס איז נאָך ערגער! אָבער איך וויל אָט וואָס זאָגען: לאָזט איבער די רייכע דאָס עקשנות און דאָס סטראַשען. ביי זיי איז די מאַכט, זיי זיינען געוואָהנט צו זיין גרויזאָם און אַלעם צו ענטשיידען מיט געוואַלד. זייט ניט אַזוי נאַריש דאָס נאָכצוטהון. אָרימקייט האָט ברכות, וועלכע די רייכע קענען ניט געניסען. האַלט זיי ניט פאַר גרינג! אָרימקייט האָט זיך איהרע מזל־ברכות...

האנס בראא: און איהר האָט דאָס פאַרזוכט, העררפּאַסטאָר?

פאלק: איך קען אי די רייכע, אי די אָרימע; און די אָרימע האָבען פיעלע פאָרטהיילע געגענאיבער די רייכע.

האנס אלזען: יא, שמאַטעס און פליי!

פאלק: דו מיינסט אַזוי? (געלעכטער.) איך וועל דיר זאָגען וועלכע פאָרטהיילע, נאָך מיין אַנזיכט, די אָרימע האָבען געגענאיבער די רייכע. זיי זיינען אָפט צופרידען מיט ווייניג, זיי ווינשען גוטס איינער דעם אַנדערן, זיי זיינען אונגעוועהנליך פעהיג זיך מוסר נפש צו זיין. און דערביי זיינען זיי געדולדיג, גוטהערציג...

א גראָבע מענער שטימע (פון אויבען, לינקס) אזעלכע רעדעס וואָלסטו געדאַרפט האַלטען פאַר די רייכע!

(אַלע קוקען אַרויף אויבען.)

פאלק: אַזוי האָב איך טאַקע געטהאָן. איך רעד ניט נושא פנים צו זיין ניט די רייכע, ניט די אָרימע.

די גראָבע מענער־שטימע: שעהן, נאָר מיר ווילען דאָ מעהר ניט הערען די גלח'שע שוואַצעריי!

ד י פ ר י ה ע ר ד י ג ע פ ר ו ע נ ש ט י מ ע : (פון אויבען, רעכטס) דו וואָלסט בעסער געהאַט, דו שייגעץ! דו ביזט דאָך דער ערגסטער טייוועל אין „גיהנום“.

ד י ג ר אָ ב ע ש ט י מ ע : מאַך צו דעם פיסק, דו אָפּגעקראָכענע קליאַטשע!

פ אַ ל ק : וועט איהר איינהאַלטען דיעזע קרעפטען אויב צו זיי וועט צוקומען פערצווייפלונג? דאָס איז אַזוי שווער ווי צו בעהערשען דעם ים. איצט מוז איך אייך זאָגען, אַז אויך צווישען אייך זיינען דאָ פיעלע אַזעלכע (און זיי זיינען געוועזען ביי מיר!) וועלכע וואָלטען גערן ווידער געגאַנגען צו דער אַרבייט...

פ ע ר ס ט ו אַ : זאָלען זיי פּרובען, דער רוח זאָל עס נעהמען!

פ י ע ל ע : (צווישען זיך) איז דאָס אמת?

פ אַ ל ק : יא, אמת.

כ מ ע ט א ל ע : זאָלען זיי פּרובען! (אַ שטאַרקע בעוועגונג.) זיי וועלען קריעגען דערפאַר! ווער זיינען זיי? רופט אָן זייערע נעמען. (צום סוף אַלע מיט אַמאָל) רופט אָן זייערע נעמען!

פ אַ ל ק : (טהוט געביעטעריש אַ מאַך מיט דער האַנד, עס ווערט שטילער) איהר האָט שוין אין די געדאַנקען געוואָלד. ווען איהר וואָלט געוואוסט ווער זיי זיינען, וואָלט איהר געברויכט געגען זיי געוואַלד. און דאָס איז שוין ניט ווייט צו מאָרד!... (פאַלשטענדיגע שטילקייט.) און דאַן וואָלטען פיעלע פון אייך אויפ׳ן גאַנצען לעבען געוואָרען אונגליקליך. און זייערע קינדער און זייערע אָרימע פרויען...

ב ל י נ ד ע ר א נ ד ר ע ס : דאָס איז אמת.

ה א נ ס ב ר א א: די פון אויבען וועלען ענטפּערען דערפאַר!

פ אַ ל ק : יא, ווען איהר וואָלט זיי געצוואונגען דאָס צו פערשטעהן, דאַן...

פ ע ר ס ט ו אַ : זיי מ ו ז ע ן פערשטעהן!

א ס פּ ע ל ו נ ד : עס וועט קומען אַ טאָג ווען זיי וועלען פערשטעהן.

פ אַ ל ק : איהר קענט דאָס ניט ערוואַרטען. אַ די מענשען,

אי די אומשטענדען דאַרפט איהר נעהמען אזוי ווי זיי זיינען. וואַ־סער קען ניט לויפען שנעלער ווי דאָס משופּע'קייט פון זיין שטראָם ערלויבט. נאָך מיין אנזיכט וויל גאָט אויספּרובען אייער געדולד, און דערנאָך וועט קומען זיין שטונדע... קען זיין, ווען מיר וועלען זי אם ווייניגסטען ערווארטען.

אגראָבע שטימע: (פון אויבען, לינקס) מאַך א שנעלען סוף, דער רוח זאָל עם נעהמען!

פּאַלק: איהר וועט ניט אוועקגעהן רופענדיג דעם טייוועל, גוטע מענשען. אייך וועט דאָך אויסקומען זיך ווענדען צו דעם, ווער עס הייסט געדולדיג זיין זון שיינען אי פאַר די גוטע, אי פאַר די שלעכטע.

אפרויענשטימע: (פון אויבען, לינקס) בראַאט געהט!

פּיעלע: ער געהט?

האַנס בראַא: יא, ער האָט פערשפּראָכען היינט צו קומען.

איינער: (וואַרפענדיג זיך צום הינטערגרונד פון דער ביה־נע) יא, יא!

(אַלע קעהרען זיך אום. אַלגעמיינער גערודער. אייניגע קריכען אַרויף אין דער הויך, נאָך זיי אַנדערע, און דערנאָך — אַלע, מיט דער אויסנאַהמע פון דריי אַלטע פרויען.)

פּאַלק: נו, און איהר... וועט ניט געהן?

איינע: (שעהמעוודיג) ניין, אַ דאַנק.

פּאַלק: דריי — דאָס איז ניט פיעל. נאָר די זיינען גע־ווים ערנסט. (געהט אַראָפּ.)

האַנס בראַא: (אויבען, אויפ'ן וועג) הוראה בראַאט!

(הויכע געשרייען "הוראַ!")

(בראַאט זעהט זיך פון רעכטס. ער מאַכט מיט דער האַנד, אָבער דאָס העלפט ניט. ער קומט מיט שנעלע טריט צו די טרעפּ אין מיטען פון אונ־אויפהערליכע אויסדריקען פון מיטגעפיהל.)

בראַאט: (געהט אַרויף אויף די טרעפּ. שטילקייט.) ווען איך

בין געשטאַנען אויבען, האָב איך געהערט ווי דאָ, אויף דעם אָרט, האָט מיין פאָררעדנער געענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: גאָט בעפעהלט זיין זון געדולדיג צו לייכטען אי פאַר די גוטע, אי פאַר די שלעכטע. איך וועל אָנהויבען מיין רעדע מיט דעם, אז דאָ אונטען שיינט די זון קיינמאָל ניט. (אַ געלעכטער און אַ איבער'חזר'ן פון זייַנע ווערטער.) איך האָב אין דער ווירקליכקייט בעגעגענט מענשען, וועלכע ווייסען ניט אז מיר וואָהנען דאָ אונטען אין דעם פלוס־בעט פון אַ טיעפען טייך. דיעזער טייך, פאַר זיין אריינפאַלען אין ים, האָט געבילדעט אַ וואַסער־פאַל; און דיזער וואַסער־פאַל האָט זיך אַליין מעהר און מעהר דורכגעשלאָגען אַ וועג צום ברעג. אזוי איז געוואָרען דער טהאָל, אין וועלכען מיר וואָהנען. אזוי זיינען ענטדעקט געוואָרען די רייכע לאַגערען אין די בערג פוןביידע זייטען טייך. דאַן האָט מען אָפגעווענדעט דעם טייך און מען האָט אָנגעהויבען דורכפיהרען מינען. אַ דאַנק דעם איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסע שטאָדט דאָרט אויבען. און אַלס בעלוינונג פאַר אַלעס וואָס די אַרבייטער האָבען אַרויסגעשלעפּט אויף גאָט'ס וועלט, האָט מען זיי אַליין פערשליידערט אַהער, אונטען, אין דיעזען אָבגרונד. זיי האָבען אזוי פיעל פערדיענט פאַר אַנדערע, אז די ערד דאָרט אויבען איז געוואָרען צו־טהייער פאַר קליינינקע מענשעלעך. זיי האָבען זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט דער ערד דאָ אונטען — מיט דער ערד, וועלכע מען האָט געקענט קריגען אומזיסט. אָבער אַהער קומט דאָך קיינמאָל ניט אריין די זון.

(רעדעריי צווישען עולם.)

האַנס בראַאַ: דאָס איז אמת.

פאַלק: (אַוועקגעהענדיג). היט אייך, בראַטט.

בראַטט: (קוקט נאָך פאַלק'ן, דאַן זעצט ער פאָרט). מיט דער צייט איז אויסגעקומען אזוי, אז אַלע וואָס זיינען אויבען אריינגעפאַלען אין אַן אומגליק, אָדער האָבען געלעבט איבער די מיטעל, זענען אַראָבגעוואָרפען געוואָרען אַהער, אונטען...

האַנס בראַאַ: מענשליכע אָבפאַלען...

בראַטט: אין דעם „גהנים", ווי מען האָט באַלד אָנגע־

הגיבען רופען דאָס אָרט . . . דאָ איז פינסטער און קאַלט. דאָ זיינען ווייניג אַזעלכע וואָס אַרבייטען מיט האָפנונג, און קיינער ניט מיט פרייד. די קינדער געפעלט עס דאָ ניט. זיי רייסען זיך — צום ים, צו דער זון, אויף גאָט'ס וועלט. דאָס האַלט לאַנג ניט אָן. זיי ווערען באַלד דיסציפּלינירט. זיי לערנען זיך אויס פערשטעהן, אַז יעדער וועלכער איז אַרונטערגעוואָרפען אַהער, קען זעלטען ווען זיך ארויפדראַפּען אויבען.

פ י ע ל ע : אמת.

ב ר אַ ט ט : אָט שטעהען מיר דאָ. נאָר די צו ווענען אויבען בעלאַנגען די ברייטע, מיט דער זון בעגאָסענע לענדער, האָבען נאָר וואָס געענטפערט אַז מיר האָבען אין דעם קיין זאַך ניט. און אָט, גאַנץ אויבען, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען די פעסטונג און וואו האָלגער האָט זיך אויסגעבויט אַ נייעם שלאָס (געטומעל), דאָרט, אין שלאָס, דאַרפען היינט ביי נאַכט זיך פערזאַמלען די פאַבריקאַנטען, די פאָרשטעהער פון'ם גאַנצען לאַנד. דאָרט וועלען זיי זיך בעראַטהען וועגען דעם ווי אַזוי אונז צו פערהאַלטען דאָ אונטען, אַז מיר זאָלען קיינמאָל ניט קענען זיך אויפהויבען אין דער הויך.

אַ ג ר אָ ב ע ש ט י מ ע : (לינקס). יאַ, זאָלען זיי פרובען !

פ י ע ל ע : (מיט וואַקסענדע וואוטה). יאַ, זאָלען זיי פרובען !

ב ר אַ ט ט : איך בעט אייך, אום גאָטעס ווילען, לאָזט זיי נאָר זיך רוהיג פערזאַמלען. דיעזער שלאָס איז אויסגעבויעט געוואָרען דאַן, ווען די נויט אין לאַנד האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען — אַזוי ווי אויף צו להכעיס. עס פערשטעהט זיך, זיי וועלען זיך דאָרט פערזאַמלען, און פון דאָרט וועלען זיי אונז ענטפערען. איך האָב געהערט אַז היינט ביי נאַכט וועט דער שלאָס זיין אילומינירט.

אַ ג ר אָ ב ע ש ט י מ ע : זאָלען זיי פרובען !

אַ ל ע : יאַ, זאָלען זיי פרובען ! זאָלען זיי נאָר פרובען !

ב ר אַ ט ט : צי דען אָבער פאַרשטעהט איהר ווירקליך ניט, מיינע פריינד, אַז פאַר אונז קען זיך קיין זאַך בעסער ניט לוינען ?

גראַדע היינט, ווען מיר האָבען בעגלייט צום אָרט פון אייביגער רוה מאַרען און איהרע צוויי קינדער...

בלינדער אנדרעס: (אין שרעק). אָ! מאַרען!

בראַטט: זיי מאַכען ביי זיך אילומינאַציעס! (אַן אויפרייס פון צאָרן.) אַט ווי זיי פיהרען זיך!... אָבער... שטערט זיי ניט. דאָס וועט צו־ציהען צו אונז נייע פריינד, אַפילו די וועלכע האָבען מיט אונז פריהער ניט סימפּאַטיזירט. יא, יא, פיעלע וועלען זיך דערשרעקען פאַר גאָט, איבער וועלכען די רייכע לאַכען זיך אויס. לאָזט־זשע די, וועלכע האָבען ביי אונז אוועק־גענומען די זון, זיך מאַכען אילומינאַציעס. (אונצופריעדענהייט). וואַרט־זשע, דיעזע אַנשטעקונג ענטוויקעלט זיך אימער דאָרט וואו עס דרינגט ניט אריין קיין שטראַהל פון דער זון. די זון טויטעט אַלע מיקראָבען, וועלכע רואינירען אי דעם קערפּער אי די זעעלע. די זון גיט דעם מענשען קראַפט, פעהיגקייט צו אַרבייט. די זון איז פעראייניגונג, די זון איז גלויבען! די מענשען וואָס וואָהנען דאָרט הויך, ווייסען עס צו גוט. זיי ווייסען עס נאָך פון דער שוהל־באַנק. און וואָס־זשע? זיי פעראורטהיילען אונז טאַקע אַלע אויף דעם לעבען דאָ אין אָבגרונד, וואו עס שווירבלען פּאַראַזיטען, וואו אַנשטעקונג מאַכט זיך איהר נעסט, וואו קינדער ווערען בלייך און דאַרען איין, וואו די געדאַנקען ווערען פינסטער, וואו דער פּער־שטאַנד בעדעקט זיך מיט אַזא שימעל ווי אייערע קליידער...

זיי האָבען קלויסטערס, גלחים, זיי בעטען, זיי זינגען הייליגע תפילות, זיי האָבען אַפילו עפּעס וואָס זעהט אויס ווי וואוילטהאַט. אָבער קיין גאָט האָבען זיי ניט! (בעוועגונג). ניט שוין־זשע וועלען מיר אין דער אמת'ען וואַרטען ביז זיי וועלען איהם קריגען? וועלען מיר אין דער ווירקליכקייט קאַלטבלוטיג צוקוקען ווי איין דור נאָכ'ן אַנדערען געהט אונטער אין אָרימקייט און זינד? אָדער איהר האָט אפשר פערגעסען וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט דריי טעג צוריק? נאָך וועמען האָט היינט געקלונגען דער לויה־גלאָק? און איהר צווייפעלט נאָך צי דאַרפט איהר וואַרטען?... זיי האָ־בען ערגיץ אויסגעבויעט פאַר אייך עטליכע מיזעראַבלע אַנשטאַל־

טען פאַר פערוואונדעטע ארבייטער, אָבער וועט דאָס דען רעטען פון נויט טויזענדער מענשליכע לעבענס? ווער וועט אייך פער־זיכערען אז אייער לעבען וועט א מאָל לייכטער ווערען? ווער? זייער יוגענד? אָבער זי זאָגט: „מיר ווילען לעבען א גוטען טאָג“. זייער ליטעראטור? יוגענד און ליטעראטור — אין דעם איז דאָך די גאַנצע צוקונפט, ניט אמת? — וואָס־זשע זאָגען זייערע ביכער? זיי זאָגען: האָט הנאה פון׳ם לעבען! ליכט, דאָס גליק פון׳ם לעבען, אַלע איהרע העלע פאַרבען, אַלע איהרע פריידען — דאָס אַלעס איז אייערס!“ אָט וואָס עס זאָגט די יוגענד! אָט וואָס עס פּרעדיגען זייערע ביכער!.. און זיי זיינען גערעכט. דאָס אַלעס בעלאַנגט צו זיי. עס זיינען ניטאָ קיין געזעצען, וואָס פאַרוועהרען די רייכע אוועקצורויבען פון די אָרימע דאָס ליכט פון דער זון און די פרייד פון׳ם לעבען. און וואָרום? ווייל אַלע געזעצען ווערען געמאַכט פון די רייכע, וועלכע האָבען פערפּאַפּט אי די זון, אי די פריידען. איצט איז די פראַגע נאָר אין דעם, וועלען מיר קענען ווען־עס־איז אויף אזוי פיעל זיך אויפהויבען, אז מיר זאָלען אַנטהייל נעהמען אין דעם שאַפען פון נייע געזעצען? (פערטויבענדע געשרייען „הורראַ!“) עס איז נאָר נויטיג אז איין דור זאָל מאַכען א גרויסע, מעכטיגע אָנשטרענגונג, און די העלע זון וועט בעלייכטען מיט איהרע בעלעבענדע שטראַהלען אַלע דורות פון דער צוקונפט!

(א דונער פון פערטויבענדע אַפּלאָדיסמענטען).

א ל ע: יאַ! יאַ!

ב ר אַ ט ט: אָבער ביז איצט האָט יעדער דור אַרויפגעוואָר־פען דעם חוב אויף׳ן צוקונפטיגען דור. לאָמיר־זשע איהם נעהמען אויף זיך, מיט אַלע מאַטערנישען, מיט אַלע אָפּפער, ניט אויסשלי־סענדיג דעם טויט. איהר געדיינקט ווער עס איז נאָר־וואָס דאָ געפאַלען אונטער דער אונערטרעגליך שווערער משא? זאָל איהר טויט אונז דיענען פאַר א ביישפּיעל. ווייסט־זשע אז זי איז ניט געשטאָרבען אומזיסט. זי האָט אויפגעוועקט דאָס שלאָפענדע גע־וויסען, זי האָט אַרויסגערופען אַן אונגעוועהנליכען שטראָם פון

געלט־אָפּפערונגען פאַר דעם סטרייק אי געבטען, אי היינט. עס זיינען בייגעשטייערט געוואָרען ריעזיגע סומען. היינט האָט אי־מיצער צוגעשיקט צוויי טויזענד קראָנען. (אלגעמיינע פרייד).

בלינדער אנדרעס: (געריהרט). גאָט מיינער! גאָט!

בראַטט: געדיינקט איהרע מאַטערנישען און איהר שרעק! געדיינקט זיי אייביג אַלס דאָס אונרעכט, צו וועלכען מיר מוזען מאַכען אַן ענד! אַלס די הילפס־געשרייען פון די אונטערגעהענדע דורות!

אלע: יאַ! יאַ! (בעוועגונג.)

בראַטט: לאַמיר־זשע זיך אַלע צוגעוועהנען צו ליידען. איך גיב אָפּ אַ העלפט פון אַלע מיינע איינקינפטע. מיר האָט זיך איינגעגעבען צו ווירקען אויף פיעלע פון מיינע פריינד אַז זיי זאָלען אויך אַזוי טהאָן. גלייך מיט מיר זעהען זיי אין דעם אַ גרויסע טהאַט! איך שטעה פאַר אייך און פיהל ווי עס ברענען מיינע הענט, ווי אַן אונבעקאַנטער ציטער כאַפּט ארום מיין גאַנצען וועזען. מיינע געפיהלען זיינען געוואָרען פיינער, מיינע ווינשע — העכער, איך בין פול מיט דער פרייד פון זעלבסט אויפאָפּפערונג. געוועהנט זיך צו ליידען! נור ווען איהר וועט זיך אויס־לערנען זיך אַליין צו בעהערשען, וועט איהר קענען הערשען איבער אַנדערע און ריכטיג אויסנוצען אייער מאַכט. מיט יעדען טאָג פער־מעהרט זיך די צאָהל פון אונזערע פערבינדעטע. קיינמאָל זיינען די אַרבייטער נאָך ניט געווען אַזוי נאָהענט צו זייער ציעל. קיינ־מאָל איז אונזער סאָלידאַריטעט נאָך ניט געווען אַזוי גרויס. קיינ־מאָל זיינען נאָך ניט אוועקגעגעבען געוואָרען אַזוי פיעל קרעפטען, קיינמאָל איז נאָך ניט געקומען אַזאַ שטאַרקע אונטערשטיצונג. מיין גאָט! ווען עס זאָל זיין בעשערט אונזער דור... ווען עס זאָל אונז געלינגען אַרויסצוריסען די אַרבייטער פון דיזען קעניגרייך פון פינסטערניש, פון דיזע אָבגרונדען, און זיי אַרויספיהרען אויף דער לעבעדיגער זון פון׳ם לעבען! (אלגעמיינע בעוועגונג. מיט אַ שטי־לער שטימע). איצט געהט אין דער סטרייק־ביורא. היינט איז

בעשטימט געוואָרען יעדען צו געבען שטיצע. (אַ אַלגעמיינע פרייד.) ווען יעדער וועט קריגען וואָס איהם קומט, טרעט צו צום אויסקלייבען קאָמיטעט־מיטגליעדער פיר די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם הערר האָלגער. איהר ווייסט אז היינט דאַרף ער אייך געבען אַן ענטפער. (אַלגעמיינער גערודער. פיעלע געהען צו צו בראַטט׳ן, וועלכער געהט אַראָפּ פון די טרעפּ, אום איהם צו דריקען די האַנד. לעבעדיג ריידענדיג צווישען זיך געהען זיי אַוועק אין דער ריכטונג צו דער שטאָדט. אין דער מינוט וואָס בראַטט נעהמט אַוועקגעהן, קומט עליאַס אַרויס פון אַ הויז רעכטס).

עליאַס: בראַטט!

בראַטט: (געהט איהם שנעל אַקעגען און פיהרט איהם אָפּ אין פאָדער גרונד). ענדליך דאָך! וואו ביזטו געוועזען? פונקט ווען דו ביזט אונז געוועזען אַזוי נויטיג, ביזטו ערגיץ פאַרפאַלען געוואָרען.

עליאַס: איך האָב געהאַט עפּיס צו טהון וואָס האָט ניט געקענט אָפּגעלעגט ווערען.

בראַטט: גלויב מיר, איך צווייפעל ניט אין דעם.

עליאַס: (שמייכלענדיג). איבריגענס, בראַטט, דו האָסט מיך געזעהען.

בראַטט: אַליין ניט ווינסענדיג עס?

עליאַס: יא, נאָר, וואָס האָסטו מיך אַזוי נויטיג געדאַרפט?

בראַטט: ערסטענס האָב איך מורא געהאַט אז אַ גרויסער טייל פון דעם געלט וואָס שטראָמט אריין צו אונז אין אַזאַ איבערפלוס קומט פון דיר. איך האָב דיך געוואָלט וואַרנען, עליאַס.

עליאַס: איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר. ווייסטו ווער עס האָט דער לעצטער גערעדט מיט מאַרען האָוג?

בראַטט: דו?

עליאַס: יא, איך.

בראַטט: וואָס זשע האָט זי דיר געזאָגט? זי איז דאָך געוועזען אין אַ שרעקליכער פערצווייפלונג.

עליאַס: זי האָט מיר געזאָגט: „עס איז נויטיג אימי־

צער זאָל שטאַרבען, אַנדערש וועלען זיי זיך קיינמאָל ניט בעזינגען".

ב ר אַ ט ט : זי האָט דאָס געזאָגט? הייסט עס, זי איז געווען אַן אמת'ע מאַרטירערין. דו ביזט איינשטימיג מיט דעם, עליאַס?

ע ל י אַ ס : איינשטימיג.

ב ר אַ ט ט : אָבער אַ סך מאַרטירער זיינען געווען אוננאַר־מאַלע מענשען.

ע ל י אַ ס : נאַטירליך.

ב ר אַ ט ט : דערצו נאָך דער בראַנפען. די לעצטע צייט האָט זי אָנגעהויבען טרינקען. אַלע זאָגען עס.

ע ל י אַ ס : אום זיך צו צוגעבען מוטה. דאָס איז אויך אַ בעוויז פון אוננאָרמאַליטעט.

ב ר אַ ט ט : וואָרום האָט זי ניט געבעטען קיין הילף? מען וואָלט איהר געהאָלפען.

ע ל י אַ ס : איך האָב איהר אויך פאָרגעלעגט הילף.

ב ר אַ ט ט : און וואָס?

ע ל י אַ ס : זי האָט מיר געענטפערט: איך וועל נאָר אוועקנעהמען דאָס ברויט פון אַנדערע.

ב ר אַ ט ט : ווירקליך? אין דער פרוי איז געווען עפּעס אונגעוועהנליכעס. זי איז בעגאַנגען אַן אמת'ע העלדענטהאַט. וויפיעל גרויסקייט און עדעלקייט געפינט זיך אָט דאָ אונטען צווי־שען דיעזע אונגליקליכע מענשען! הייסט עס, זי האָט זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן?

ע ל י אַ ס : אָהן צווייפעל.

ב ר אַ ט ט : איך זעה אז דאָס האָט דיך טיעף צורודערט (עליאַס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ). דו זעהסט אויס קראַנק. וואָלסט דיך געדאַרפט דורכגעהן אביסעל צו דער שוועסטער. האָסט זי שוין לאַנג ניט געזעהען?

ע ל י אַ ס : שוין עטליכע טעג. בראַטט, געדיינקסטו די צוויי זאָנדערבאַרע קינדער, וועלכע זיינען געקומען צופאָהרען צו דער שוועסטער — זאַמער'ס קינדער?

ב ר אַ ט ט : נו, געווים. זיי קאָן מען ניט פאַרגעסען.

ע ל י אַ ס : שטעל דיר פאָר אז זיי זיינען שוין ביי איהר ניטאָ.

ב ר אַ ט ט : וואָס זשע הייסט עס ? דיין שוועסטער האָט דאָך איינגעווייליגט זיי צו נעהמען צו זיך.

ע ל י אַ ס : יאַ, נאָר דער פעטער האָט זיי צוגענומען פון איהר.

ב ר אַ ט ט : האַלגער ? אָבער פאַר'ן טויט האָט דאָך זאמער אויסגעשפּראָכען דעם וואונש זיי זאָלען בלייבען ביי דיין שוועסטער ?

ע ל י אַ ס : עס איז דערפון גאָר נישט געוואָרען. דער פעטער האָט זיי גענומען צו זיך. אזוי ווי זייערע עלטערן זענען געשטאָרבען, האָט ער געזאָגט, דאַרף איך זיין א פאָטער צו די יתומים. איך וועל זיי מאַכען פאַר מיינע יורשים און איך וועל זיי ערציהען נאָך מיין וואונש נאָך.

ב ר אַ ט ט : נאָך זיין וואונש ? אפשר וועט ער וועלען מאַכען פון זיי אזעלכע ארבייטער־תליונים ווי ער איז ?

ע ל י אַ ס : גאַנץ געווים. אזעלכע סאָרטען מענשען נעהמען אוועק פון די ארבייטער אפילו די האָפנונג אויף דער צוקונפט. דיעזער געדאַנק פערפאָלגט מיך אונאויפהערליך. ער רייסט מיר דאָס פלייש נאָך מעהר ווי מאַרען'ס זעלבסטמאָרד. דאָס איז נאָך שרעקליכער. בערעכען נאָר — אוועקנעהמען אפילו די האָפנונג אויף דער צוקונפט !

ב ר אַ ט ט (קוקענדיג אויף איהם דורכדרינגענד). אזעלכע געפיהלען דאַרפען אויפמונטערן צו טהאַטען, עליאַס.

ע ל י אַ ס (אויסהאַלטענדיג זיין בליק). צווייפעל אין דעם קיין איין סעקונדע ניט.

ב ר אַ ט ט : (נעהמענדיג איהם אונטער דער האַנד). עליאַס, געדיינקסטו דעם טאָג ווען דו ביזט געקומען אהער צו מיר צוזאַמען מיט דיין שוועסטער ?

ע ל י אַ ס : ווי זאָנדערבאַר דאָס איז !

ב ר אַ ט ט : וואָס וואונדערסט זיך אַזוי ?

ע ל י אַ ס : וואָס דו האָסט אָנגעהויבען רעדען דערפון. איך האָב אויך וועגען דעם געטראַכט אַ גאַנצען טאָג !

ב ר אַ ט ט : דו האָסט אַזוי געשיינט. איהר זייט דאַן נאָר וואָס רייך געוואָרען, ערהאַלטענדיג די ירושה פון דער טאַנטע אין אַמעריקאַ.

ע ל י אַ ס : און מיר זיינען געקומען זיך צו בעראַטהען מיט דיר וואָס מיר זאָלען אונטערנעהמען.

ב ר אַ ט ט : איך האָב אייך בעקאַנט געמאַכט מיט מיין טהעטיגקייט. דיין שוועסטער איז ניט היננעריסען געוואָרען. דאָס איז אַלעס אַזוי אונפערשטענדליך און ניי, האָט זי געזאָגט. דערנאָך האָט זי זיך געקויפט אַ הויז אויבען און האָט איינגעריכטעט אין איהם אַ האָספּיטאַל. און דו....

ע ל י אַ ס : און איך האָב גערעכענט פאַר בעסער צו בלייבען מיט דיר.

ב ר אַ ט ט : ווי גליקליך דו ביזט געווען ווען דו האָסט דיר געקויפט דאָ דאָס בעשיידענדע קליינע הייזעל. (ווייזט אויף דעם שטיבעל לינקס, פון וואַנען עליאַס איז אַרויסגעקומען).

ע ל י אַ ס : און איך האָב קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאַט. דאָס איז די איינציגע עקזיסטענץ, וועלכע מאַכט שלום צווישען מיר און דעם לעבען.

ב ר אַ ט : (ערנסט). פאַר וואָס זשע קענען מירביידע ניט איינשטימען, עליאַס ? וואָס איז געוואָרען צווישען אונז ?

ע ל י אַ ס : וואָס רעדסטו ?

ב ר אַ ט ט : איך הער דאָס אין׳ם טאָן פון דיין שטימע. אָט איצט, אין דיעזער מינוט, האָב איך עס דערפיהלט, נאָך איידער דו האָסט אָנגעהויבען רעדען מיט מיר. אימיצער האָט דיך אוועקגענומען פון מיר !

ע ל י אַ ס : ניין, בראַטט. קיינער ניט. אונז קען נאָר דער טויט צושיידען.

ב ר אַ ט ט : אָבער עפּעס האָט דאָך פּאַסירט.

עליאַס: יאָ, עס האָט פּאַסירט.

בראַטט: (שרעקעדיג). וואָס זשע?

עליאַס: (נאָך אַ קורצען נאָכדענקען). דו שטעלסט מיר אַזוי פיעל פראַגען. מעג איך פון מיין זייט דיך אויך פרעגען ווע־גען איין זאַך?

בראַטט: וועגען וואָס, טהייערער?

עליאַס: (בעזאָנדערס אונטערשטרייכענד). בראַטט, מיר גלויבען דאָך ביידע אַז גאָט איז עפּעס אַזעלכעס וואָס יעדער דאַרף אויסטראָגען אין זיין נשמה?

בראַטט: יאָ.

עליאַס: אַז ער איז אַן אייביגער, אַ וועלט־געזעץ, וואָס בעווייזט זיך אין אונזער מענשליכען לעבען, אַלס די גערעכטיגקייט — אין דער אונאויפהערליך זיך ענטוויקלענדער גערעכטיגקייט?

בראַטט: און אין גוטעס.

עליאַס: און אַ מלחמה? איז ער אין איהר ניטאָ? איז ער דען אויסער איהר?

בראַטט: איז דאָס דיין פראַגע?

עליאַס: יאָ.

בראַטט: (קוקט דורכדרינגענד אויף איהם). עס זיינען דאָ פערשיעדענע מלחמות, עליאַס.

עליאַס: איך האָב אין זינען אַזאַ, ווען אַ מענש ברענגט זיך אַלס קרבן אום אויסצוראָטען אַלע די וואָס ווינשען שלעכטס.

בראַטט: דו פרעגסט: צי געהט אונטער אַזאַ מלחמה אונטער דעם געזעץ פון גערעכטיגקייט?

עליאַס: יאָ.

(אַ מאַן אָנגעטהאָן אין אַ ברוינעם מאַנטעל גנב׳עט זיך אונבעמערקט צו צו זיי, רוקט אַריין זיין קאָפּ צווישען עליאַס׳ן און בראַטט׳ן, קוקענדיג שאַרף אויף דעם לעצטען).

בראַטט: פּי! וואָס איז דאָס? פאַרוואָס גנב׳עט ער זיך אימער אַזוי אַריין?

דער מאַן אין ברוינעם: (זעצט זיך אַ צוזאַ־

מענגעקאָרטשעטער אויף דער ערד, לעגט די הענד אויף די קניע און צולאַכט זיך אויפ'ן קול). חאַ־חאַ־חאַ־! חאַ־חאַ־חאַ! (שפּרינגט אונטער. עליאַס מאַכט צו איהם אַ צייכען און ער פערשווינדעט).

ב ר אַ ט ט: איז עס ווירקליך אונמעגליך מיט דיר אמאָל צו ריידען אַז ער זאָל ניט צוקומען און שטערען?

ע ל י אַ ס: וואָס קען מען מאַכען? ער האָט זיך צוגעבונדען צו מיר. דאָס איז דאָס איינציגע גליק אין זיין לעבען. ווי קען איך איהם אָפּטרייבען?

ב ר אַ ט ט: ניין. דאָס וואָלט איך קיינמאָל ניט געפאָדערט. אָבער קען מען איהם ניט אָבגעוועהנען ער זאָל זיך ניט אריינשטופּען ווען דו רעדסט מיט אימיצען?

ע ל י אַ ס: איהם דאַכט זיך אַז דאָס איז אינטערעסאַנט. זאָל ער געהן! ער איז אַזאַ אונגליקליכער. היינט האָב איך איהם זאָגאַר געמוזט צוזאָגען צו לעבען און שטאַרבען מיט איהם צוזאַמען.

ב ר אַ ט ט: דו ביזט צו גוט, עליאַס.

ע ל י אַ ס: ניין. ניט איך בין צו־גוט, נאָר די מענשען זיינען צו־אונגליקליך. ער איז דאָך אויך איינער פון די, וועלכע האַלגער האָט ענטזאַגט דערפאַר וואָס ער האָט געשטימט פאַר אונז. ער האָט דאָס ניט איבערגעטראָגען. זיין פערשטאַנד איז געריהרט געוואָרען, און מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אַהער אונטען.

ב ר אַ ט ט: דאָס וויים איך.

ע ל י אַ ס: פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבען געהן נאָך מיר וואוהין איך בין נאָר געגאַנגען. געזעסען ווי אַ הונד פאר מיין הויז. נו, האָב איך איהם אריינגעלאָזט.

ב ר אַ ט ט: אויב דו וועסט זיך וועגען אַלע אַזוי זאָרגען, וועסטו אָבשוואַכען דיין ענערגיע פאר דאָס וואָס איז נויטיגער ווי אַלעם.

ע ל י אַ ס: ענטשולדיג וואָס איך שלאָג דיר איבער, נאָר איך בין היינט אַזוי אויפגערעגט. איך קען ניט שטעהן און צו־הערען רוהיג. און איך האָב טאַקע ווייניג צייט. איך בין געקומען

אַהער נאָר אום זיך צו זעהען מיט דיר. איך האָב דערפיהלט אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט דיך צו זעהען.

ב ר אַ ט ט: אָבער דאָס, וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט, עליאַס?

ע ל י אַ ס: לאָמיר מעהר וועגען דעם ניט רעדען.

ב ר אַ ט ט: מעהר ניט רעדען וועגען דעם?

ע ל י אַ ס: מיט דער צייט וועסטו עס פערשטעהן. איך קען ניט איבערטראָגען די אַלע אונגערעכטיגקייטען. איך קען ניט הע־רען ווי מען זאָגט אַז איינע מ ו ז ע ן בעזיעגען די אַנדערע.

ב ר אַ ט ט: מוזען בעזיעגען? איז עס מעגליך אַז דו ביזט דערגאַנגען דערצו אַז דו האָסט עס זאָגאר אויף אַ מינוט געקענט גלויבען?

ע ל י אַ ס: יאַ, איך בין דערגאַנגען דערצו (נעהמט אַרום זיין קאָפּ מיט ביידע הענד). ווי איך האָב דיך ליעב! פאַר אַלעס וואָס דו האָסט געטהאָן פאַר מיר, פאַר דעם אופן ווי דו האָסט מיך אויפגענומען דאָ דאָס ערשטע מאָל, און פאַר דעם וועג ווי דו האָסט דיך איצט דערשראָקען.

ב ר אַ ט ט: אָבער, עליאַס, דו...

ע ל י אַ ס: ניין, לאָז מיך אויסריידען. איך האָב דיך ליעב פאַר דיין מוטה צו גלויבען און האַנדלען אין איינקלאַנג מיט דיין גלויבען. דערפאַר וואָס דו גיסט זיך אָב צו דיין זאַך מיט אַזאַ קראַפט אַז דאָס גאַנצע לאַנד ווערט פערציטערט. אָהן אַן אויפהער רופסטו צו אונזערע הערצער: שטאַרקט אייך! שטאַרקט אייך!... און פאַר דער יוגענד בעדייטעט עס: פאָרווערטס! אַלץ ווייטער און ווייטער פאָרווערטס!

ב ר אַ ט ט: (דערשראָקען). אָבער, עליאַס, אין דעם גע־גענווערטיגען מאָמענט בעדייטעט דיעזער „פאָרווערטס“ —

ע ל י אַ ס: דעררעד ניט! איך וועל אויך מעהר קיין וואָרט ניט זאָגען. (נעהמט איהם אַרום, דריקט זיך צו צו איהם, דער־נאָך לאָזט ער איהם אָפּ. נעהמט נאָך אַמאָל אַרום זיין קאָפּ, קושט איהם.

צוויי מאָל און געהט שנעל אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען ער איז געקומען).

ב ר אַ ט ט : עליאַס! ניין. דו האָסט ניט קיין רעכט אַוועקצוגעהן ניט ערקלערענדיג מיר אום וואָס עס האַנדעלט זיך. געהן ווייטער? אין דער מינוט?... שרעקליך! (וואַרפט זיך נאָך איהם). דאָס טאָר ניט זיין. (רופט איהם הויך) עליאַס! עליאַס!

צווייטער אַקט

סצענע: אַ הויכע, קינסטלעריש אײַנגעאָרדנטע ביבליאָטעק. אַ פֿאָרהאַנג פֿאַרשטעלט דעם הינטערגרונד פֿון דער בינע. לינקס — אַ פֿענסטער אין גאָטהישען סטיל פֿון דער פּאָדלאָגע ביז דער סטעליע. פֿון ביידע זייטען פֿון'ם פֿענסטער, פֿון פּאָדלאָגע ביז דער סטעליע, ביכער־פּאָליצעס. רעכטס, אַנטקעגען פֿענסטער אַ גאָטהישע טיהר. פֿון ביידע זייטען פֿון דער טיהר — אויך פּאָליצעס. לינקס, אין פֿאָדערגרונד, אַ טיש. אויף איהם ליעגען פּלענער פֿון געביידעס.

האָלגער: (זיצט אין אַ ברייטען שטוהל ביים טיש, מיט'ן רוקען צו די פּאָליצעס מיט ביכער). דאַרף מען, הייסט עס, נאָר אי־בערמאַכען דעם אונטעראירדישען גאָרען?

האַלדען: (שטעהענדיג). דאָס איז אַ אונבעדייטענדער איבערבוי. אָבער עס איז דאָך דאָ נאָך עפּיס צו צובויען.

האָלגער: צובויען? מע דאַרף גאָר ניט צובויען. האָב איך דאָס פֿאַרגעסען אייך צו זאָגען?

האַלדען: יאָ.

האָלגער: דער פֿליגעל איז געווען בעשטימט פֿאַר די קינדער פֿון מיין שוועסטער. מיר האָבען דאַן גערעכענט אַז זיי וועלען בלייבען ביי פֿריילײן סאַנג.

האַלדען: בלייבען זיי ניט ביי פֿריילײן סאַנג?

האָלגער: זיי וועלען וואָהנען ביי מיר. (פּאַוזע).

האַלדען: איז דאָך דאָ כמעט גאָר ניטאָ וואָס צו טהון.

האָלגער: מעג, אַלזאָ, פֿריילײן סאַנג זיך איבערקלוי־בען? אַ?

האַלדען: אויף וויפֿיעל איך האָב פֿערשטאַנען, קלויבט זי זיך היינט איבער.

האלגער: (קוקט אויף איהם). איהר האט ניט גערעדט מיט איהר?

האלדען: איך האב שוין לאנג מיט איהר ניט גערעדט.

(מען קלאפט. האלדען געהט שנעל צו דער טיהר).

האלגער: (שטעהט אויף און געהט צום פאדערגרונד). איז דאס ניט זי? (האלדען עפענט די טיהר).

האנס בראא: (פון יענער זייט טיהר). איז האלגער דא?

האלגער: (זעצט זיך צוריק). דא.

האלדען: א דעפּוטאציע פון די ארבייטער.

האלגער: איך הער...

האלדען: זיי מעגען אריינגעהן?

האלגער: זאלען זיי אריינגעהן!

(האנס בראא, אספעלונד, אלטער אנדרעס האלל, העגריק זען, האנס האלזען און פער סטוא).

האלגער: (זיך זעצענדיג). ווער איז דער בלינדער אלטער?

האנס בראא: דאס איז אנדרעס האלל. דער פאטער...

האלגער: ער ארבייט אין איינער פון די פאבריקען אין שטאדט?

האנס בראא: ניין, ניט ער, זיינע קינדער.

האלגער: איך פיהר אונטערהאנדלונגען נאר מיט ארבייטער פון א פאבריק.

האנס בראא: דאס איז דער פאטער פון מארען, וועלכע מיר האבען היינט בעערדיגט... צוזאמען מיט די צוויי קינדער. מיר האבען געמיינט, דאס פערשטעהט זיך אליין, אז ער איז געקומען מיט אונז ריידען...

האלגער: זעהר מעגליך. פיהרט ארויס דיעזען מענשען!

(קיינער ריהרט זיך ניט, קיינער ענטפערט ניט).

אנדרעס האלל: מיך וויל מען ארויספיהרען?

האנס בראא: אזוי האט ער געזאגט.

אנדרעס האלל: ווער קען דען בעסער ווי איך דערצעהלען וועגען אונזער נויט?

ה א נ ס ב ר א א : אָבער ער וויל דאָס ניט הערען, פער־שטעהסטו.

א נ ד ר ע ס ה א ל ל : אזוי גאָר? ער ווייסט דאָך אז ניט נאָר איין מאָרען האָב איך פארלוירען....

ה אָ ל ג ע ר : פיהרט אַרויס דעם מענשען, אום מיר זאָלען קענען אָנהויבען. נו?

ה א ל ד ע ן : קום, אַנדרעס. איך וועל דיר העלפען.

א נ ד ר ע ס ה א ל ל : ווער ביזטו? מיר איז דיין שטי־מע עפּיס ווי באַקאַנט?

ה א ל ד ע ן : אַהער, אַנדרעס.

א נ ד ר ע ס ה אָ ל ל : ניין, איך וועל ניט געהן, מיך האָט מען אויסגעקליבען.

ע ט ל י כ ע : (אין דערזעלבער צייט). דו מוזט אַוועקגעהן!

ה א נ ס ב ר א א : אַנדערש וועלען מיר גאָר ניט קענען אויפטהון, פאַרשטעהסטו.

א נ ד ר ע ס : איהר וועט ניט קענען? נו, גוט... נאָר איך האָב פונדעסטוועגען פאָרט געוואָלט זאָגען עטליכע ווערטער.

ה א ל ד ע ן : אַך, עס איז ניט נויטיג, אַנדרעס.

ע ט ל י כ ע : ניט נויטיג!

א נ ד ר ע ס ה אָ ל ל : איהר דיינקט אַזוי?.. און איך וועל דאָך זאָגען, אַז ווען זי וואָלט דאָ געווען, מיין איינגסטע טאָכ־טער, מיין עלענדע טעיא, וועלכע...

ה אָ ל ג ע ר : (אויפשטעהענדיג). פארנעהמט אייך אַלע פון דאַנען! אַ?

א ס פּ ע ל ו נ ד : דו הערסט וואָס ער באַפעהלט? מיר ווע־לען שוין קריעגען אַ חלק. (האָלגער זעצט זיך).

אַ נ ד ר ע ס ה אָ ל ל : מיר האָבען דאַן זיך געדאַרפט פּרו־בען! אָבער מיר קומט אוים צו באַצאָהלען פאַר דעם וואָס איהר האָט געטהאָן!

ה א ל ד ע ן : נו, בערוהיג דיך אַנדרעס. קום מיט מיר.

אַ נ ד ר ע ס ה אָ ל ל : אָבער ווער ביזטו?

בראַאַ: דאָס איז האַלדען. דו קענסט איהם.

אַנדרעס האָלל: אַ — אזוי גאָר! האלדען? ער איז אַ וואוילער מענש, האלדען. יא, יא, מיט האלדען'ען וועל איך געהן.

האַלדען: נו, אזוי איז גוט. עס וואָלט אויך ניט געשאדט דו זאָלסט עפּיס נעהמען צום שטאַרקען זיך.

אַנדרעס האָלל: מיר זיינען דאָך דאָ, ביי האָלגער'ן?

האַלדען: יאַ.

אַנדרעס האַלל: צוויי טעג איז אין מיין מויל קיין ברעקיל ברויט ניט אריינגעקומען. אָבער בעסער וועל איך טהון וואָס מיינע טעכטער האָבען געטהאָן איידער בעטען ביי דעם האלגער'ן אַ שטיקעל ברויט אָדער אַ טראָפּען וואסער.

האַלדען: איך וועל דיר גיבען פון מיינעם.

אַנדרעס האַלל: פון דיינעם?.. נו־נו, דאן...

האַלדען: לאָמיר־זשע געהן.

אַנדרעס האַלל: נו, קום. (מאַכט אַ שריט, קעהרט זיך אום). נאָר עפּיס מוז איך דאָך זאָגען האלגער'ן... ער זיצט דאָך דאָרט, יא?

עטליכע: אָבער ניין, געה בעסער, אַנדרעס.

אַנדרעס האַלל: (איבערשרייענדיג אַלע). ביי זיי איז געווען פיעל מעהר עהרענגעפיהל ווי ביי דיר!.. און דיין גלייכען!.. איצט וועל איך געהן. איך האָב אַלעס געזאָגט.

(געהט לאַנגזאַם אַוועק מיט האלדען'ען).

האלגער: נו, וואָס ווילט איהר?

האַנס בראַאַ: היינט איז דער טאָג ווען מיר האָבען געדאַרפט קומען.

האָלגער: אַך, אזוי? איך האָב גאָר פערגעסען.

האַנס בראַאַ: מיר האָבען אייך פריהער געזוכט אין שטאָדט, נאָר מען האָט אונז געזאָגט אַז איהר זענט דאָ. (פּאָוזע).

האָלגער: איהר ווייסט אַז איך האָב איצט די פאָלמאַכט פון אַלע פאַבריקאַנטען, אַ?

אַספּעלונד: און מיר פון די ארבייטער. הייסט עס, פון דער זייט איז אַלעס אין אָרדענונג. (פּאַוזע).

האָלגער: איהר האָט מיר צו מאַכען אַ פאָרשלאַג?

האנס בראַא: יאַ.

אַספּעלונד: יאַ, אַ פאָרשלאַג.

האָלגער: און נעמליך? —

האנס בראַא: מיר פערלאַנגען מען זאָל אויסקלייבען אַ שיעדסגעריכט. (האָלגער שווייגט).

האנס בראַא: מיר וואָלטען אויך וועלען אַריינברייגען אַן ענטשפּרעכענדען געזעץ־פּראָיעקט. אַז דאָס זאָל ווערען אַ געזעץ, איהר פערשטעהט. (האָלגער שווייגט).

האנס בראַא: מיר, ארבייטער, זעהען [illegible] זעו' צוקונפט.

האָלגער: אָבער מיר האָבען אַן אַנדער אַנזיכט.

אַספּעלונד: אַן אַנדער?... איהר ווילט ניט עס זאָל זיין אַ דריטע פּערזאָן צווישען אונז און אייך?..

האָלגער: (ניט אַכטענדיג זיינע ווערטער). איהר [illegible] נאָך עפּיס פאָרשלעגע?

האנס בראַא: מיר האָבען פאָלמאַכט אין [illegible] האָט עפּיס פאָרשלעגע.

האָלגער: פאָרשלעגע?.. איך האָב קיינע.

האנס בראַא: בלייבט אַלעס ביים אַלטען?

האָלגער: ניין, ניט ביים אלטען.

אַספּעלונד: (שטיל, שרעקעדיג). איהר וועט עפּ[illegible] צולעגען — נייעס?

האָלגער: נאָר ניט קיין פאָרשלאַג. מיר מאַכען [illegible] קיינע פאָרשלעגע. נו?

האנס בראַא: (אונגעדולדיג). וואָס זשע?

האָלגער: מיר שטעלען בעדינגונגען...

האנס בראַא: (נאָכדעם ווי די אַרבייטער האָבען זיך

איבערגעקוקט, רעדט שטיל און פאַרטראַכט). מיר וואָלטען געוואָלט ווי־סען וואָס זענען דאָס פאַר בעדינגונגען.

ה אָ ל ג ע ר : איהר האָט דאָך נאָך געוויס ניט געענדיגט מיט'ן סטרייק... דעריבער איז דאָס אונניצליך.

(די אַרבייטער ריידען זיך איבער צווישען זיך).

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : מיר וואָלטען זעהר געוואָלט הערען די בעדינגונגען.

ה אָ ל ג ע ר : די בעדינגונגען? עס זיינען דאָ אַ סך...

אַ ס פּ ע ל ו נ ד : (מיט אַ פערענדערטער שטימע). אַ — ער זיינען דאָ אַ סך!... וואָס זשע שטערט מיר זאָלען זיי וויסען? בעסער גלייך אין אָנהויב איידער שפּעטער.

ה אָ ל ג ע ר : די שטערונג איז דאָס, וואָס נאָר מיר, די פאַבריקאַנטען פון דיעזער שטאָדט, האָבען זיך איינפערשטאַנען. און מיר ווילען אז אַ ל ע זאָלען צושטעהן צו אונז. די פאַב־ריקאַנטען פון'ם גאַנצען לאַנד. היינט בייגאַכט איז ביי אונז אַ פערזאַמלונג. מיר פעראייניגען זיך אויך אין אַ פּראָפעסיאָנעלען פערבאַנד.

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : מיר האָבען וועגען דעם געהערט... אָבער, אויב די בעדינגונגען געהען פאַר אַלעם אונז אָן, רעכען איך אַז מיר וואָלטען זיי געמעגט וויסען.

אַ ס פּ ע ל ו נ ד : איך רעכען אויך אַזוי.

ה ע נ ר י ך ז ע ן : יאָ.

ה אַ נ ס אָ ל ז ע ן : יאָ.

ה אָ ל ג ע ר : ווי איהר ווילט... די ערשטע בעדינגונג איז, אַז קיין איינציגער פאַבריק־אַרבייטער זאָל ניט זיין קיין מיטגליעד פון בראַטט'ס היגען פערבאַנד אָדער פון וועלכען־עס־איז אַנדער פערבאַנד וואָס וועט אונז ניט געפעלען. (די אַרבייטער קוקען זיך אי־בער שווייגענדיג).

ה אָ ל ג ע ר : די צווייטע בעדינגונג איז: איהר דאַרפט ניט אויסשרייבען ניט סאַנג'ס צייטונג, ניט קיין אַנדערע צייטונ־גען וואָס געפעלען אונז ניט.

ה אַ נ ס אַ ל ז ע ן: מען וועט אונז נאָך שיקען אין קירכע אַריין אויך?

ה אַ נ ס ב ר אַ א: (מאַכט אַ צייכען ער זאָל זיך בערוהיגען). און וואָס ווען מיר האָבען אַז מיר וועלען איינוויליגען אויף דעם?

ה אַ ל ג ע ר: דאָסזעלבע וואָס איהר האָט געהאַט פריהער. אַ? איך מוז אייך מיטטהיילען אַז דאָס זיינען נאָך ניט אַלע בעדינגונגען.

אַ ס פ ע ל ו נ ד: וואָלט איך געוועזען אויף אייער אָרט, דאַכט זיך מיר איך וואָלט געפּרובט געהן אויף אַן אַנדער וועג. מאַכען אונז אביסעלע גליקליכער.

ה אַ ל ג ע ר: עס איז ניט אין אונזער מאַכט אייך גליקליך צו מאַכען.

אַ ס פ ע ל ו נ ד: אָ, יאָ!... אָ, יאָ!... גיט אונז אַ טהייל אין די פאַרדיענסטען, גיט אונז שטיקעלעך פלעצער אויבען...

ה אַ ל ג ע ר: די וועלכע זיינען מקנא אנדערע קענען ניט זיין גליקליך. אַ?

ה אַ נ ס אַ ל ז ע ן: אָבער די וואָס בעזיצען פרעמדס זיינען פאַלשטענדיג גליקליך.

ה אַ ל ג ע ר: (גיט אַ קלאַפּ מיט'ן פויסט אָן טיש). איך בעזיץ פרעמדס? וואָס וואָלט געוואָרען פון אייך אָהן מיר? אַ? ווער האָט דאָס אַלעס בעשאַפען — איהר אָדער איך?

ה אַ נ ס אַ ל ז ע ן: מען האָט אייך געהאָלפען. פון'ם ערשטען טאָג אָן. איצט העלפען אייך טויזענדער!

ה אַ ל ג ע ר: זיי העלפען? יאָ, מיין טינטער העלפט אויך, און די נאַטור קרעפטען, און די מאַשינען, און דער טעלעגראַף, און די דאַמפּפער, און די ארבייטער. איך רעכען די אַרבייטער צ'ם לעצטען, ווייל פונקט איצט, ווען אַלעס איז אויסגעבויעט, פרובען זיי זיך עס חרוב צו מאַכען. אַזאַ נאַרישקייט וועט ניט בעגעהן ניט דער טינטער, ניט די נאַטור־קרעפטען, ניט די מאַשינען, ניט דער טעלעגראַף.

אַספּעלונד: איהר שפּיעלט אַ גרויסען קאָן, ערלויבט מיר איך צו זאָגען.

האָלגער: מען וואָלט נאָך געדאַרפט שפּיעלען פּיעל העכער... אַ? דאַן קען זיין, וואָלטען זשעני און קאַפּיטאַל בעשאַפען פאַר די אַרבייטער אַנדערע לעבענס-בעדינגונגען.

האַנס אָלזען: יאַ, אין אָפּגרונד, אונטען....

האַנס בראַא: (ווענדענדיג זיך צו האַנס אָלזען). אָך, ניין, עס וועט גאַר ניט אַרויסקומען, אַז מען וועט אַזוי פיהרען גע־שפּרעכען.

אַספּעלונד: עס פאַרשטעהט זיך. עס וועט אַרויס־קומען נאָך ערגער. אָך גאָט! ווען איהר וואָלט איך אַראָפּגע־לאָזט צו אונז און געזעהען ווי עס לעבט זיך דאָרט אונטען!

האָלגער: יאַ, צו וואָס זשע האָט איהר אָוועקגעלעגט די אַרבייט? איהר רואינירט דאָך דאָס וואָס איז נויטיג אייך צו העלפען.

האַנס בראַא: פאַר וואָס זשע האָט איהר גאַר ניט גע־טאָהן ביז מיר האָבען ניט אַוועקגעלעגט די אַרבייט?

אַספּעלונד: טהוט כאָטש עפּיס איצט, וועט אַלעס פאַרגעסען ווערען.

האָלגער: דאָס איז אַלץ איינס ווי איך וואָלט אַריינגע־טראָגען געלט אין אייער סטרייק־קאַססע. אַ? ניין, דאָס מאָל וועט איהר ביי מיר לײדען די פאָלגען פון אייערע האַנדלונגען. ווארום איצט בעפעהל איך!..

האַנס בראַא: (ווענדענדיג זיך צו די אַנדערע). איך מיין, מיר קענען שוין געהן. דאָ ווילען מיר גאַר ניט אויספיהרען.

אַספּעלונד: יאַ, דער בלינדער אַנדרעס, זיצענדיג דאָרט, וואָלט דאָס זעלבע אויסגעפיהרט.

האָלגער: איך מיין אויך, אַז מיר ווילען זיך איינס דאָס אַנדערע קיין נייעס ניט זאָגען. קומט ווידער, ווען איהר וועט ענדיגען מיט אייער סטרייק געשיכטע. אַ?

האַנס בראַא: הייסט עס, אַז דאָס מאָל מוזען מיר

צוקוועטשט ווערן? אָבער עס קען זיין אַז דאָס וועט אייך אַזוי ניט אָפּגעהן.

אַ ס פּ ע ל ו נ ד: מיר האָבען דאָך אויך עפּיס אַביסעל, ווי זאָגט מען, עהרע. יאַ, ווי אַנדרעס האָט געזאָגט.

ה אַ נ ס אַ ל ז ע ן: אַך, וואָס רעדסטו? ביי אונז — עהרע? ניין. עהרע איז נאָר ביי זיי. ביי די וואָס פערפיהרען אונזערע פרויען און דערנאָך שיקען זיי זיי אַוועק קיין אַמעריקא!

ה אַ ל ג ע ר: כאָטש דאָס האָט ניט צו טהון מיט'ן סטרייק, און אויך ניט מיט מיר... זייט וויסען! — דאָך וועל איך אייך ענטפּערן אויף דעם. איהר קעהרט אייך שוין אום צו דעם דאָס צווייטע מאָל. און אייער צייטונג האַלט אין איין האַקען אַ קאָפּ וועגען דעם. ביי אַלע געזעלשאַפטליכע קלאַסען איז פאַראַן זייער עהרע. נאָר נאָך די פרויען נאָך קען מען אַם בעסטען אור־טהיילען וועגען אונזערע עהרע. אויף וויפיעל מיר האָבען עהרע, אויף אַזוי פיעל האָבען זיי.

אַ ס פּ ע ל ו נ ד: יאַ, דאָס איז ריכטיג.

ה אַ ל ג ע ר: אויב־זשע אייערע פרויען זיינען אַזעלכע, אַז מען קען זיי כאַפּען מיטביידע הענט ווי פויגעלעך, וואָס־זשע פאַר אַ עהרע איז דאָ ביי אייך?

פּ ע ר ס ט ו אַ: (וועלכער האָט ביז איצט ניט געזאָגט קיין וואָרט). ניין! זאָל מיך דער רוח נעהמען אויב איך וועל איבער־טראָגען אַזעלכע זאַכען. (וואַרפט זיך צום טיש, האַלגער שפּרינגט אויף און בויגט איהם צו צום טיש. וועהרענד בראַאַ און אַספּעלונד וואַרפען זיך צווישען זיי פון יידע זייטען).

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ: הערט אויף! (מען צונעהמט זיי).

אַ ס פּ ע ל ו נ ד: נו, וואַרט! עס וועט נאָך קומען אַ צייט!

ה אַ ל ג ע ר: אַרויס פון דאַנען!

ה אַ ל ד ע ן: (אַריינלויפענדיג אין צימער). וואָס איז גע־שעהן?

אַ ס פּ ע ל ו נ ד: אַך, זיי האָבען זיך צושלאָגען צוליעב עהרע.

ה אַ נ ס אָ ל ז ע ן : (אויפגערעגט). דיזע העררען האָבען אַ סך זיהן אין אַמעריקא, וועגען וועלכע זיי ווילען אפילו ניט ווי־סען. ווי אַ שטייגער אַז איינער פון זיי וואָלט געקומען אהער און זיי אויסגעלערנט וואָס הייסט אזוינס עהרע?

ה אָ ל ג ע ר : (וועלכער האָט צורעכט געמאַכט זיין ראָק, טרעט אַרויס אין דער פראָנט). אַרויס מיט זיי, האַלדען! אַ?

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : (צוגעהענדיג צי האָלגער׳ן). איך דאַרף אייך עפּיס זאָגען.

ה אָ ל ג ע ר : אָבער די איבעריגע זאָלען זיך גלייך פאַר־נעהמען פון דאַנען!

ה אַ נ ס אָ ל ז ע ן : אויף מיין וואָרט, מיר האָבען גאָר ניט קיין לוסט דאָ צו בלייבען. (אָב).

פּ ע ר ס ט ו אַ : מיר וועלען ווידער קומען! אָבער שוין אויף אַן אַנדער אופן!

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : ע—ע, לאָמיר איצטער געהן. (פּער סטואַ געהט אַוועק).

א ס פּ ע ל ו נ ד : (שטיל, אַוועקגעהענדיג). יא, יא, איהר שפּיעלט אַ גרויסען קאָן! (געהט אַוועק).

ה אָ ל ג ע ר : (ווענדענדיג זיך צו בראַאַ, שאַרף). נו? וואָס ווילט איהר זאָגען?

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : איהר פערשטעהט אַליין אַז צווישען זיי זיינען דאָ אַזעלכע, וועלכע מען וועט שוין מיט קיין קראַפט ניט קענען איינהאַלטען. אַט דאָס וואָלט מען געדאַרפט געדיינקען.

ה אָ ל ג ע ר : נו! געדיינקט עס! אַ?

ה אַ נ ס ב ר אַ אַ : עס קען פּאַסירען עפּעס אַזעלכעס וואָס מיר וועלען אַלע גאָט בעטען ער זאָל אונז בעשיצען פון דעם!

ה אָ ל ג ע ר : גאָר ניט איך. קיין בעסערס ווי דאָס קען גאָר ניט פּאַסירען.

ב ר אַ אַ :—אויב צעהנדליגע טויזענד!...

ה אָ ל ג ע ר : וואָס מעהר אַלץ בעסער.

ב ר אַ אַ : איך האָב דאָס אויך איצט געהערט!

ה אָ ל ג ע ר: אַ? איהר האָט אייך צו שטאַרק צו אונז אַ נעהם געטהאָן, און מיר וועלען אייך אָפּשליידערן — כאָטש אויף אַזוי לאַנג ווי איין דור. און דערווייל וועט מען אַ סך קענען אויפטהאָן.

ב ר אַ אַ: נו, האָב איך דאָן מעהר ניט וואָס צו ריידען. (געהט אַוועק).

ה אָ ל ג ע ר: (ווענדענדיג זיך צו האַלדענ'ען) יעדעס מאָל וואָס איך זעה דעם יונג ווייזט זיך מיר אימער אויס אַז אין איהם איז דאָ בעל־הבית'יש בלוט. דאָסזעלבע איז אויך וועגען פּעטר סטואַ. יאַ, זיי זיינען אַלע מוטהיג. אַלע, וועלכע וואַגען זיך צו ער־העבען, געהערען לויט'ן בלוט צום בעל־הבית'ישען קלאַס. אַ אונ־פּאַרזיכטיגע בלוט־פּערמישונג, האַלדען!

ה אַ ל ד ע ן: יאַ, אַ אונפּאַרזיכטיגע.

ה אָ ל ג ע ר: און מיר געפעלען זיי. בעזאָנדערס דער, וועלכער האָט זיך אויף מיר אַ וואָרף געטהאָן. אַ חברה־מאַן! איך וואָלט געוואָלט וויסען ווער זיין פּאָטער איז. אָדער זיין זיידע. בעל־הבית'יש בלוט! איך גלויב, איך דערקען איהם נאָך דער נאָז. אַ? די איבע־ריגע זיינען בלויז שקלאַווען. געבאָרענע שקלאַווען. אָהן אַ צו־מישונג. איהר דאַרפט עפּעס, האַלדען?

ה אַ ל ד ע ן: פריילין סאַנג וואַרט שוין פון לאַנג.

ה אָ ל ג ע ר: און איהר האָט עס מיר באַלד ניט געזאָגט? אַ? (געהט שנעל צו דער טיהר, עפענט, זעהט זי ניט, געהט אַרויס. מען הערט זיין קול הינטער דער טהיר). דיינקט ניט אַז דאָס איז מיין שולד, אַ? ווען איך זאָל נאָר געוועזען וויסען...

ר אַ ח י ל: (רעדט אָנפאַנגס הינטער דער טיהר) האַלדען האָט אייך געוואָלט מעלדען וועגען מיר, אָבער איך האָב דאָך ניט גע־קענט שטערען די אַרבייטער, וועלכע האָבען מיט אייך גערעדט. (קומט אַריין אין צימער.)

ה אָ ל ג ע ר: יאַ, זיי האָבען מיך מכבד געוועזען מיט דעם זויערען ביער מיט וועלכען זייער צייטונג איז דורכגעזאָפּט. (ראַחיל ציטערט אויף. ער בעמערקט עס ניט, פיהרט זי צו אַ בענקיל און זעצט

זיך אַליין נעבען איהר.) מיר איז אויסגעקומען צו הערען אַז זיי האָבען דאָס בעשאַפען מיין פערמעגען, און איך דאָ — בין נאָר א רויבער. אַ? אַ אינטערעסאַנטע געשיכטע! איך בעשאַף דאָ א מאַרק פאַר טויזענדע ארבייטער. רעכענט צו דערצו די וועלכע לעבען אויפ'ן רעכענונג פון דיזע טויזענדער און איהר וועט האָבען א גאַנצע שטאָדט. און מיט אַמאָל אין איין שעהנעם טאָג, איידער איך האָב געענדיגט מיין אויפגאַבע, ערהויבען זיי זיך געגען מיר, ערקלערענדיג אַז דאָס אַלעס בעלאַנגט צו זיי! אַ? און אַזוי ווי איך בין ניט איינגעגאַנגען גלייך אויף אַלע הנחות, הויבען זיי אויף אַ בונט! איך פערצייהע זיי — אַלעס געהט ווידער אויף א לאַד — מיט אַמאָל בעווייזט זיך צווישען זיי אַ האַלב־פערריקטער גלח, און הויבט אָן פּרעדיגען דאָס געטליכע רעכט! און דאָס געטליכע רעכט בעשטעהט אין דעם, אַז אַלעס דאַרף זיך איבערקעהרען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. איצט טאָרען מיר שוין ניט בויען און לעבען ווי מיר ווילען, וואָרים מיר נעהמען אַוועק ביי זיי די זון! און, פאַרקעהרט, פאַר זיי דאַרף מען אויסבויען אַ שטאָדט אויף אַ זוניגער לאַנקע, — די זוניגע לאַנקע איז דאָס שעהנקייט און דער שטאָלץ פון דער גאַנצער שטאָדט. וואָרום זאָלען מיר זיי שוין אויך ניט בעזעצען אין אונזערע הייזער? אָדער אויפ'ן הימעל — אַז עס האָט אריינגעטרעטען דאָס געטליכע רעכט? אַ? (שטעהט אויף.) איך פערזיכער אייך, פריילין, ווען מען זאָל זיי אַוועקגעבען אַלץ וואָס מיר בעזיצען, ביז צום לעצטען ברעקעל — וועט ניט אַוועקגעהן קיין יאָהר ווי עס וועלען פערשוואונדען ווערען די פאַבריקען, די גיטטער, די געשעפטען, און מיר וועלען ווערען אָרימע לייט! אַ?... אָבער ענטשולדיגט, פריילין, איך בין אייך מכבד מיט דעמזעלבען העסליכען געטראַנק — נאָר פון אַן אַנדער פעסיל. (זעצט זיך.) טהייערע פריילין, איך אַכטע קיינעם ניט אַזוי פיעל ווי אייך, אָבער איך בין שוין אַזוי געבויט, אַז ליידענשאַפט איז איינע פון די בעוועג־קרעפטען פון מיין נאַטור. און אויב עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַזוי פיעל וויפיעל אין דער צייט פון דיזער בעגעגעניש, איז דאָ....

ר אַ ח י ל: (שמייכעלט) מיר קומט אוים צו הערען אי די זייט, אי די אַנדערע.

ה אָ ל ג ע ר: איך האָב גערעכענט איהר האָט איך שוין איבערגעקליבען, פריילין. איך בין געקומען צופאָהרען אַהער נאָר אום אייך איבערצוגעבען די דאָקומענטען אויפ׳ן בעזיץ־רעכט. זיי זיינען נעכטען געזעצליך אונטערגעשריבען געוואָרען. (נעהמט פונ׳ם טיש אַ דאָקומענט.) דער פאַרק און דאָס הויז בעלאַנגען איצט צו אייך נאָכ׳ן געזעץ. איך בעטראַכט דאָס פאַר אַ פערגניגען און פאַר אַ עהרע אייך איבערצוגעבען דיעזען דאָקומענט. (ביידע שטעהען אויף.)

ר אַ ח י ל: אַ גרויסמוטיגע מתנה! איצט איז מיין האָס־פיטאַל פאָלשטענדיג געזיכערט און וועט אָנהויבען בליהען. סיידען איך טויג צו גאָר ניט. איך דאַנק אייך פון טיעפען הארצען, האָל־גער! (נעהמט זיין האַנד.)

ה אָ ל ג ע ר: דער דאָקומענט, ווי איהר זעהט, איז איינפאַך אַ קינסטלעריש שטיקעל ארבייט. אַלעס האָט נאַטירליך האַלדען בעזאָרגט.

ר אַ ח י ל: (עפענט אויף דעם דאָקומענט). יאַ, ווירקליך. מען דאַרף איהם אריינשטעלען אין אַ שעהנעם ראַהם און אויפהייגען ביים אַריינגאַנג. טויזענד מאָל דאַנק איך אייך. (נויגען זיך איינס צום אַנדערן.) אָבער איז דען דער דאָקומענט אין גאַנצען אויף מיין נאָמען?

ה אָ ל ג ע ר: גאַנץ געוויס.

ר אַ ח י ל: די מתנה בעלאַנגט דאָך דעם האָספיטאַל.

ה אָ ל ג ע ר: דאָס איז אַ מתנה — אייך! און איהר קענט טהאָן מִיט דעם וואָס איהר ווילט.

ר אַ ח י ל: אָה, איך זאָל נאָר האָבען די נויטיגע פעהיגקיי־טען.

ה אָ ל ג ע ר: איהר האָט שוין ארויסגעוויזען וואָס איהר קענט טהאָן. ווען קלייבט איהר זיך שוין איבער?

ר אַ ח י ל : אפילו איצט — אויב איהר האָט גאָר ניט דאַגעגען.

ה אָ ל ג ע ר : ביי מיר זיינען דאָ פערבליבען עטליכע ביכער, איך וועל זיי נעהמען. דאָס איז אַלעס.

ר אַ ח י ל : איהר קענט איך ניט פאַרשטעלען ווי אַלע מיינע קראַנקע האָבען זיך דערפרעהט! היינט האָבען מיר דורכגעשלאָגען אַ לאָך אין דער וואַנד, וואָס טהיילט אָפּ דעם האָספּיטאַל פון׳ם פּאַרק, און אַלע וואָס האָבען נאָר געקענט אַראָפּגעהן פון׳ם בעט זיינען געזעסען און געקוקט.

ה אָ ל ג ע ר : איהר מוזט דאָך האָבען אַ סך צו טהון, איינ־אָרדנען, דעריבער וועל איך און האַלדען בעסער אוועקגעהן.

ר אַ ח י ל : אָך, יאָ! איך האָב אייך נאָך געוואָלט וועגען עפּעס בעטען, האָלגער! אַבוואָהל איהר זייט ניט געוועהנט צו צוהערען מיינע בקשות.

ה אָ ל ג ע ר : קיינעם, אַבסאָלוט קיינעם, וואָלט איך אַזוי גערן ניט געהערט, ווי אייך. (לאַדעט זי איין צו זיצען.) וועגען וואָס האַנדעלט עס זיך?

ר אַ ח י ל : היינט ביינאַכט קלייבען זיך צונויף אויף אַ פערזאַמלונג אַ סך דעלעגאַטען — רופט ניט צוזאַמען די פערזאַמ־לונג אין שלאָס! מאַכט ניט קיין יום־טוב דאָרט אויבען! און קיין אילומינאַציע אין שלאָס!

ה אָ ל ג ע ר : דער שלאָס איז איינער פון די שעהנסטע געביידעס אין לאַנד. און די אַלטע פעסטונג, וואו דער שלאָס געפינט זיך, איז אַ פּראַכטפאָל בילד. אַ?

ר אַ ח י ל : אמת. הערר האַלדען מעג זיין שטאָלץ אויף דיזער געביידע. עס קען ניט זיין וועגען דעם קיין צוויי מיינונגען. נאָר...

ה אָ ל ג ע ר : יאָ — נאָר די ארבייטער ערקלערען אַז אַי די געביידע, אַי דאָס אָרט איז פאַר זיי אַ בעליידיגונג, אַ?

ר אַ ח י ל : אין דער פעסטונג זיינען בעגאַנגען געוואָרען אַזויפיעל גרויזאַמקייטען.

ה אָ ל ג ע ר : איצט פערדעקט זיי די שעהנקייט. איז דען דאָס אַ פערברעכען, האַ?

ר אַ ח י ל : די צייט ווען דער שלאָס האָט זיך געבויט...

ה אָ ל ג ע ר : די צייט?... אין שווערע צייטען דאַרף מען געבען די אַרבייטער אַרבייט. וואָס זשע? דאָס איז אויך אַ פערברעכען? אַ?

ר אַ ח י ל : דאָס איז שלעכט אויסגעטייטשט געוואָרען. דערמאָהנט אייך וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דעם יום טוב פונ'ם חנוכת הבית!

ה אָ ל ג ע ר : אַ גרייפּעלע דינאַמיט, אַ? ניט געלונגען. די אַלטע ברייטע פעסטונג־גראָבענס וועלען קיינעם ניט דערלאָזען צוצוקומען.

ר אַ ח י ל : היט אייך! דאָס דאַרף נאָך אַמאָל ניט פאָרקומען.

ה אָ ל ג ע ר : מיר וועלען האָבען נאָך אַמאָל ניט נאָר דעם יום טוב און די אילומינאַציעס, נאָר איך וועל אויך בעשטעלען דריי אָרקעסטערס מוזיק פאַר דעם גרויסען...

ר אַ ח י ל : אַך, ניין, ניין!

ה אָ ל ג ע ר : (אויפשטעהענדיג) אַ? וועלען מיר אַלץ אָפּטרעטען צוריק פאַר די בייזע אָנגריפען? ניין! אַזוי לאַנג ווי די מאַכט איז אין מיינע הענט וועט דאָס ניט זיין. גראַדע איצט קען דער שלאָס עפּעס דערצעהלען די גוטע מענשען. איהר האָט איהם געזעהען ווען עס איז געווען די אילומינאַציע?

ר אַ ח י ל : ניין, איך בין דאַן ניט אַרויסגעגאַנגען.

ה א ל ג ע ר : און עס איז געווען אַ נאַרישקייט. (געהט צום הינטער־גרונד). צום גליק איז ביי מיר דאָרט געווען אַ מאַלער, וועלכער האָט דאָס אַלעס אַרויסגעבראַכט אין פאַרבען. אַ טאַלאַנטפאָלער מאַלער. אָט זעהט! (ציהט אָפּ דעם גרויסען פאָרהאַנג אין הינטערגרונד. עס ווערט ענטפּלעקט אַ גראַנדיעזעס בילד, וועלכעס פערנעהמט די גאַנצע וואַנד. אַ מיטעלאַלטערליכער שלאָס מיט טהורעמס און פליגעל, זעג־אַרטיגע ווענט און מיט אַ ברייטען פעסטונגס־גראָבען. דער סאַמע

העכסטער טהורם איז בעלויכטען מיט עלעקטרישען ליכט — די איבע־ריגע זיינען אויך אילומינירט. אין דער טיעף, אונטען, אַ שטאָדט און אַ האַפען וועלכע זיינען אָבגעטהיילט פונ'ם ים מיט אַ וואַסער־דאַם. דער דאַם איז אויך בעלויכטען מיט עלעקטריציטעט. דאָס גאַנצע בילד איז אין דורכזיכטיגער האַלב־ליכטיגקייט פון אַ אָסיען־נאַכט.)

ר א ח י ל : (וועלכע איז אויפגעשטאַנען) ווי גרויסאַרטיג! וואַהרהאַפטיג — גרויסאַרטיג!

ה אָ ל ג ע ר : אָט וואָס, דאַכט זיך מיר, מיר וועלען זעהען ווען אויף דער ערד וועלען זיך ווידער בעווייזען גרויסע פערזענליכ־קייטען, וועלכע וועלען וואַגען און קענען זיך ארויסווייזען; ווען מיר וועלען אַרויסטרעטען פון דער מילבען־נעסט־פּעריאָדע און פון די קריכעדיגע פאַנטאַזיעס, צוריק צו זשעניע און מעכטיגען ווילען!

ר א ח י ל : ווי הינרייסענד דאָס איז!

ה אָ ל ג ע ר : אָבער מיר איז דאָס וויכטיגסטע אין דעם קאַמפּף, אַז די פערזענליכקייט זאָל זיך ווידער פריי ענטוויקלען. אָט איז אַ געביידע גענומען פון דער עפּאָכע ווען עס איז ווירקליך אזוי געווען, מיט טהורעמס וועלכע ערהויבען זיך שטאָלץ אין דער הויך, מיט דיקע ווענט, וואָס מיט זייער פאָרם און אומפאַנג זאָגען זיי עדות אויף קראַפט און גרויסקייט. אַ? ווילט איהר דאָס בילד זאָל דאָ בלייבען אָדער מען זאָל זי צונעהמען?

ר א ח י ל : איך פערלאַנג מען זאָל זי צונעהמען.

ה אָ ל ג ע ר : (בעליידיגט) איהר פערלאַנגט עס?

ר א ח י ל : יא.

ה אָ ל ג ע ר : (ווענדענדיג זיך צו האַלדענ'ען) איהר האָט געהערט? זעהט מען זאָל זי גלייך אַוועקנעהמען.

ה א ל ד ע ן : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַלס צייכען פון צושטי־מונג).

ה אָ ל ג ע ר : איך זאָג בוכשטעבליך: אויפ'ן שטעל.

ה א ל ד ע ן : (מאַכט דעם זעלבען צייכען ווי פריהער. געהט אַרויס).

ה אָ ל ג ע ר: עפּעס איז אין איהם דאָ אַזעלכעס, וואָס...
ר אַ ח י ל: איהר האָט עפּעס געגען האַלדענ'ען?
ה אָ ל ג ע ר: איהר האָט עס בעמערקט?
ר אַ ח י ל: דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אייך געזעהען צוזאַמען.
ה אָ ל ג ע ר: אַך, דאַן! דאָס איז ניט קיין וואונדער. אייער האָספּיטאַל — אַקוראַט, גלייך מיט'ן פּאַרק. איך הער אַז איין יונגע דאַמע האָט אָבגעגעבען אויף דעם איהר פערמעגען, האָב איך מיך פעראינטערעסירט. אַ? און איינמאָל בין איך גלייך אַוועק אין האָספּיטאַל. און וועמען זשע האָב איך דאָרט דערזעהען מיט אייך? האַלדען'ען! ער — אייער אַרכיטעקטאָר! און מיר האָט ער דאָך קיין וואָרט ניט געזאָגט!
ר אַ ח י ל: ער רעדט ניט פיעל.
ה אָ ל ג ע ר: וואָס זשע האָט איהם בעוואויגען צו שווייגען?
ר אַ ח י ל: איך ווייס ניט. ער האָט זיך אַליין דורכגעשלאָגען אַ וועג.
ה אָ ל ג ע ר: אַזוי ווי מיר אַלע.
ר אַ ח י ל: אָבער אין אַמעריקאַ איז עס שווערער.
ה אָ ל ג ע ר: וואָרום איז ער גראָד געוואָרען אייער אַרכיטעקטאָר?
ר אַ ח י ל: ער האָט אַרויסגעוויזען אויף דעם אַ פּערלאַנג, און האָט זיך אָנגעבאָטען צו אַרבייטען אומזיסט.
ה אָ ל ג ע ר: אומזיסט?
ר אַ ח י ל: יאַ.
ה אָ ל ג ע ר: (אומשפּאַנענדיג איבער'ן צימער) ער איז אַליין געקומען און אייך אָנגעבאָטען זיין אַרבייט?
ר אַ ח י ל: ניין, דורך אַן אַנדער פּערזאָן.
ה אָ ל ג ע ר: (אָפּשטעלענדיג זיך) קענט איהר מיר זאָגען דורך וועמען? אַ? אָדער איהר קענט פיליייכט ניט?
ר אַ ח י ל: וואָרום ניט? דורך מיין ברודער.
ה אָ ל ג ע ר: האַלדען איז בעקאַנט מיט אייער ברודער?

ר אַ ח י ל: יאַ — ניין. איבעריגענס, איך ווייס ניט. מיין ברודער האָט מיר איבערגעגעבען זיין פאָרשלאַג. דאָס איז אַלעס וואָס איך ווייס.

ה אָ ל ג ע ר: איך האָב מיר אָפּט געבראָכען דעם קאָפּ — מיט וועמען דיזער מענש איז אין נאָהענטע בעציהונגען. יעדענ־פאַלס — ניט מיט מיר. (נעהמט זיין הוט.)

ר אַ ח י ל: דאָס ווייס איך אויך ניט.

ה אָ ל ג ע ר: איך האָף אַז עס וועט אייך דאָ גוט זיין. אייך און אייערע געזונד־ווערענדע פּאַציענטען.

ר אַ ח י ל: איך דאַנק אייך טויזענד מאָל. ווי מיר ווע־לען זיך נאָר אָהער איבערקלייבען בעזוכט אונז, אום אַלע זאָלען אייך קענען פּערזענליך דאַנקען.

ה אָ ל ג ע ר: אונבעדינגט...

ר אַ ח י ל: (צוגעהענדיג צו איהם) איך האָב דאָך ניט עפּעס קאַליע געמאַכט האָלדענ׳ען וואָס איך האָב געזאָגט אַז ער איז בע־פריינדעט מיט מיין ברודער? דער אמת איז אַז איך ווייס עס ניט.

ה אָ ל ג ע ר: איהר אינטערעסירט אייך, דוכט מיר, מיט איהם צו פיעל?...

ר אַ ח י ל: איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט אימיצען פּער־שאַפען אונאַנגענעהמליכקייטען.

ה אָ ל ג ע ר: זייט רוהיג.

ר אַ ח י ל: און דאָס אַנדערע וואָס איך האָב אייך געבע־טען? טהוט דאָס, האָלגער, צוליעב די אַלע, וועלכע קענען געבראַכט ווערען צו אַ נסיון...

ה אָ ל ג ע ר: איך האָב אייך שוין געזאָגט: אייער מיינונג איז מיר טהייערער פון אַלע אַנדערע. אָבער איהר ווייסט, איך און איהר זיינען מענשען פון פערשיעדענע גלויבענס. אַ?

ר אַ ח י ל: די מענשען זיינען אַזוי אָנגעשראָקען. מען זאָגט עפּיס אַז אונטער׳ן שלאָס ליגען שוין פון לאַנג געמינעוועטע גראָ־בענס.

האַלגער: זיי ליעגען אויף אונטער אַ גאַנץ היבשען טהייל פון שטאָדט.

ראַחיל: שטעלט אייך פאָר ווען זיי זאָלען פּרובען?....

האַלגער: (שטעלענדיג זיך גלייך אַקעגען איהר). דאָס איז דאָס בעסטע וואָס וואָלט איצט געקענט פּאַסירען!

ראַחיל: (אָבקעהרענדיג זיך פון איהם). איהר זענט שרעקליך!

האַלגער: די רעליגיאָן פון די הערדען, פרייליין!

ראַחיל: און איהר וועט זי פּרעדיגען די קינדער פון אייער שוועסטער?

האַלגער: יאָ. איך וועל זיי לערנען דאָס וואָס קען רעטען אונז אַלע.

ראַחיל: (איבערציייגענד) איהר וועט מאַכען אין אַזאַ פאַל אַ גרויסען פעהלער!... אויסער דעם, איהר האָט דאָרויף ניט קיין רעכט.

האַלגער: איך האָב ניט קיין רעכט? אָבוואָהל איך גיב זיי אַב אַלעס וואָס איך פערמעג?

ראַחיל: יאָ. און ווען איהר וואָלט זיי אפילו אָבגעגעבען צעהן מאָל אַזוי פיעל, האַלגער. אויך דאַן וואָלט איהר ניט גע־האַט קיין רעכט ביי זיי אוועקצונעהמען די נשמה.

האַלגער: אַזעלכעס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען, אַ?

ראַחיל: איבערטרייב איך דען? אַלע געדאַנקען און שטרעבונגען פון דיעזע מערקווירדיגע יונגע מענשען — דאָס אַלעס פון זיי אוועקנעהמען?

האַלגער: אום אַנשטאַט דעם זיי צו געבען עטוואָס בעסערס!

ראַחיל: אָבער צו דאָס וואָס איהר רופט „בעסערס" פיה־לען זיי ביידע אַן עקעל, האַלגער. קיינער האָט ניט קיין רעכט צו בויען די צוקונפט בענוצענדיג געוואַלט. מען דאַרף ניט קיין געוואַלט.

האַלגער: זאָל דער קאַמפּף דאָס ענטשיידען.

ר אַ ח י ל: אַוועקנעהמען קינדער פון עלטערן!

ה אָ ל ג ע ר: זייערע עלטערן זיינען געשטאָרבען.

ר אַ ח י ל: דיעזע טויטע עלטערן האָבען מעהר רעכט אויף זייערע קינדער, ווי אַלע לעבעדיגע. איהר ווייסט דאָס, האָלגער.

ה אָ ל ג ע ר: און דערפאַר דאַרף איך רעספּעקטירען די פאַנטאַסטישע אידעען פון זייערע עלטערן? און אויך זייערע משוגעת'ען? „קרעדא" און „ספּערא"! עלטערן וואָס האָבען גע־רופען זייערע קינדער „קרעדאָ" און „ספּערא"! אַ?

ר אַ ח י ל: „איך גלויב"; „האָף"! איז דאָס דען אַזוי פאַנטאַסטיש? איידער די קינדער זיינען געבוירען געוואָרען האָבען די עלטערן זיי געגעבען אַ בעדייט. מיר דאַרפען דאָס רעספּעקטירען, האָלגער.

ה אָ ל ג ע ר: רעספּעקטירען משוגעת? וואָס איז דאָס פאַר אַ גלויבען און האָפען? (פרעהליך) נישט אויף ד ע ר וועלט, פרייליין, וועלען די לעצטע זיין די ערשטע און די ערשטע די לעצטע.

ר אַ ח י ל: וועגען דעם קענט איהר גאָר ניט וויסען. די צוקונפט געהערט צו די מיליאָנען. יאַ, צו די מיליאָנען!

ה אָ ל ג ע ר: הם... זאָל דער קאַמפּף דאָס ענטשיידען.

ר אַ ח י ל: עס זיינען דאָ שטראָמען וועלכע מען קען ניט אָבשטעלען.

ה אָ ל ג ע ר: (פרעהליך). אין אַזאַ פאַל וועל איך ביידע קינדער דערווייטערן פון דיעזע שטראָמען!

ר אַ ח י ל: איהר ענטשליסט זיך אויף דעם, האָלגער?

ה אָ ל ג ע ר: יאַ... און איך בעט אייך איהר זאָלט מיר ניט שטערען אין דעם.

ר אַ ח י ל: איהר האָט מיר ניט ערלויבט זיי צו נעהמען צו זיך; מיט דעם מוז איך שוין זיין צופריעדען. אָבער איהר קענט מיר ניט פאַרוועהרען זיי צו בעאיינפלוסען.

ה אָ ל ג ע ר: איך קען ניט? אַ? די קינדער זאָלען מיך ניט פאָלגען, אַ? אויב אַזוי, דאַן מוז מען זיי אַוועקשיקען.

ר אַ ח י ל: (דערשראָקען). אַוועקשיקען? אַוועקשיקען די

קינדער? (אויפגערעגט). האַלגער! איהר וועט מיט דעם גאַר ניט אויספיהרען. איהר וועט נאַר אונז דרייען מאַכען שרעקליך אונ־גליקליך! נאָך דעם פערלוסט וואָס די קינדער האָבען איבערגע־טראָגען — אויך נאָך דאָס! איהר וועט דאָס ניט טהון!

ה אָ ל ג ע ר : איך וועל עס ניט טהון? גלייך וועל איך עס טהון. ווי שווער עס איז מיר ניט אייך צו ענטזאָגען — איהר צווינגט מיך דערצו.

ר אַ ח י ל : יעדעס מאָל וואָס איך בעט אייך וועגען עפּעס, ענטזאָגט איהר מיר, און יעדעס מאָל זאָגט איהר אַז דאָס איז אייך שווער.

ה אָ ל ג ע ר : איך וואָלט אייך ניט געשעצט אַזוי הויך ווען איהר וואָלט געווען אַן אַנדערע. איך האָף אַז איהר וועט מיר אויך טהון דיזעלבע עהרע, פריילין! (ער געהט אַוועק. זי זעצט זיך אַנידער און וויינט).

(מען קלאַפּט אין גרויסען פענסטער. ראחיל געהט צו צום פענסטער. איהר געזיכט ווערט בעלויכטען).

ר אַ ח י ל : עפענען? (עפענט די טיהר און רופט אויס) ניין, ניין, ניין! מען דאַרף ניט. (טרעט אָפּ).

ק ר ע ד אָ : (אַבטצעהן יאָהר אַלט. קומט אריין געבענדיג אַ גרויסען שפּרונג). וואָס מאַכסטו, ראחיל?

ס פּ ע ר א : (קומט אויך אַריין אויף אַזאַ אַרט). ווי געהט'ס, ווי געהט'ס!

ק ר ע ד א : מיט וואָס האָט ער דיך געערגערט?

ר אַ ח י ל : איהר האָט בעמערקט?

ק ר ע ד אָ און ס פּ ע ר אָ : יאָ, יאָ.

ר אַ ח י ל : פערשטעהט זיך, עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אייך, וועגען אייך!

ק ר עד אָ : ער האָט אונז פאַרווערט צו געהן צו דיר?

ס פּ ע ר א : אָבער דאָס וועט דאָך ניט העלפען!

ר אַ ח י ל : ערגער ווי דאָס. ער וויל אייך אַוועקשיקען! וואָס ווייטער פון מיר.

קרעדאָ און ספּערא: ער וויל אונז אוועקשיקען?

ראחיל: (אויפגערעגט). איהר זאָלט אייך ניט קענען זעהן מיט מיר. (נעהמט זיי אַרום).

ספּערא: דאָס וועט זיך איהם ניט איינגעבען.

קרעדא: אַ שאָד וואָס מיר קענען נאָך ניט פליהען!

ספּערא: אויב ער וועט אונז פערוועהרען צו שרייבען דורך די פּאָסט, וועלען טויבען זיין אונזערע שלוחים, און מיר וועלען פיהרען אַ טאָגע־בוך צוליעב דיר.

ראחיל: יא, יא!

קרעדא: און דו, ניט וואהר, וועסט אָפט קומען צו אונז? דו האָסט דאָך מיטעל.

ראחיל: אויב איך וועל קומען? יא. וואו איהר זאָלט ניט זיין. (זיי נעהמען זיך אַרום).

קרעדא: איך וועל ערפינדען עפּעס אַזעלכעס וואָס וועט איבערגעבען דאָס קול ריינער ווי דער מיקראָפאָן. דער מיקראָפאָן גיט איבער ניט דאָס קול, נור עטוואָס וואָס איז עהנליך אויף דעם. איך האָב עס אויסגעלערנט. דאכט זיך איך האָב אויסגעפונען ווי עס ארבייט. און דאַן וועסטו הערען ווי ביי זיך אין צימער, ראחיל! דו וועסט פיהלען אונזער אַנוועזענהייט, ראחיל! ראחיל!

ראחיל: און איהר וועט יעדען טאָג קריגען פון מיר בריעף און טעלעגראַמען. איך זאָג עס אייך צו.

קרעדא: ביז ער וועט ענדליך פערשטעהן, אַז צושיידען אונז איז אוממעגליך.

ספּערא: און, עס קען זיין, ער וועט אונז ווייטער ערלויבען צו זיין צוזאַמען? אַ?

ראחיל: מיט אייך איז אין מיין לעבען אריינגעקומען עפּיס נייעס, שעהנעס. איך קען מעהר ניט לעבען אָהן אייך.

קרעדאָ און ספּערא: מיר אויך.

קרעדאָ: דו ביזט די איינציגע, צו וועלכער מיר קענען קומען מיט אַלע אונזערע נויטען.

ספּערא: ווייסט נאָך וואָס מיר זיינען געקומען?

ר אַ ח י ל : ניין.

ס פּ ע ר א : דאָס שפּיעלכעל וואָס קרעדאָ האָט ערפונדען....

ר אַ ח י ל : עס פליהט ?

ס פּ ע ר א : יא. איצט פליהט עס איבער׳ן גאַנצען צימער, ביז אונטער דער סאַמע סטעליע.

ק ר ע ד אָ : איצט האָב איך עס ערפונדען !

ס פּ ע ר א : איך פערזיכער דיך, עס פליהט אַרום און אַרום ניט אָבשטעלענדיג זיך.

ק ר ע ד אָ : איצט ווייסען מיר ווי מען דאַרף עס קירעווען.

ר אַ ח י ל : דאָס איז עפּעס גאַנץ נייעס ?

ק ר ע ד א : די ערפינדונג וועט נאָך געהן ווייטער. מען דאַרף נאָר וואַרטען.

ר אַ ח י ל : דו וועסט איצט מאַכען אַ בעוועגליכע ראָד פון וועלכער גרויס נאָר מען וויל — יא ?

ק ר ע ד א : יא, טאַקע !

ס פּ ע ר א : ער דאַרף עס נאָר איינשטעלען.

ר אַ ח י ל : קען איך עס זעהען ?

ס פּ ע ר א: צוליעב דעם זיינען מיר געקומען. דו ביזט די איינציגע וואָס וועט עס זעהען !

ק ר ע ד אָ : מיר זיינען געקומען נאָך דיר.

ר אַ ח י ל : אָבער דאָס איז דאָך שוין ניט מעגליך ?

(אַ קלונג ביי דער אריינגאַנג־טיהר).

ר אַ ח י ל : קיינער דאַרף אייך דאָ ניט זעהען.

ס פּ ע ר א : (אַרויסשפּרינגענדיג דורכ׳ן פענסטער). צום ווידערזעהען !

ק ר ע ד א : (געבענדיג אַ גרויסען שפּרונג). הורראַ ! לעבען זאָל די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט !

(מען קלאַפּט אין טיהר).

ר אַ ח י ל : אַריין !

(עליאַס קומט אַריין).

ר אַ ח י ל : (געהט איהם אַקעגען). עליאַס ! ענדליך דאָך !

עליאַס: (געהט צו איהר). ראַחיל! ראַחיל! אַך, ראַחיל!
(שווייגענדיג נעהמען זיי אַרום איינע די אַנדערע).

ראַחיל: (גלעט איהם איבער די האָר). ווי בלייך דו ביזט, עליאַס! און אויסגעמאַטערט! וואָס איז מיט דיר?

עליאַס: (שמייכלענדיג). שווערע צייטען און קליינע כוחות.

ראַחיל: ווי לאַנג מיר האָבען זיך שוין ניט געזעהען!

עליאַס: אַלץ איבער דערזעלבער אורזאַכע. איך האָב מעהר ניט געקענט.

ראַחיל: איך זעה ווי דו האָסט זיך אויסגעמאַטערט.

עליאַס: בעזאָנדערס זינט דער צייט וואָס עס קומט אויס צו ארבייטען אויך ביינאַכט.

ראַחיל: וואָס הייסט, אויך ביינאַכט?

עליאַס: אויסער דעם עסען מיר זיך ניט אָן צו זאַט.

ראַחיל: טהייערער מיינער!... צו וואָס זשע?

עליאַס: מיר מוזען זיך צוגעוועהנען צו זעלבסט-אויפ־אָפפערונג, זאָגט בראַטט. און ער איז גערעכט. אָבער דאָס פיהרט צו אונערוואַרטעטע רעזולטאַטען.

ראַחיל: אָבער פאַרוואָס שלאָפסטו ניט דורך די נעכט?

עליאַס: איז אָט דאָ, הייסט עס, ועסטו וואָהנען, ראַחיל. ער האָט עס דיר אַוועקגעגעבען? נאָר אונז האָט ער אַלעס ענטזאָגט.

ראַחיל: ער האָט דאָס אַוועקגעגעבען דעם האָספּיטאַל. דאָ וועלען זיך געפינען קראַנקע וואָס בעסערען זיך שוין.

עליאַס: (געהענדיג אַרום דעם צימער). און דאָס האָט ער געטהאָן איצט? אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין אַנדערע פּער־פּליכטונגען! דו וועסט דאָ וואָהנען, ראַחיל? אין דיעזען צי־מער? יאָ?

ראַחיל: יאָ, און שלאָפען וועל איך אין נעכסטען. ביזט פאַרבייגעגאַנגען?

עליאַס: דו האָסט אויסגעקליבען פריעדען, ראַחיל.

ר אַ ח י ל : ניט אַקוראַט אַזוי, עליאַס. איך האָב אַ גרויס פּעראַנטוואָרטליכקייט און אַ סך ארבייט.

ע ל י אַ ס : איך ווייס, ראַחיל, איך ווייס. איך האָב נאָר געטראַכט... איך פּערשטעה ניט ווי מען קען לעבען אַזוי ווי ער, אין דיעזען גרויסען הויז. ווי קען מען האָבען דעם מוטה אויף דעם, ווען אַנדערע... און מאָרען האוג מיט איהרע צוויי קינדער... האָסט געהערט וועגען זיי?

ר אַ ח י ל : יאַ, יאַ. איך פּאָלג אַלעס נאָך. אַך, עליאַס, ווען איך וואָלט געווען מיט דיר אין יענער צייט!

ע ל י אַ ס : מעגליך אַז איבער דעם האָב איך דאָס אַזוי געבענקט נאָך אונזער פּאַטערלאַנד ווי קיינמאָל ניט פריהער. מעהר נאָך ווי ווען דער פּאָטער מיט דער מוטער האָבען געלעבט און מיר ביידע האָבען געוואָהנט אין שטאָדט.

ר אַ ח י ל : דאָס איז איבער דעם וואָס עס לעבט זיך דיר שווער. זאָג מיר, עליאַס, דו גלויבסט אין דעם סטרייק?

ע ל י אַ ס : (קוקענדיג אויף איהר). און דו?

(ראַחיל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין).

ע ל י אַ ס : (מאַכט דעמזעלבען צייכען). דאָס וועט זיין אַ שרעקליכע אונערהערטע נידערלאַגע. מאָרען האוג האָט קלאָר גע־זעהען. יאַ, ניט זי אַליין, נאָך אַנדערע וועלען דאָס ניט איבערלעבען.

ר אַ ח י ל : ווי דו ליידסט, עליאַס! איך זעה עס אין דיין געזיכט.

ע ל י אַ ס : ביי זיי דאָרט, אין שטאָדט, איז דאָס געוויסען ניט אַזעלכער ווי ביי אונז, ראַחיל. אַנדערע געשעהענישען זיינען נויטיג אום זיי אויפצו־וועקען.

ר אַ ח י ל : בראַטט זעהט דאָס?

(עליאַס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין).

ר אַ ח י ל : זינט ווען איז עס דיר געוואָרען קלאָר?

ע ל י אַ ס : זינט דער צייט וואָס איך זעה אייך ניט — ניט איהם, ניט דיך.

ר אַ ח י ל : (טרויעריג). און בראַטט'ן אויך ניט?

ע ל י א ס : איך האָב היינט דאָס ערשטע מאָל מיט איהם גערעדט.

ר א ח י ל : וועגען דעם?

ע ל י א ס : ניין. נאָר לאָמיר דאָס לאָזען. מיר וועלען זיך אומקעהרען אויף אַ מינוט צו די אַלטע ערינערונגען, ראחיל.

ר א ח י ל : אַך, ווי אנגענעהם דאָס איז מיר!

ע ל י א ס : זעץ זיך דאָ, איך וועל מיך זעצען נעבען דיר. מיר וועלען רעדען אַ ביסעל וועגען דאָס אַלטע, דאָס טהייערע. מיר, ווי איך האָב געזאָגט, בייִנקט זיך נאָכ'ן פאַטערלאַנד.

ר א ח י ל : עליאס! זאָלען מיר זיך אפשר גאָר דורכפאָהרען אהין? אין פאטערלאַנד? מיר וועלען נאָכאַמאָל זעהען די ערטער וואו אונזער קינדהייט איז פערפלאָסען. דער פיאָרד, די אַראָפּ־היינגענדע, נאַקעטע בארג־שפּיצען, בלייכע נעבכט, דעם גלח'ס הויז מיט'ן לאַנגען ים־ברעג, און די קירכע. דער אַראָפּ־באַרג איז שוין איצט בעוואָקסען מיט גראָז; ווי פיעלעס אַנדערעס. וואָס'אַר אַ רייזע! אַ טרויעריגע, אָבער אונפערענדערט און גרויס וועט אונז בעגעגענען די נאַטור. און די ערינערונגען! ריינע און הויכע, אַזוי ווי דער פאָטער מיט דער מוטער. עליאס! לאָמיר אהיים פאָהרען! דו ביזט איצט פריי? און דו האָסט זיך אַזוי איבערגעמאַטערט, עליאס?

ע ל י א ס : איך בין ניט פריי, ראחיל.

ר א ח י ל : איך זאָג פריי, וואָרים דו קענסט דאָך סיי ווי גאָר ניט אויפטהון.

ע ל י א ס : דאָס קען מען נאָך ניט וויסען.

ר א ח י ל : העלפען מיט געלד, יא. אָבער דאָס קענסטו דאָך טהון דורך בראַטט'ן. אָה, עליאס, לאָמיר פאָהרען!

ע ל י א ס : דער געדאַנק איז אַ גוטער ,ראחיל.

ר א ח י ל : דאָס וועט דיך אויסהיילען!

ע ל י א ס : איך וועל דיר ענטפערן מאָרגען.

ר א ח י ל : מיר וועלען ווידער זעהען די אַלע ערטער וואו מיר' האָבען געשפּיעלט אין דער יוגענד! אַ?

עליאַס: וועגען זיי האָב איך געטראַכט מעהר ווי וועגען [illegible]ז ווען איך האָב געבענקט אַהיים.

ראַחיל: געדיינקסט. מען פלעגט זאָגען, אַז מען קען אונז ניט זעהען בעזונדער, נאָר אימער צוזאַמען, און אַז מיר געהען אימער אונטער די הענד?

עליאַס: און מיר פלאַפלען כסדר. מען האָט אונז פון ווייטען געקענט הערען.

ראַחיל: געדיינקסט אלע דיינגע איינפעלע? וואָס פלעגסטו ניט אויסטראַכטען, עליאַס!

עליאַס: אָבער דו ביזט געוועזן די פיהרערין. יאָ, דו. דעם אמת זאָגענדיג, האָסטו אימער רעגיערט מיט מיר, ביז מיר האָבען זיך ניט צושיידט.

ראַחיל: און דו געדיינקסט די גאַנאַרען־פויגלעך? ווי צאַהם זיי זיינען געוועזן!

עליאַס: איך געדיינק יעדע נעסט.

ראַחיל: און ווי מיר פלעגען אומגעהן אַרום זיי!

עליאַס: און ווי מיר האָבען זיי געהיט! און זיי געטראָגען עסען. און ווי די מוטער מיט איהרע פיצעלאך זיינען צום ערשטען מאָל ארויסגעשוואומען! און מיר האָבען זיך געלאָזט נאָך זיי אין אַ שיפעל!

ראַחיל: און דער טאַטע מיט אונז! ער איז געוועזן אַזאַ קינד ווי מיר.

עליאַס: ער האָט אונז געדיענט פאַר אַ ביישפיעל. זיין וואָרט האָט געפיהרט אלע אונזערע האַנדלונגען און געדאַנקען. הימעל און ערד זיינען געוועזן ניט פאַנאַנדערגעטיילט. וואונדער האָבען זיי צוזאַמענגעפלאָכטען אַזוי ווי אַ רעגענבויגען. אונזערע אויגען האָבען געזעהען דעם גן־עדן.

ראַחיל: דער טאַטע מיט דער מאַמע זיינען געוועזן דאָרט צווישען די מלאכים. אָדער, ריכטיגער, די מלאכים זיינען געוועזן אויף דער ערד צווישען זיי. מיר האָבען אין דעם געגלויבט!

עליאַס: גאָט אַליין האָט גערעדט מיט אונז. אַלעס

וואָס האָט פּאַסירט איז געקומען פון איהם. שעהן וועטער, דונער, בליץ, בלומען און אַלעס וואָס מיר האָבען געהאַט. אַלעס איז גע־קומען פון איהם. און ווען מיר האָבען געבעטען, זיינען מיר גע־שטאַנען פאר איהם פנים אל פנים. מיר האָבען איהם געזעהען אין ים, אין די בערג, אויפ'ן הימעל. אַלעס, אַלעס איז געווען — ער.

ר אַ ח י ל: געדיינקסט, ווען די גלאָקען האָבען געקלונגען האָבען מיר געגלויבט, אַז די מלאכים האָבען געבראַכט אויף דער ערד דיעזע קלאַנגען? זיי האָבען גערופען די מענשען.

ע ל י אַ ם: אַך, ראַחיל, דער וואָס האָט דאָס אַלעס אי־בערגעלעבט מוז פאַלגליך זיך פיהלען אַ פערטריבענער אויף דער ערד.

ר אַ ח י ל: יא, אַ פערטריבענער אויף דער ערד. דו ביזט גערעכט.

ע ל י אַ ם: קיין זאַך וועט איהם שוין ניט צופרידענשטעלען. ווי נאָר מיר קומען אין דער וועלט אריין, ווערט אַלעס פערשוואונ־דען. עס איז קאַלט און פּוסט. און דערנאָך קומט דער צווייפעל. איצט וועל איך דיר זאָגען וואָס אין אונז איז געבליבען אונפער־ענדערט: דאָס שטרעבען צום אונבעגרענצטען.

ר אַ ח י ל: מעגליך — פאר דיר. איך מייד עס אויס. געדיינקסט, נאָכ'ן טויט פון'ם טאַטען מיט דער מאַמען, ווען אַלעס ארום האָט געקראַכט — דאַן ביזטו אויך אַנטלאָפען.

ע ל יאַ ם: יא. מיר האָבען זיך ניט ענטשלאָסען צו גלוי־בען דאָס וואָס מיר האָבען געזעהען מיט די אייגענע אויגען.

ר אַ ח י ל: מיר האָבען מורא געהאַט פאר מענשען.

ע ל י אַם: יא, געדיינקסט?

ר אַ ח י ל: דער עיקר האָבען מיר מורא געהאַט אַז טאַמער, ווען מען וועט אונז דערזעהען, וועט מען אָנהויבען רעדען שלעכטס וועגען טאַטען מיט דער מאַמען.

ע ל י אַ ם: וועמען זיי האָבען ניט פערשטאַנען. און שפּע־טער, ווען טאַנטע האננאַ איז געשטאָרבען און מיר האָבען געקראָ־

געגן די גרויסע ירושה, געדיינקסטו ווי עס האָט אונז פּלוצים בע־הערשט דאָס געפיהל פון'ם אומבעגרענצטען ?

ר אַ ח י ל : יא, יא. דו ביזט גערעכט. עפּעס ווי פּלוצים זיינען אַלע גרענעצען פערשוואונדען געוואָרען.

ע ל י אַ ס : דאַן האָבען מיר אויפגעזוכט בראַטט'ן, און אונ־טער זיין איינפלוס איז דאָס געפיהל שטענדיג געוואַקסען.

ר אַ ח י ל : ביי דיר, אָבער ניט ביי מיר. דאָס אונבע־גרענצטע פילט מיך אָן מיט אַ הייליגען שרעק, אָבער ווייט ניט מיט גליקזעליגקייט.

ע ל י אַ ס : לויפען פון דעם איז אונמעגליך, ראַחיל. עס איז אַרום אונז און א י ן אונז.

ר אַ ח י ל : די וועלט געפינט איהר וועג צווישען דעם אונ־בעגרענצטען. פאַרוואָס זאָלען מיר איהם אויך ניט קענען גע־פינען ?

ע ל י אַ ס : ווייסטו, ראַחיל, אַמאָל האָב איך אַזאַ געפיהל, אַזוי ווי איך טראָג מיך אויף פליגעל. קיינע גרעניצען. אין ערגיץ ניט !

ר אַ ח י ל : אָבער דער טויט שטעלט אַ גרעניץ, עליאַס.

ע ל י אַ ס : (אויפשטעהענדיג). ניין. דער וועג ליגט דורכ'ן טויט ; ג ר אַ ד ע דורכ'ן טויט !

ר אַ ח י ל : (אויפשטעהענדיג). וואָס ווילסטו זאָגען ?

ע ל י אַ ס : (אָהן חשק). אַלעס וואָס מיר וואָלטען געוואָלט זעהען לעבעדיג מוז דורכגעהן דורכ'ן טויט.

ר אַ ח י ל : דורכ'ן טויט ?

ע ל י אַ ס : אויב דו ווילסט אַרויסרופען לעבען — שטאַרב דערפאַר ! דאָס קריסטענטהום האָט געקריגען לעבען דורכ'ן טויט. דאָס פאַטערלאַנד — אויפ'ן שלאַכטפעלד. עס איז ניטאָ קיין בענייאונג אָהן טויט.

ר אַ ח י ל : און דיזע אַנזיכטען דאַרפען דאָ אָנגעווענדעט ווערען ?... דו ווילסט אַז די ארבייטער זאָלען געהן צום טויט אין נאָמען פון זייער ציעל ?

ע ל י אַ ס : ווען זיי זאָלען דערצו האָבען דעם מוטה וואָלט זייער זאַך געווען גערעטעט. דער זיעג וואָלט געווען זייערער.

ר אַ ח י ל : הייסט עס — רעוואָלוציע?

ע ל י אַ ס : ארבייטער און רעוואָלוציע! גרויסער גאָט! וואָס האָבען מיר היינט? מאָנטאָג. יא, איז זונטאָג נאָך ניט מאָרגען. עס איז נאָך אַ גאַנצע וואָך ביז זונטאַג. און דיעזע וואָך דאַרף מען אָפּגעבען דער זאַך.

ר אַ ח י ל : עס איז דאָ נאַר איין מיטעל צו טהון אַ זאַך, עליאַס, — געבען אַ ביישפּיעל, אַ גוטען ביישפּיעל.

ע ל י אַ ס : (פאַר זיך). ווען זי וואָלט געוואוסט וויפיעל ווארהייט עס איז דאָ אין איהרע רייד! (צו איהר) מען דאַרף לערנען די מענשען מוטהיג אַריבערצוטרעטען די גרענעצען, פאַר־שטעהסט? לערנען און זיי געבען אַ ביישפּיעל.

ר אַ ח י ל : די גרענעצען פון'ם לעבען?

ע ל י אַ ס : צוערשט ענטשליסט זיך דערויף איינער, דערנאָך אַן אַנדערער. הויבט זיך דען ניט אַלעס אַזוי אָן? נאָך זיי וועלען געהן צעהנדליגע, הונדערטער, טויזענדער! מען מוז האָבען טויזענדער צו צוגרייטען די מיליאָנען צו ענטשלאָסענער האַנדלונג. נאָר דאַן וועט זיך אָנהויבען פאַר אונז אַ ווידער־אויפלעבונג, אַ פרייד און אַ יום־טוב, און אַלע וועלען דאַנקען גאָט. צוערשט איז געקומען אויף דער וועלט יאָהאַן, דאַן יעזוס. נאָך יעזוסען זיינען געקומען אין אָנפאַנג צוועלף, דערנאָך זיבעציג, דערנאָך הונדערטער, טויזענדער, און ענדליך אַלע, אַלע. די בעניי־אונג פון'ם לעבען קען מען פאַר קיין ביליגערן פּרייז ניט קויפען.

ר אַ ח י ל : אָבער די מענשען זיינען שטאַרק. זיי האַלטען זיך פעסט אָן דעם וואָס זיי האָבען שוין איינמאָל ערקעמפּפט. דאַרויף עקזיסטירען דאָך געוויסע געזעצען אַז דאָס לעבען זאָל געהן זיין וועג אַזוי אומפערענדערט, ווי די ערד געהט אויף א י ה ר וועג.

ע ל י אַ ס : אָבער די וואָס ווילען נייעס זיינען פאָרט שטאַר־קער פון אַלע. אַן אונאויסלעשבאַר פייער, די קראַפט פון פערניכ־טונג לעבט אין זיי, דאָס זיינען די קעמפּפער פון דער ערשטער

רייהע. פון זיי הענגט אָב די גאַנצע זאַך. וואָס געוואַגטער זיי זיינען, אַלץ מעהר נאָכפאָלגער האָבען זיי.

ר אַ ח י ל : אויפ'ן וועג פון'ם טויט?....

ע ל י אַ ס : קיין אַנדער וועג עקזיסטירט ניט. וואָרום? ווייל מען גלויבט נאָר די וועלכע געהען צום טויט. יאַ, צום טויט. קוק דיך אַרום. וועמען גלויבט מען איצט? די וואָס שטעהען נאָהענט גלויבען בראַטט'ן, יאַ. אָבער די וואָס שטעהען ווייט? גראַדע די וועלכע דאַרפען בעקעהרט ווערען, די ריהרען זיך ניט! זיי גיבען זיך ניט די מיה אפילו אויסצוהערען וואָס ער רעדט. ער קען אַרויסרופען דאָס וואָס ווערט אָנגערופען אַ בעוועגונג; אָבער אויך דאַן וועלען זיי איהם ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט און וועלען איבערלאָזען די זאַך דער פּאָליציי!

ר אַ ח י ל : דו ביזט גערעכט. אַזוי איז עס.

ע ל י אַ ס : אַט, ווען עס וואָלט זיך געלאָזט הערען אַ שטימע פון יענער וועלט! דאַן וואָלטען זיי זיך אַ ריהר געטהאָן. יעדע שטימע פון העכער קלינגט שטאַרקער. אַ ווידער־קול ענטפערט איהר. אַלע גרויסע מענשען, ווען זיי ווילען מען זאָל זיי הערען, דאַרפען זיך פריהער אַהין איבערקלייבען. דאָרט איז אויפגעשטעלט אַ טריבונע פאַר אַגיטאַטאָרען. פון דאָרט ווערען אויסגערופען די געזעצען פון'ם לעבען. זיי ווערען אויסגערופען אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט הערט זיי. אפילו די טויבע.

ר אַ ח י ל : אָבער אַזאַ לעהרע איז שרעקליך.

ע ל י אַ ס : שרעקליך?

ר אַ ח י ל : איך וויל זאָגען אַז זי קען פיהרען צו שרעקליכען.

ע ל י אַ ס : קיין געשעהעניש קען ניט זיין ערגער פון דעם וואָס עס איז איצט, ראַחיל. דאַ ווערט געפּרעדיגט אַ רעליגיאָן פון מאַרטירערריי.

ר אַ ח י ל : דאָס איז ריכטיג. אָבער פאַר זיך אַליין איז דיעזע רעליגיאָן גרויס.

ע ל י אַ ס : מעהר ווי דאָס. ווער עס האָט איינמאָל גע־

גלויבט אין איהר — פאַר דעם איז שוין קיין אַנדער רעליגיאָן ניטאָ.

ר אַ ח י ל: און פון דער צייט וואָס דו האָסט אָנגענומען אַט די אנזיכטען האָסטו פערלאָרען דעם גלויבען אין'ם סטרייק?

ע ל י אַ ס: איך האָב געטהאָן פאַר'ן סטרייק אַלעס וואָס איז געווען אין מיינע קרעפטען — צווייפעל ניט אין דעם.

ר אַ ח י ל: ניין, עליאַס, איך צווייפעל ניט אין דיר! (איהם אַרומנעהמענדיג). נאָר איך האָב אַזוי מוֹרא פאַר דיר. פאַר דיר איז ניט קיין אָרט אונטען!

ע ל י אַ ס: אָבער אין קיין אַנדער אָרט וואָלט איך ניט געוואָלט לעבען.

ר אַ ח י ל: (איהם אַרומנעהמענדיג). עליאַס! לאָמיר אַהיים פאָהרען. הערסט? גלייך! צום ים, אויף דער ריינער לופט! גלויב מיר דאָרט דיינקט זיך און פיהלט זיך אַנדערש ווי ביי דיר אונטען! וויפיעל שטימונגען וועלען ווידער אַרומכאַפּען דיין נשמה! עליאַס! דערמאָן דיך דאָס פריהערדיגע!

ע ל י אַ ס: (קוקט אויף איהר די גאַנצע צייט דורכדרינגענד). וויפיעל ענדערונגען אַרום און אַרום, און דו ביזט אַלץ די זעלבע, ראַחיל, דו, מאָל דיר, וואָלסט געקענט אָנהייבען, אַלעס פון דאָס ניי. דו געדיינקסט די גאַנאַרען־פויגעלעך?

ר אַ ח י ל: יאַ. ווען דו וואָלסט נאָר געווען מיט מיר.

ע ל י אַ ס: (צוציהענדיג זי צו זיך). אין דיר איז דאָ עפּיס וואָס דערמאָנט מיך אָן דעם פוך פון די גאַנאַרען־פויגעלעך! געדיינקסט, ווען מיר האָבען איהם גענומען אין די הענט, פלעגען מיר זיך אָפּט וואונדערען פאַר וואָס די פויגעלעך וואַרפען אוועק זייערע נעסטען? געדיינקסט?

ר אַ ח י ל: יאַ. און דאָך זיינען זיי אוועקגעפלויגען ווייט.

ע ל י אַ ס: זיי זיינען פונדעסטוועגען פאָרט אוועקגעפלויגען ווייט. (שטילל). זיי געזונד, ראַחיל.

ר אַ ח י ל: ווי? דו געהסט שוין אוועק?

ע ל י אַ ס: איך מוז גײן. נאָר עס איז מיר אימער אַזוי שווער זיך אָפּצורייסן פון דיר !..

ר אַ ח י ל: דאַן בלײב מיט מיר.

ע ל י אַ ס: עס איז דאָ עפּעס אין לעבן, וואָס קען ניט אָנקומען אויף אונזער ביידענס חלק.

ר אַ ח י ל: לאָמיר ניט ריידן וועגן דעם. עס איז אויסגעפאַלן אויף אונזער חלק עפּעס העכערעס.

ע ל י אַ ס: זאָל זיין אַפילו דאָס סאַמע העכסטע — דאָך זיינען פאַראַן מינוטן, ווען מיר שטרעבן אַקוראַט צו דאָס וואָס עס איז אונז ניט געגעבן געוואָרן.

ר אַ ח י ל: מינוטן פון שוואַכקייט.

ע ל י אַ ס: מינוטן פון שוואַכקייט. (קושט זי). אין דיין געזיכט קוש איך אַלעס שענעס וואָס עס איז ניט אָנגעקומען אויף מיין חלק. און איצט קוש איך דיך — נאָר דיך. (גיט איהר אַ לאַנגען קוש). זיי געזונד, ראַחיל.

ר אַ ח י ל: ביז מאָרגען, ניט אמת ?

ע ל י אַ ס: מאָרגען וועסטו הערען וועגען מיר.

ר אַ ח י ל: יאָ. דו וועסט אַליין קומען ?

ע ל י אַ ס: אויב עס וועט זיין מעגליך... אַך, דו, מיין טייערינקער פּוך ! (נעהמט זי אַרום, קושט זי און געהט אַוועק. אין דער טיהר שטעלט ער זיך אָפּ).

ר אַ ח י ל: וואָס איז, עליאַס ?

(עליאַס געהט אַוועק מאַכענדיג צו איהר מיט דער האַנד).

ר אַ ח י ל: (שטעהט לאַנג אונבעוועגליך און קוקט אויף דער טיהר. אימיצער קלאַפּט אין פענסטער. זי קומט צו זיך, קעהרט זיך אום, געהט צום פענסטער און עפענט עס.)

ס פּ ע ר אַ: (אַריינשפּרינגענדיג אין פענסטער). ווער איז געווען ביי דיר, ראַחיל ?

ק ר ע ד אָ: (אַריינשפּרינגענדיג נאָך איהם). דיין ברודער, ניט אמת ?

ר אַ ח י ל: יאָ.

ספּערא: ער האָט אַ גרויסען שמערץ, יאָ?

ראַחיל: האָסטו ווירקליך בעמערקט?

קרעדא: אַ?.. וואָס זשע וויל ער?

ספּערא: עפּעס גרויסעס?

קרעדא: וואוהין קלייבט ער זיך?

ספּערא: זעהר ווייט, ניט אמת?

ראַחיל: מיר וועלען אַוועקגעהן מיט איהם צוזאַמען.

ביידע: וואוהין? וואוהין?

ראַחיל: נאָך נאָרד. אין אונזער פאַטערלאַנד. פּיע־ליבט, מאָרגען...

קרעדא: פאַרוואָס זשע האָט ער זיך אַזוי געזעגענט מיט דיר?

ספּערא: אַקוראַט ווי ער וואָלט שוין ניט געהאָפט דיך נאָך אַ מאָל צו זעהען?

ראַחיל: ווירקליך?.. אַזוי האָט איהר עס פערשטאַ־נען? עליאַס איז אימער אַזוי ווען ער איז אונגליקליך. אימער. עס איז איהם דאַן שווער זיך צו שיידען מיט מיר. (עס קלינגט. ביידע שפּרינגען ווידער אַרויס דורכ'ן פענסטער. ראַחיל מאַכט עס צו. מען קלאַפּט אין טיהר).

ראַחיל: אַריין!

בראַטט: (קומט מיט שנעלע טריט אין צימער אריין, קוים אַטהעמענדיג פון אויפרעגונג). ער איז דאָ ניטאָ?

ראַחיל: איהר רעדט וועגען ברודער? (שנעל). עס האָט עפּיס פּאַסירט?

בראַטט: ער איז געוועזען ביי אייך?

ראַחיל: יאָ. איהר האָט איהם דען ניט בעגעגענט?

בראַטט: איז ער, אַלזאָ, געוועזען דאָ. וואָס האָט ער גע־זאָגט?.. וואָס וויל ער?

ראַחיל: איהר ווילט זאָגען: וואָס בעאַבזיכטיגט ער צו טהון?

ב ר א ט ט : איך זעה אז איהר ווייסט קיין זאך ניט. הייסט עס איהר האט וועגען דעם ניט גערעדט.

ר א ח י ל : ניין. ער האט געוואלט אריינקומען אהער מארגען ?

ב ר א ט ט : (שנעל). מארגען ?

ר א ח י ל : אדער ער וועט מיר לאזען וויסען.

ב ר א ט ט : וואס האט ער געוואלט מיט דעם זאגען ? (צו איהר). האט ער אייך עפּיס געזאגט וועגען מיר, ראחיל ?

ר א ח י ל : ניין. איבריגענס, ער האט דערמאהנט וועגען אייך פארבייגעהענדיג.

ב ר א ט ט : נאר פארבייגעהענדיג ? (ענטשלאסען). אין אזא פאל בעהאלט ער עפּעס.

ר א ח י ל : ער האט געזאגט אז איהר האט שוין לאנג ניט גערעדט איינער מיט'ן אנדערען — ביז היינט.

ב ר א ט ט : האט ער אייך געזאגט אז איך האב איהם היינט בעגעגענט און ניט דערקענט ? האט ער אייך דאס געזאגט ? אז ער איז געווען איבערגעטאהן ?

ר א ח י ל : (שמייכעלט). איך גלויב ניט.

ב ר א ט ט : ביינאכט איז ער קיינמאל ניטא אין דער היים.

ר א ח י ל : ער האט וועגען דעם אויך גערעדט. איך האב פערשטאנען אז ער קען נישט שלאפען . . . אבער בראטט, אום גאטעס ווילען, וואס טהוט זיך דא ?

ב ר א ט ט : איך קען עס אייך ניט גלייך ערקלערען. איהר וועט מיך ניט פערשטעהן. דערצו נאך האב איך ניט קיין בעשטימטע פאקטען אויף וועלכע איך זאל מיך קענען אנשפארען. ניט קיין איין פאקט, ניט קיין איינציג ווארט.

ר א ח י ל : אבער איינמאל האט איהר ניט קיין פאקטען...

ב ר א ט ט : יא, יא, דאך איז עס אזוי ! אך ! ווען איך וואלט געקענט כאטש נאך א מאל ! .. איבריגענס, ווארט ! איך וועל אייך ערקלערען. איך בין אייגענטליך צוליעב דעם געקומען.

ווען איהר וואָלט געוואוסט ווי מיר האָבען זיך ליעב געהאט ! וואָס ער איז געווען פאַר מיר !

ר א ח י ל : אָבער איז דאָס שוין דען פאָראיבער ?

ב ר א ט ט : אימיצער האָט איהם צוגענומען פון מיר.

ר א ח י ל : וואָס רעדט איהר ?

ב ר א ט ט : אָנפאַנגס האָב איך עס ניט פערשטאַנען. האָט עס מיר דען געקענט איינפאַלען ? עליאָס ?!.. איך האָב מיך ניט אָנגעשטויסען ביז אונזער בעגעגעניש היינט — דאַן האָב איך מיט א מאָל אַלעס פערשטאַנען. וואָס מעהר ער האָט גערעדט איז מיר אַלעס געוואָרען אַלץ קלערער !

ר א ח י ל : איך וויים נאָך אַלץ ניט אום וואָס דאָ האַנ־דעלט זיך.

ב ר א ט ט : אימיצער האָט איהם אוועקגענומען פון מיר ! דאָס איז פאַר מיר אַזוי אונצווייפעלהאפט ווי אַז דער זומער ענ־דיגט זיך מיט אסיען, און אסיען — מיט'ן טויט. און שולדיג אין דעם אַלעמען זיינען די אַלע גרויסע חלומות ! זיי האָבען אין איהם נאָכאַנאַנד הערליך צופלאַקערט אַן אונאויסשליסליכען דורשט נאָך א גרויסער טהאַט. האָט ער דען געקענט בלייבען צווישען אונז נאָך דעם ? ער האָט געטרוימט אויפצוטהון עפּיס אונגעוועהנלי־כעס... מיט איין קלאַפּ !

ר א ח י ל : (דערשראָקען). אָבער וואָס זשע קען דאָס אַזוינס זיין ?

ב ר א ט ט : עליאָס איז אַזוי צוטרויליך. עס איז אַזוי לייכט איהם היינצורייסען.

ר א ח י ל : יאַ, יאַ. אָבער ווער זשע ?

ב ר א ט ט : דער, ווער עס האָט דיסקרעדיטירט אין זיינע אויגען דעם סטרייק, האָט זי איהם פאָרגעשטעלט אַלס א פּוסטע זאַך, אָדער נאָך ערגער ווי דאָס — א איינפאַכער פעהלער. דאַן האָט איהם א שרעק אַרומגענומען. ער האָט דערפיהלט שרעקליכע געוויסענביסע. ער האָט ניט געקענט מעהר איבערטראָגען די אַלע שמערצען וואָס ער האָט געזעהען ארום און ארום. און דאָס איז

טאקע וואהרשיינליך אזוי געווען. דערנאָך איז אין איהם געבוי־רען געוואָרען א וואונש דאָס אַלעס צו פערריכטען, צו טהון עפּיס אזעלכעס וואָס זאָל צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט צו אונזער נויט. עפּיס נייעס, אונערהערטעס! אָט ווי דאָס איז זיכער געווען.

ר א ח י ל : (מיט וואַקסענדער אונרוהיגקייט). אָבער וואָס זשע?.. וואָס?

ב ר א ט ט : וואַרט, איך בעט אייך. איהר וועט מיך ניט ריכטיג פאַרשטעהן, אויב איך וועל מיך ניט פריהער ערקלערען. עליאַס איז ניט שולדיג. ער האָט מיר ניט געזאָגט קיין וואָרט. שולדיג זיינען מיר ביידע און ביידע וועלען מיר טראָגען די פער־אנטוואָרטליכקייט פאַר דער שולד. ער האָט מיר ניט געזאָגט קיין וואָרט פון פאָרוואורף. ער האָט געוואָלט אַלעס נעהמען אויף זיך און אַלעס אויסקויפען, בריינגענדיג אן אונערהערטען קרבן. ער האָט אונז שוין אַוועקגעגעבען זיין גאַנצען פערמעגען!

ר א ח י ל : עליאַס! זיין גאַנצען פערמעגען!

ב ר א ט ט : איין וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט האָט מיך אַרויפגעפיהרט אויף דעם געדאנק. אָבער איצט האָב איך מיך אי־בערצייגט. אַזוי איז עס... ער האָט אונז אַוועקגעגעבען אַלעס, ביז דעם לעצטען גראָשען. נעכטען האָט ער נאָך געהאַט צוויי טוי־זענד קראָנען, אָבער היינט האָט ער אונז אויך דאָס אַוועקגעגעבען — איינגאַנצען מיט א מאָל.

ר א ח י ל : (שטאַרק צורודערט). ער וועט קיינמאָל ניט זיין אין קיין נויטה!

ב ר א ט ט : דאָס איז ניט די פראַגע! ער האָט אויך אונז אַרויפגעפיהרט אויף א פאַלשען וועג. ער האָט אונז געשיקט דאָס געלט יעדען טאָג — פון מזרח, מערב, צפון און דרום. מיר האָבען ניט געקענט ניט גלויבען דעם אַלגעמיינעם מיטגעפיהל. אָבער מאָרגען וועט אַלעס נעהמען אַן ענדע. מאָרגען האָבען זיי נאָר מי־טעל אויף דאָס סאַמע נויטווענדיגסטע. און אין א טאָג אָדער צוויי אַרום — גאָר נישט! גאָר נישט אויסער שרעקליכע נויט!

ר א ח י ל : אונגליקליכער בראטט !

ב ר א ט ט : יא, איהר זענט גערעכט זאָגענדיג : אונגליק־ליכער בראטט, וואָרים די גאַנצע שולד איז אויף מיר ! איהר דארפט ניט בעשולדיגען עליאס׳ן. קיינער וועט ניט וואגען איהם צו בעשולדיגען. דעריבער וויל איך מיך דאָס צוזאַמענריידען מיט אייך.

ר א ח י ל : איך הער אייך.

ב ר א ט ט : נאָך גאָר ניט לאַנג בין איך געשטאַנען אויפ׳ן סאַמע העכסטען פונקט פון גלויבען אין זיך. איך האָב געפיהלט אַז גאָט איז מיט מיר. איך האָב אנערקענט מיין קראַפט, האָב געזעהען דאָס צוטרויען צו זיך פון אַנדערע. וואָס קען נאָך זיין שעהנער ווי דאָס ? און אָט איז געקומען עליאס, און — איידער איך האָב צייט געהאט עס צו בעמערקען, איז דער באָדען פערשוואונ־דען פון אונטער מיינע פיס !

ר א ח י ל : אָרימער פריינד !

ב ר א ט ט : ווי האָט דאָס געקענט פאַסירען מיט אַ מענשען וועלכער האָט אזוי פיעל איבערגעלעבט ווי איך ? ווי האָב איך געקענט נאָכאַמאָל גלויבען : אָבער עס קען זיין אַז טאַקע דוקא אַ דאַנק די פריהערדיגע פעהלער האָב איך ערשט שטאַרקער גע־גלויבט ? אָט וואו דער אמת איז ! דעריין קען שוין קיין טעות ניט זיין ! (פערשטעלט דאָס געזיכט מיט די הענט).

ר א ח י ל : מיין פריינד, מיין גוטער פריינד !

ב ר א ט ט : (קוקט אויף איהר שאַרף). איצט שטעל איך מיר אָפּט די פראַגע : צי קענסטו געפינען דעם אמת׳ען וועג ? קענסטו פיהרען אַנדערע ?

ר א ח י ל : (טרעט אָפּ).

ב ר א ט ט : (דערנעהנטערט זיך צו איהר). איצט זאָגט מיר : איהר האָט אויך געצווייפעלט ?

ר א ח י ל : יא.

ב ר א ט ט : דעריבער זענט איהר דאָס אוועקגעגאַנגען פון מיר ?

ר א ח י ל : יאָ.

ב ר אַ ט ט : (געהט צו צו איהר גאַנץ נאָהענט. זי טרעט אָפּ פאַר איהם). איך העלף ניט די מענשען, איך רייס זיי נאָר מיט. איך פיהר ניט, איך פיהר נאָר אַראָפּ פון וועג... איך טהו אַקוראַט פאַרקעהרט פון דעם וואָס איך ווינש. איך ווארף אַלע מאָל הע־כער פון׳ם ציעל. איך רוף נאָר אַרויס אַ טומעל, אָבער נאָך דעם קומט פאַרצווייפלונג. ניט אמת? און אַלעם ענדיגט זיך מיט דאָס וואָס עס דאַרף זיך ענדיגען — איך ליעג אַן אַנידערגעוואָרפענער אויף דער ערד און טויזענדער שיקען מיר זייערע קללות.

ר אַ ח י ל : (צוגעהענדיג צו איהם). בראַטט! וואָס עס זאָל מיט אייך ניט פּאַסירען, איהר זענט מיר אַזוי טהייער ווי פון דער ערשטער מינוט...

ב ר אַ ט ט : און דאָך זענט איהר פון מיר אַוועקגעגאַנגען?

ר אַ ח י ל : איהר זענט איידעלהערציג און שטאַרק, נאָר איהר נעהמט מיר אַוועק די קראַפט.

ב ר אַ ט ט : און איהר זאָגט עס!

ר אַ ח י ל : יאָ. איהר שלעפּט מיך אימער אַוועק הינטער די גרעניצען פון דעם האָריזאָנט וואָס איז מיר צוגענגליך.

ב ר אַ ט ט : יאָ. דאָס איז ריכטיג.

ר אַ ח י ל : דאָס איז אין אייער נאַטור. דערצו קען מען גאָר ניט העלפען.

ב ר אַ ט ט : גלויבט איהר, אַז די שטאַרקסטע נאַטור, ווען מען זאָל איהר פון קינדהייט אָן אריינגעבען נאָר געזונטע אידעען, לערנען זי בעאָבאַכטען און פערשטעהן דאָס ווירקליכע לעבען, ניט מיט רייסענדיג זי קינסטליך מיט פאַנטאַזיעס פון אַן אנדער וועלט — גלויבט איהר אַז אַזאַ נאַטור וואָלט אַלץ געווען פעהיג צו פער־בלאָנדזשען?

ר אַ ח י ל : ניין!

ב ר אַ ט ט : מיר אַליין האָבען זיך ערשט קוים ארויסגעקליבען פון׳ם טויזענד יעהריגען טומאַן, און מיר ווילען שוין רעטען די וועלט! זי איז געוואָרען היבש פיעל־פאַרביג איידער מיר זיינען

אהער אָנגעקומען. אָבער אונזער שׂכל איז נאָך ניט צוגעפּאַסט דער־צו. דער געדאַנק האָט מיך ניט פאַרלאָזען ביז איך האָב זיך ארויפ־געקליבען אהער, אויפ'ן באַרג. עס איז אַ צו־שטאַרקע געשפּאַנטקייט פון פאַנטאַזיע אָדער פון ווילען, אָבער אין אונז איז אַלע מאָל דאָ עפּיס וואָס איז איבער אונזערע קרעפטען. מיר זעהען מענשען וואָס הויבען זיך צום הימעל אין גאָלדענע רייטוואָגענס, מלאכים אין די וואָלקענס און טייפלען אין אייביגען פלאַם. ביי אונז ענטוויקעלט זיך אַ אמת'ער דורשט נאָך וואונדער, אָבער עס פעהלט דער שׂכל איינצואָרדנען זיך אין ווירקליכען לעבען. ניין, ניין! ווי קליינליך מיר זיינען, ראחיל! אונזער בליק איז ניט ריכטיג, מיר ציעלעווען זיך אימער אויף גאָט'ס באַראָט. דאָס געוויסען בעווייזט זיך פאַר אונז אַלס אַ ניט זיכערער רודער. עס איז ניטאָ קיין געוויסען אויף דער ערד, עס איז ניטאָ אין דער ווירקליכקייט. מיר פאַלען אריין אין אוטאָפּיעס, אין דעם קעניגרייך פון'ם אונבעגרענצטען.

ר אַ ח י ל: פון דעם אונבעגרענצטען?

ב ר אַ ט ט: איצט פערשטעהט איהר איהם?

ר אַ ח י ל: עליאַס'ן?

ב ר אַ ט ט: יאָ. איך האָב איהם פערשלעפּט צו ווייט. איך האָב ניט פערשטאַנען אַז אַזעלכע נאַטורען טאָר מען קיינמאָל ניט אריינשלעפּען אין אַזעלכע זאַכען.

ר אַ ח י ל: קיינמאָל ניט!

ב ר אַ ט ט: איצט ציהט ער זיך צום אונבעגרענצטען, שלע־פּענדיג נאָך זיך אויך אונז. דאָ וועט אין גיכען געשעהן עפּיס שרעק־ליכעס. ער האָט אָפּגעגעבען אַלעס וואָס ער האָט געהאַט, אום ענדליך זיך אַליין אָפּצוגעבען.

ר אַ ח י ל: זיך אַליין? עליאַס?

ב ר אַ ט ט: ער וויל זיך בריינגען פאַר אַ קרבן אום צו פער־ניכטען הונדערט אנדערע. דאָס האָט לאַנג געמוזט זיך צוגרייטען. און איצט ווערט עס פערווירקליכט. איהר פערשטעהט?

ר אַ ח י ל: ניין.

ב ר אַ ט ט: איהר פערשטעהט ניט?

ר אַ ח י ל: (לאָזט אַרויס אַ הויכען געשריי און פאַלט).

ב ר אַ ט ט: יא, פאַל, פאַל! ווען איך וואָלט געקענט זיך אוועקלעגען גלייך מיט דיר, אום שוין מעהר קיינמאָל ניט צו ער־וואַכען...

(דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָב. בראַטט פאַלט אויף די קניע נעבען ראַחיל'ן.)

דריטער אַקט

אַ גרויסער זאַאַל. לינקס — אַ פּלאַטפאָרם אויפ׳ן אָרט פון אַ טראָהן, צווישען מאסיווע ביינק רייך בעפוצט מיט שניצערייען. די ביינק געהען אין דער לייגנג פון אַלע דריי וועגט פון זאַאַל. אויסער דעם איז אין צימער דאָ אַ סך שטוהלען.

אין היגטערגרונד פון דער ביהנע זייגען גרויסע גאָטישע פענסטער. פוןביידע זייטען, גאָר אין היגטערגרונד פון דער ביהנע, אַריינגאַנג־טיהרען אין דעמזעלבען סטיל וואָס די פענסטער. די סטעליע איז רייך בעפוצט מיט שניצערייען. די ווענט זיינען בעהאָנגען מיט דיוואַנען, פאַנצערס, פלאַגען און בעפוצט מיט גריגס.

האָלגער זיצט אויף דער פּלאַטפאָרם הינטער אַ קליין טישעל. אויף די ביינק און שטוהלען זיצען פאָרשטעהער פון אַלע פאַבריקען פון׳ם לאַנד. אויסער דעם בעווייזען זיך אין ביידע טיהרען אַנדערע פאָרשטעהער. זיי געהען שנעל אַריין, ווען די דעבאַטען ווערען לעבעדיג, און דערנאָך פערשווינדען זיי. דיענער אָנגעטאָהן אין דער מאָדע פון דער ענדע פון מיטעלאַלטער, טראָגען פונאַנדער געטראַנקען אין קריעגלעך און גיסען זיי אַריין אין בעכער און גלעזער.

אַ נ ק ע ר : (רעדט, שטעהענדיג אויף אַ קליינער טריבונע נעבען אַ טישעל, וואָס שטעהט גלייך געגענאיבער דעם אָרט פון׳ם פאָרזיצענדען. רעכטס פון איהם איז אַן אַנדער טיש, ביי וועלכען עס זיצען צוויי סעקרעטאַרען). ביי דער געלעגענהייט פון אַ גרויסער געשעהעניש איז אַ מאָל געזאָגט געוואָרען: „מיט דעם טייפעל וועלען מיר ניט ארויסטרייבען דעם טייפעל“ — אין דעם איצטיגען פאַל איז דאָס געוואָרען מיין רעליגיאָן. מיר דאַרפען ניט בעצאָהלען מיט שלעכטס פאַר שלעכטס. מיט דעם וועלען מיר ניט אַרויסרופען קיין גוטע געפיהלען אין פאָלק. און אויב מיר קענען ניט אַרויסרופען זיינע

בעסערע זייטען, האָבען מיר ניט אויף וואָס צו בויען. מיר האָבען דאַן ניט קיין צוקונפט. (ער געהט אַרונטער פון דער טריבונע ביי אן אַלגעמיינעם טיעפען שטילשווייגען).

האָלגער: דאָס וואָרט געהערט הערן מאָ.

מאָ: (געהט אַרויף אויף דער טריבונע. איינינע פון די וואָס זיינען געוועזען אין די קאָרידאָרען געהען שנעל אַריין אין זאַאַל). פון׳ם נאָמען פון פערצעהן — יא, פערצעהן פאַבריקאַנטען פון מיין שטאָדט, האָב איך די עהרע זיך אָנצושליסען אָן דעם פאָרשלאַג פון הערן האָלגער. מיר טהוען דאָס פון׳ם גאַנצען הארצען. (הערט!) אויב די אַרבייטער בילדען אַ פּראָפעסיאָנעלען פערבאַנד געגען אונז, דאַרפען מיר בילדען פונקט אַזאַ פערבאַנד געגען זיי. (הערט!). מיר זיינען איינשטימיג מיט דעם אריינגעבראַכטען פאָרשלאַג אין אַל־געמיין און מיט יעדען איינציגען פאַראַגראַף זיינעם בעזונדער. די רעדע פון הערען אַנקער ערשטוינט מיך. (יא! יא!). פאַר יע־דען פאַבריקאַנט דאַרף דאָך זיין קלאָר ווי דער טאָג, ווי עס לוינט זיך פאַר איהם אַז אויף דעם שפּיץ פון אַלע פאַבריקען זאָל שטעהן איין דירעקציאָן, צו וועלכער מען זאָל זיך קענען ווענדען אין אַ צייט פון געפאַהר. יעדען דאַרף זיין קלאָהר ווי עס לוינט זיך, ווען יעדער צו־זאַמענשטויס מיט די אַרבייטער וועט איבערגעגעבען ווערען צום געריכט פון אַזאַ אינסטיטוציאָן, וועלכע שטעלט פאָר אין דער־זעלבער צייט אי אַ אויבערשט געריכט אין אַן אַדמיניסטראַציע. וואָס מיר פערליערען אין פרייהייט, געווינען מיר אין שוץ. פון דער גאַנצער זעעלע שליסען מיר זיך אָן אָן דעם פאָרשלאַג! זאָלען די אַרבייטער וויסען, אַז אין פאַל פון אן אויפשטאַנד, מישט זיך אריין אין דער זאַך אַ מאַכט וועלכע קוקט ניט אויף צערעמאָניעס. דאָס וועט זיי מאַכען ווייכער און וועט אונגעהויער פיעל פערגרע־סערען אונזער איינפלוס. ווי נאָר די פאַבריקאַנטען פון אַן אַנדער לאַנד וועלען אָרגאַניזירען אַזאַ פערבאַנד — וועלען מיר זיך גלייך אָנשליסען אָן זיי. ענדליך בילדעט זיך אַן אַלגעמיינער פּראָפעסיאָ־נעלער פערבאַנד פאַר אַלע ציוויליזירטע לענדער. הערר האָלגער׳ס פאָרשלאַג איז איינפאַך גראַנדיעז! און איך (זיך אומקעהרענדיג צו

אַנקער׳ן). שרעק מיך גאָר ניט פאַר די פּאָלגען ! דער אויסדרוק פון העררן אַנקער : „די מינאָריטעט פון דער וועלט האָט זיך גע־שטעלט אַקעגען דער מאַיאָריטעט" איז אַ געוואַלדיגער אירטהום. אַ געוואַלדיגער ! אויסער פאַבריקאַנטען און ארבייטער זיינען דאָך דאָ נאָך אַנדערע מענשען אויף ז׳ער וועלט. און צו וועלכע עס לוינט זיך יענע אנדערע בעסער צוצושטעהן — אין דעם איז ניטאָ קיין צווייפעל. (הערט ! הערט !). זיי און מיר צוזאַמען שטעלען צו־נויף די רעגיערונג. די רעגיערונג געהערט אונז. אַזוי איז געוועזן פריהער, אַזוי וועט אויך זיין שפּעטער. איך שליס מיך אָן מיט דער גאַנצער זעעלע צו האָלגער׳ס פאָרשלאַג.

(געשרייען „הערט ! הערט ! הערט !". ער געהט אַראָב. אַלגע־מיינע אַפּלאָדיסמענטען און אַ לעבהאַפטער געשפּרעך).

האָלגער : דאָס וואָרט געהערט העררן יאָהאַן סווערד.

איינער פון די אַנוועזענדע : צום אָב־שטימען !

פיעלע : יאָ, יאָ, אָבשטימען !

אַנדערע : אָבשטימען !

יאָהאַן סווערד : (געהט ארויף אויף דער טריבונע מיט אַ פּאַק פּאַפּיערען, וועלכע ער לעגט אוועק אויפ׳ן טיש). געעהרטע קאָ־לעגען ! מען טאָר זיך ניט אויסשפּרעכען גאַנץ אָפען ! איך פיהל די אטמאָספערע פון דער פערזאַמלונג. אַלס אַ בעמיקער בין איך געוואָהנט צו אַנאַליזען (געלעכטער). ווען איך געה דאָך אַרויף אויף דער טריבונע, איז עס נאָר ווייל איך האָב פערשפּראָכען אַרויסצוזאָ־גען די אַנזיכטען פון די קאָלעגען, פון וועלכע איך האָב די עהרע צו זיין דער פאָרשטעהער.

איינער פון די אַנוועזענדע : יאָ, די אַנ־זיכטען וואָס איהר האָט אַליין דיקטירט !

אַן אַנדערער : דיקטאַטאָר !

יאָהאַן סווערד : אויב איך בענוץ מיך מיט דיק־טאַטור, איז עס „די דיקטאַטור פון דער איבערצייגונג".

מאָ : איהר ווילט זי אויך דאָ אויספּרובען ?

יאָהאַן סוועַרד: (פרעהליך). ווען איהר וועט ער־לויבען, — יא! און לאָמיך אייך זאָגען, איך האָב אַ פערטיגען ארגומענט, געגען וועלכען קיין איינציגער קלוגער קאָפּ וועט זיך ניט קענען שטעלען.

עטליכע פון די אַנוועזענדע: אַ—אַ?...

יאָהאַן סוועַרד: אָט איז ער! ווי עס איז בע־וואוסט דער ווירדיגער פערזאַמלונג, געפינען זיך אונזערע פאבריקען אין די דערפער. און דאָרט האָבען די אַרבייטער געקריגען כמעט אַלעס צוליעב וואָס דאָ געהט אָן דער קריעג. (מען שלאָגט איהם איבער).

אַללע: יא, איבער די דערפער! דאָרטען זיינען אַנדערע בעדינגונגען.

איין שטימע: (טהיילט זיך אויס פון אַנדערע). קליי־נינקע אונטערנעהמונגען!... אַלעס איז נאָך ניי.

מאָ: גיט אייערע ביכער.

יאָהאַן סוועַרד: (ווייזענדיג אויף דעם פּאַק פּאַפּיערען) איך האָב מיטגעבראַכט די רעכנונגען פון די לעצטע יאָהרען פון רע־ווידירטע עקזעמפּלאַרען. דאָס געשעפט געהט בעשיידען, אָבער עס געהט דאָך.

איינציגע: בעשיידען — יא!

יאָהאַן סוועַרד: יא, מיר שטעלען זיך צופריעדען מיט בעשיידענע פערדיענסטען... און עס קען זיין אַז אין דעם איז דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען דער געעהרטער פערזאמלונג און אונז?

עטליכע: אַהאַ!

איינער: יעדער פערשטעהט זיך בעסער.

יאָהאַן סוועַרד: איך קען אונטערשטרייכען נאָך עפּיס אַנדערעס. אַלע די ארבייטער זיינען מיטגליעדער פון בראַטט'ס פערבאַנד און אַלע קריגען עליאַס סאַנג'ס צייטונג. יא, עס איז ווירקליך אַזוי! און דאָך האָבען די בערג, צווישען וועלכע מיר וואָהנען, און די וואַסערפאַלען, מיט דער הילף פון וועלכע

מיר אַרבייטען, ניט פאַרלוירען זייער פריהערדיגען אויסזעהן. דאָס ערגסטע אָבער, נאָך אַלעמען, איז דאָס, וואָס אויך מיר, די פאַב־ריקאַנטען, זיינען מיטגליעדער פון בראַטט׳ס פערבאַנד און זיינען זיינע אבאָנענטען.

(שטורמדיגע פּראָטעסטען).

אַ ל ע : וואָס איז דאָ איהם צו הערען ? וואָס דאַרף ער דאָ ? סאָציאַליסט ! אַנאַרכיסט ! אַרויס ! שווייג !

י אָ ה אַ ן ס וו ע ר ד : הפּנים עס זיינען דאָ ניטאָ אַזוי פיעל קלוגע קעפּ ווי איך האָב גערעכענט !

(געלעכטער און בייזע געשרייען).

מ אָ : (שרייט). איהר זענט אַן עזות פּנים !

א י י נ ע ר פ ו ן ד י אַ נ וו ע ז ע נ ד ע : (שרייט). זאָל ער זיך זאָרגען וועגען זיין אייגענעם קאָפּ ! ער איז דאָך פון אַ משפחה פון האַלבפּעררייקטע.

י אָ ה אַ ן ס וו ע ר ד : אויב איך בין פון א משפחה פון האַלב־פּעררייקטע, זיינען דאָ פּאַראַן אַ סך אַזעלכע ! (געלעכטער). איך האַלט מיך פעסט אַן מיין משפחה און איך האָף, אַז זי פער־האַלט זיך צו מיר אויך אַזוי, און וועט מיר ערלויבען איינינע בע־מערקונגען מכח דעם פאַרשלאַג פון העררן האַלגער. איך וויל זאָגען, ערשטענס, אַז דער פערבאַנד פון די פאַבריקאַנטען פון דיעזען לאַנד, אָדער, נאָך מעהר, פון דער גאַנצער וועלט, איז מעגליך נאָר דאַן, ווען אַן איהם וועלען זיך אָנשליסען אַ ל ע פאַבריקאַנטען.

מ אָ : וועגען דעם דאַרפט איהר זיך ניט בעאונרוהיגען !

א י י נ ע ר : מען וועט זיי צווינגען זיך אָנצושליסען אַן פער־באַנד !

אַ נ ק ע ר : מען דאַרף ניט קיין צוואַנג !

פ י ע ל ע : ניין, גראַדע צוואַנג ! (אַלגעמיינער געשפּרעך).

י אָ ה אַ ן ס וו ע ר ד : הערר פּאָרזיצענדער ! (דער לעצ־טער גיט זיך ניט קיין ריהר).

אַ נ ק ע ר : (שרייט). און ווען די באַנקען וועלען זיי העלפען !

פ י ע ל ע: זיי וועלען ניט וואגען. זיי וועלען בעצאָהלען דערפאר!

י אָ ה א ן ס ו ו ע ר ד: און די פערקויפער?

ד י ז ע ל ב ע ש ט י מ ע ן: זאָלען זיי פּרובען!

י אָ ה א ן ס ו ו ע ר ד: דאַן וועלען מיר האָבען צוויי אנדערע פערבאַנדען. דער פערבאַנד פון די באַנקען און דער פערבאַנד פון די געשעפטסלייט!

מ אָ: די ערשטע וועלען מיר באָיקאָטירען, און די אנדערע וועלען מיר בעזיעגען מיט ביליגען פערקויף.

י אָ ה א ן ס ו ו ע ר ד: דאָס וועט געבען אַ נייעם געברויך דעם נויט־פאַל־פאָנד! און דער קאמפף מיט דער גאַנצער ליבעראַלער פאַרטיי? די זאַך וועט אָננעהמען אַ פּאָליטישען כאַראַקטער.

מ אָ: דאָס איז שוין אַ געשעהענער פאַקט.

י אָ ה א ן ס ו ו ע ר ד: ניין. דאָס איז עפּעס אינגאַנצען נייעס! אַ פּראָפעסיאָנעלער פערבאַנד פון פאַבריקאַנטען, וועלכער נוצט אויס געוואַלט אין די בעציהונגען צו זיינע מיטגליעדער און צו די אַרבייטער, באָיקאָטירט באַנקען און טרעט אריין אין אַ קאמפף מיט פאַרקויפער, אויפלאַדער און אז. וו. און א. וו. — דאָס איז עפּיס אינגאַנצען נייעס!

אַ נ ק ע ר: דאָס וועט זיך קיינמאָל ניט איינגעבען!

פ י ע ל ע: (ווילד). עס וועט זיך איינגעבען, אָהן אַ צווייפעל!

י אָ ה א ן ס ו ו ע ר ד: (שנעל). לאָמיר אָננעהמען אַז עס וועט זיך איינגעבען. גלענצענד איינגעבען! איהר הערשט איבער די פאַבריקאַנטען, די אַרבייטער, דעם מאַרק; און דעריבער אינדירעקט אויך איבער דער געזעלשאפט און דער רעגיערונג. וואָס וועלען זיין די פאָלגען? ווי נאָר עס וועט זיך אַרויסווייזען וועלכער־עס־איז מיסגעברויך פון דער זייט פון די מאַכט־האָבער — דאָס בעזיצען פון אזאַ מאַכט פיהרט לייכט צו מיסגעברויך — וועט גלייך אויפפלאַקערען אַן אויפשטאַנד, אַ פיעל גרויזאמער ווי די רעליגיאָנס־מלחמות פון אונזערע אור־עלטערן. וועלען מיר אויף

אזאַ אַרט געהן פאָרוועָרטס ? ניין, מיר וועלען געהן צוריק ! מיר וועלען זיך אומקעהרען צו דעם ווילדען צושטאַנד ווען דאָס גאַנצע געוועהר וועט זיין צובראָכען אויף פיצלעך, די מאַגאַזינען פערברענט, די דירעקטאָרען דער'הרג'עט... מיר זיינען שוין טהייל־וויז בעקאַנט מיט דעם. וואָרים איצט געהט אָן אַ שיסעריי אין די פאָדערשטע רייהען.

אַ נ ק ע ר : אמת.

י אָ ה אַ ן ס ו ו ע ר ד : און וואָס וועט דאָס זיין פאַר אַ מלחמה ? ווער וועט פון איהר ליידען ? ביידע זייטען ! אי די אונטערנעהמער, אי די אַרבייטער. איהר קענט אויספיהרען אַזאַ רעזולטאַט פיעל לייכטער. זיצט רוהיג אין דער היים און רעדט אָפּ צווישען זיך, אַז אין אַ בעשטימטער שטונדע זאָלען ביידע זייטען, די אונטערנעהמער און די אַרבייטער, אונטערצייכנען אַלעס וואָס זיי האָבען. בעזאָרגט נאָר, אַז דאָס פייער זאָל פערכאַפּען די גאַנצע שטאָדט און מאַכען אונמעגליכטיג דאָס לאַנד פאַר וועלכען איהר אַרבייט !

(ניט ווילענדיגע איינפערשטענדיגונג).

מ אַ : זאָגט דאָס די אַרבייטער !

י אָ ה אַ ן ס ו ו ע ר ד : מען דאַרף ביידע זייטען זאָגען, אַז זיי פליהען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, און אַ אוננאַטירליכער און אונמעגליכער לאַגע ! דאָס איז פיעלייכט דער גע'ירשנ'טער בלינדער טריעב, וועלכער איז אַ נאָהענטער קרוב צו דער שטרעבונג, וואָס זוכט גרויסקייט און פּאָעזיע אין דאָס איבערנאַטירליכע. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מענשען וועלען ענטדעקען ווי וויים זיי זאָלען ניט זיין פון דעם געדאַנק, אַז אין דאָס נאַטירליכע און מעגליכע איז פאַראַן פיעל מעהר גרויסקייט און פּאָעזיע. אַזוי איז געווען אימער, פון'ם אַלטען זונען־דיענסט ביז צו דער סאַמע נעכטיגער דרשה. און ווען אין דיעזער זאַך וואָלטען זיך ביידע זייטען געהאַלטען נעהענטער צו דער ווירקליכקייט, וואָס וואָלטען זיי ענטדעקט ? אַז זייער ביידענס פערהאַסטער שונא קומט פון דרויסען. ער וואַקסט בעת

מיר רואינירען איינער דעם אַנדערען, און מיר גיבען זיך אַלץ זי־
בערער איבער אין זיין מאכט. איך רעד וועגען קאַפּיטאַל.

אַ הויכע טענאָר שטימע: רעדט ניט וועגען
קאַפּיטאַל!

יאָהאַן סוועדר: מיין ליעבער הערר! וואָרום
דאַרף איך ניט דערמאָהנען וועגען קאַפּיטאַל? מיר ווייסען דאָך
אַלע, אַז אין דיעזען יונגען אינדוסטרי־לאַנד פיהרט דער גרעסטער
טהייל די געשעפטען מיט געבאָרגט געלט און זיי וואָלטען זיך גערן
בעפרייט פון דיעזער אבהענגיגקייט. אָבער קאַפּיטאַל...

די הויכע טענאָר שטימע: רעדט ניט וועגען
קאַפּיטאַל!

יאָהאַן סוועדר: (מיט דעמזעלבען טאָן). איז דאָס
פיעלייכט אַ הייליגקייט? (געלעכטער).

מאַ: איך בין אויך מיט דעם איינשטימיג. דיעזע אייביגע
צוועקלאָזע טענות צו קאַפּיטאַל...

די הויכע טענאָר שטימע: רעדט ניט וועגען
קאַפּיטאַל! (אַ שטורם פון געלעכטער).

יאָהאַן סוועדר: הערר פּרעזיצענדער! בעמיהעט
אייך צו מאַכען אַן ענדע פון דיעזע זינלאָזע געשרייען!

(האַלגער שענקט איהם ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. געלעכטער. גע־
שרייען „בראַוואָ!“).

יאָהאַן סוועדר: איך ערקלעהר אַז דאָ איז ניטאָ קיין
פרייהייט פון'ם וואָרט! איך ערקלער אז ניט דער פּרעזיצענדער,
ניט די פערזאמלונג היטען ניט אָפּ די פרייהייט פון'ם וואָרט!
(„הערט“! געלעכטער).

יאָהאַן סוועדר: איך האָב דאָס פאָראויסגעזעהען
און דעריבער האָב איך גענומען מיט זיך אַ סטענאָגראַף (אַ שטורם
פון צאָרן).

אַלע: דאָס איז ניט ערלויבט! די זיצונג איז אַ פער־
מאַכטע. עס דאַרפען ניט זיין קיינע בעריכטען!

יאָהאַן סוועדר: אויב אויך אַ פערזאַמלונג ווערט אי־

בערטרעטען דאָס רעכט צו דעבאַטירען, מוז מען זיך ווענדען צו דער עפענטליכקייט! (גשערייען). איך האָב אויך געבראַכט מיט זיך אַ מיקראָפאָן! (לאַכענדיג געהט ער אַראָפּ פון דער טריבונע מיט דעם צונויפגעלעגטען פּאַק פּאַפּיערען אונטערן אָרעם).

אַ ל ל ע: מעפיסטאָפעל! שוואַרץ־קינסטלער! מיר האָבען דאָס פון אייך ערוואַרטעט! און איהר רעדט נאָך וועגען פריי־הייט?

ה אָ ל ג ע ר: (בעמיהענדיג זיך איבערצושרייען). דאָס וואָרט בעלאַנגט הערן קעטיל!

(אַלגעמיינע געשרייען „בראַוואָ!“ און אַפּלאָדיסמענטען).

ק ע ט י ל: (שטעהט אינגאַנצען פון הינטען און רעדט צו יאָהאַן סווערד, וועלכער געהט אַוועק אין דער בעגלייטונג פון צוויי, איי־נער פון וועלכע האַלט אַ קעסטעלע אין דער האַנד). איהר געהט אַוועק?

י אָ ה אַ ן ס וו ע ר ד: (פרעהליך). יאָ.

ק ע ט י ל: אָבער איך האָב אייך געוואָלט ענטפערען.

י אָ ה אַ ן ס וו ע ר ד: דאָ זיינען נאָך דאָ גענוג אַזעלכע הערען, וועלכע איהר קענט אַמוזירען. (פערנייגט זיך און געהט אַוועק. פּיעלע לאַכען).

ק ע ט י ל: (געהט אַרויף אויף דער טריבונע). מיר האָבען נאָר־וואָס געהערט וואָס פאַר אַ שרעקליכען געפאַהר מיר אונטער־וואַרפען זיך, אויב מיר וועלען טהון דאָס וואָס די אַרבייטער האָבען שוין לאַנג געטאָהן...

פּ י ע ל ע: הערט! הערט!

ק ע ט י ל: מיר האָבען שוין לאַנג געוואוסט, אַז מיר טאָרען קיין זאַך ניט אונטערנעהמען געגען די אַרבייטער. אָבער אַז מיר טאָרען ניט טהון קיין זאַך וואָס זיי האָבען שוין לאַנג געטאָהן — דאָס איז שוין עפּיס גאָר נייעס. (געלעכטער). און אַזוי בלייבט אונז מעהר ניט איבער ווי אונטערגעבען זיך די אַרבייטער. אַלעס איבריגעס איז געפעהרליך! און דעריבער, לאָמיר העכערען זייער אַרבייטס־לאָהן, אום זיי זאָלען קענען מעהר שיכור'ן (געלעכטער און געשרייען „הערט! הערט“!). איך וועל אייך ניט פערמאַ־

טערען אָנווייזענדיג אויף דעם אַז די אַרבייטער מוזען נעהמען אַנטהייל אין די פערדיענסטען, בעזאָנדערס ווען עס זיינען ניטאָ קיין פערדיענסטען. (הויכער געלעכטער). פון דעם, פאַרשטעהט זיך, פאָלגט, אַז מיר דאַרפען זיי אריינגעהמען אין דער דירעקציאָן. דאַן וועלען אונז די באַנקען, נאַטירליך, גערן געבען קרעדיט. (געלעכטער). גראַדע איצט, ווען די קאָנקורענציע האָט זיך בעזאָנדערס פערשאַרפט, דאַרפען מיר זיך אָבזאָגען פון פערדיענסט און פון האָבען אַ דעה, און דאַן וועט אַלעס געהן אויפ׳ן פיינסטען אופן. (אַ יובעל־געשריי). אָבער וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט פערמעגען אין די הענט פון ווייניגע, אויב עס איז ניטאָ קיין קנעכטשאַפט פאַר די איבריגע? ניין! מען דאַרף ניט קיין קאַפּיטאַל. אָרימקייט פאַר אַלע — דאָס איז דער אידעאַל. (שטורמדיגער יובעל). עס קען ניט זיין קיין פרייהייט אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ געלד. אָרימקייט און פרייהייט! אָט איז דער אידעאַל! (אַ נייער יובעל). הערר אַנקער, אַלס אַ גאָטס־פאָרכטיגער מענש, האָט אַזוי איבערציינגענד גערעדט וועגען די זינד פון די רייכע, דאָס הייסט, וועגען די זינד פון די מענשען וואָס זיינען רייך, אָדער שטרעבען צו רייכטהום. פוילקייט, פערשווענדונג, פרעסעריי, אויסגעלאַסענהייט, הערשזוכט — אָט זיינען די זינד וואָס בעגלייטען געוויינליך דעם רייכטהום. גוט, אָבער אויך אַ דאַנק פאַר די זינד פון די אַרבייטער! וואָרים, אויב עס איז אונז ערלויבט אויסצושפּרעכען אַזאַ יעדען בעוואוסטען געדאַנק, האָבען זיי דאָך אויך זייערע זינד? אונריינליכקייט, פוילקייט, חניפה, קנאה, שכרות, גנבה, געשלעגען, אָפט — מאָרד. און איצט, ווען מיט זיי האָבען זיך פעראייניגט אַנאַרכיסטען — אויך מאַסענמאָרדען. איך וויל ניט זאָגען אַז איך סימפּאַטיזיר מיט וועלכע עס איז פון די זינד, אונזערע אָדער זייערע; אָבער ווען די זינד עקזיסטירען ביי די און ביי יענע — פאַר וואָס זאָל מען אָנרופען נור יענע, וועלכע מען געפינט ביי די רייכע? אָדער פיליכט זיינען די זינד פון די ארבייטער פון אַ עדעלערען כאַראַקטער? (געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטען). אָדער הערר אנקער, אַלס אַ גאָטספאָרכטיגער מענש, מיינט אין דער ווירקליכקייט אַז די זינד

וועלען פערשווינדען ווי נאָר דער ארבייטער וועט קריגען זיין טהייל אין די פּראָפּיטען? אז דאָס אנטהייל נעהמען אין די פּראָפּיטען בעפרייט פון זינד אי די, אי די אנדערע? (שטורמדיגע צופרידענהייט). אזא מין רעדע געפין איך — ענטשולדיגט פאר׳ן אויסדרוק — ניט גאַנץ קלוג; (געלעכטער). פּונקט ווי אַלע מאָראַלע דרשות, וועלכע מען דערלאַנגט אונז יעדעס מאָל ווען מיר ווילען אונטערנעהמען עטוואָס פערנינפטיגעס, ענערגישעס. נאָך מיין מיינונג קען דוקא די מאָראַל אונז שטערן. (הויבער געלעכטער). די געפאַהר, וועגען וועלכער דאָ איז אזוי פיעל גערעדט געוואָרען, בעשטעהט גראַדע אין דעם וואָס מיר זיינען אזוי שטארק מאָראַליש. (יא! יאָ! יאָ! שטאַרקע צושטימונג). דאָס שטערט אונז צו בעשיצען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, די רעגיערונג און דאָס פאַטערלאַנד, אין דער פאָרם ווי מיר האָבען זיי געקריגען און דאַרפען זיי איבערגעבען אונזערע קינדער — בעשיצען זיי אזוי, אז אַלע זאָלען וויסען און גערענקען אז עס איז דאָ עפּיס, וואוהין זיי דאַרפען זיך ניט רוקען. אזוי לאַנג ווי דאָס איז ניטאָ — וועט קיין פריעדען ניט זיין. (געהט אראָב פון דער פּלאַטפאָרם, בעגלייט פון אָוואַציעס. אַלע שטעהען אויף און רעדען לעבהאַפטיג).

ה אָ ל ג ע ר: (ווען די אויפרעגונג ווערט אַ ביסעל געשטילט). הערר אַנקער בעט ווידער דאָס וואָרט.

א י י נ ע ר: וואָס? ווידער אַנקער?

פ י ע ל ע: מען דאַרף ניט מעהר אַנקער׳ן.

א ן א נ ד ע ר ע ר: מיר האָבען שוין געהערט גענוג אַנקער! (געלעכטער).

אַ ד ר י ט ע ר: בעסער עפּעס אַנדערש.

אַ פ י ע ר ט ע ר: ניין. מען דאַרף קיינעם ניט. אַבשטימען!

פ י ע ל ע: אַבשטימען!

אַ נ ק ע ר: (אַרויפגעהענדיג אויף דער פּלאַטפאָרם). נו, ניין. איך וועט זיך ניט איינגעבען אזוי לייכט פון מיר פּטור צו ווערען. (געלעכטער). דער וויין, וועלכען מען האָט נאָר־וואָס אונטערגעטראָגען, ניט קוקענדיג אויף דער פּיענע, האָט זיך מיר אויסגעוויזען

גאַנץ שוואַך. אין אונזער צייט, ווי איהר ווייסט, קען מען מאַכען אַ פיענע אַפּילו אויף וואַסער. (אַ־האַ! איניגע געהען ריידענדיג אַרום פון'ם זאַאַל). די נייע צייט, די נייע אָרדנונג וואָס טרעט אַריין אין לעבען (צי מיר ווילען עס צי ניט), בעשטעהט אייגענטליך אין דעם, אַז עס וועט ניט זיין ניט קיין גרויס רייכטהום, ניט קיין גרויסע אָרימקייט; צווישען זיי ביידען איז פאַראַנען עטוואָס אין דערמיטען — און אָט דאָס וועט אויך קומען. און אויף וויפיעל דיעזער צושטאַנד וועט ווערען דערגרייכט, אויף אַזוי פיעל ווען אָבפאַלען די זינד וואָס בעגלייטען אָרימקייט און רייכטהום. ווען מיר וואָלטען אין צייט דערויף אויפמערקזאַם געווען, וואָלטען מיר אויסגעמיטען פיעלע שרעקליכע קאַטאַסטראָפען. איינער פון די פאָריגע רעדנער האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד מיר האַנדלען נור זעלטען ווען ריכטיג, הייסט עס, אַז ביי אונז איז עפּעס ניט גאָר גלאַט. די אָרדנונג פון אונזער לעבען, האָט ער געמיינט, איז ניט נאָך אונזערע קרעפטען. דאָס זעלבע דיינק איך אויך, וואָס די אור־זאַכען דערפון זאָלען ניט זיין. אַ מיליטער לאַסט איבער דער מאָס, אַ צו גרויסער רעגיערונגס־ביודזשעט, די פערשווענדעריי פון פריוואַט פערזאָנען — אָט וואָס עס רופט אַרויס דיעזע ניט־צוגעפּאַסטע פערהעלטניסע. מיר לעבען ניט נאָך אונזערע קרעפטען. אָהן דעם וואָלט דער אַנאַרכיזם ניט מעגליך געווען. די אונבעשטראָפטקייט און זיכערקייט פון די רייכע, וועלכע פערשווענדען זייערע מיליאָנען, גלייך ווי אין לאַנד וואָלט קיינער ניט עקזיסטירט אויסער זיי און זייערע טעלער־לעקע. — דאָס איז פונקט אַזאַ גראָבער אַנאַרכיזם און אַ טרעטען מיט די פיס פון אַלע געטליכע און מענשליכע געזעצען. מיט דעם גיבען זיי אויך אַנדערע דאָס שלאָג־וואָרט: טהו אַלעס וואָס דו ווילסט!

ק ע ט י ל: (זיך אויפהויבענדיג). איך בעט דאָס וואָרט!

(דער פאָרזיצענדער פערשרייבט איהם. פרייד צווישען אַנוועזענדע).

אַ נ ק ע ר: און די ליטעראַטור פון די רייכע און פערזאָרגטע — די ליטעראַטור פון דער זאָגענאַנטער אינטעליגענציע — וועלכע

איז דורכגעדרונגען מיט דעמזעלבען גייסט, וועלכע פּרעדיגט דעמ־זעלבען אונבעגרענצטען אינדיווידואַליזם, וועלכע רופט צו דער פּער־ניכטונג פון יעדער געזעצליכקייט און זיטליכקייט — דאָס איז דאָך אויך אַקוראַט דערזעלביגער אַנאַרכיזם, וועלכער מאָרדעט מיט דינאַמיט.

א י י נ ע ר : הערר פּאָרזיצענדער! זיינען מיר ניט צו ווייט אַוועק פון דער פראַגע?

פ י ע ל ע : צום פּונקט! צום פּונקט!

א י י נ י ג ע : אָבשטימען! אָבשטימען!

פ י ע ל ע : (קומען צוריק אַריין אין זאַאַל און שרייען אויך). אָבשטימען!

א נ ק ע ר : קיינער אין דער וועלט האָט ניט קיין רעכט צו טהון מיט זיין אייגענטהום אַלעס וואָס ער וויל.

א י י נ ע ר : מיר האָבען יא דאָס רעכט!

א נ ק ע ר : ניין, מיר האָבען עס ניט! איבער אונז זיינען דאָ געזעצען, געשריבענע און ניט געשריבענע. און איך האָב מורא אַז איהר וועט צוברעכען אי די, אי די אַנדערע, איבערהויפּט די לעצטע, אויב איהר וועט אייך האַלטען ביי די קאָנדיציעס וועלכע הערר האָלגער לעגט פאַר די ארבייטער.

א י י נ י ג ע : (איבערשלאָגענדיג איינע די אַנדערע). אַ־האַ! איהר וועט אונז ניט איבערשרעקען. מיר ווילען ניט ערלויבען אונז איבערצושרעקען.

א נ ק ע ר : איך בעטראַכט די בעדינגונגען, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען די ארבייטער, פאַר סקאַנדאַליעזע. דאָס איז אַן איבערטרעטונג פון די געשריבענע און ניט־געשריבענע געזעצען! איך בין אין דעם איבערצייגט. פיעלע דאָ האָבען דיזעלבע מיי־נונגען וואָס איך. (געהט אַראָב פון דער טריבונע).

ה אָ ל ג ע ר : (אויפשטעהענדיג). איך דיינק עס איז צייט מיר זאָלען זעהען ווי ווייט דאָס איז אמת.

א ל ע : יא! יא!

ה אָ ל ג ע ר : איך לעג פאַר אלע וואָס זיינען איינשטימיג

מיט העררן אַנקער דאָס צו ערקלערען. (שטילשווייגען). איך וויל זאָגען: ערקלערען וועגען דעם אין דער הויף! (שטילשווייגען דער־נאָך געלעכטער).

א י י נ ע ר פ ו ן ד י אַ נ ו ו ע ז ע נ ד ע : (שרעקע־דיג.) איך בין איינשטימיג מיט העררן אַנקער. (הויכער געלעכטער).

ה אָ ל ג ע ר : אַלזאָ, הייסט איינגאַנצען איינער! (גרויסע פרייד).

אַ נ ק ע ר : אויב אַזוי ענטשולדיג איך מיך וואָס איך האָב אַזוי לאַנג פערהאַלטען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פערזאַמלונג. (געהט אַוועק צוזאַמען מיט דעם וואָס איז מיט איהם איינשטימיג).

א י י נ ע ר : געהט געזונד!

אַ נ ק ע ר : (ביי דער טיהר). איך קען ביי זיך ניט פועל'ן איך דאָסזעלבע צו ווינשען. (געהט אַוועק).

ה אָ ל ג ע ר : די פערזאַמלונג וויל צוטרעטען צו דער אָב־שטימונג.

א ל ע : יא. יא!

ה אָ ל ג ע ר : וויל ניט פיעלייכט די פערזאַמלונג אויסהערען העררן קעטיל.

אַ ל ע : יא, יא, יא! (האַנדקלאַטשעריי).

ה אָ ל ג ע ר : אָבער צוערשט האָט דאָס וואָרט הערר בלאָם. (שטילשווייגען). בלאָם, אַ ערנסטער, שעהנער הערר, אָנגעטהאָן אין שוואַר־צען, שטעהט אויף. ביז איצט האָט ער ניט גענומען קיין אַנטהייל אין די דעמאָנסטראַציעס. ער האָט נאָך פריהער עטליכע מאָל זיך אויפגעהויבען בעטענדיג דאָס וואָרט, אָבער דער פאָרזיצענדער האָט איהם ניט בעמערקט ביז דער לעצטער רעדע פון אַנקער'ן, אַ פּאָר מינוט איידער קעטיל האָט געבעטען דאָס וואָרט).

ה אָ ל ג ע ר : איך גלויב איהר זענט אויך איינפערשטאַנען מיט'ן פאָרשלאַג.

ב ל אָ ם : יא.

ה אָ ל ג ע ר : דאָס וואָרט געהערט העררן בלאָם.

בלאָם: (געהט אַרויף אויף דער טריבונע). קען איך בעטען אַ גלאָז וואַסער?

האָלגער: (קוקט זיך אום, אויך איניגע אַנדערע). וואו איז אַהין־געקומען דער דיענער? (איניגע געהען שנעל צו ביידע טיהרען און קוקען אַרויס).

מאָ: אָט איז ער! (מאַכט אַ צייכען. דער דיענער קומט אַריין).

בלאָם: איך בעט אַ גלאָז וואַסער. גאַנץ קאַלט. (דער דיענער געהט אַוועק). שוין איצט האָט אונזער לאַנד פערלאָרען מילליאָנען, מילליאָנען! עס איז פאַרלוירען געגאַנגען אפשר אַ יאָהר איינקונפט פון די פאַבריקען. און נאָך מעהר ווי דאָס.

איינער: און נאָך מעהר ווי דאָס.

בלאָם: (עדעל). און נאָך מעהר ווי דאָס. דער לייכטער, ניט צו זאָגען, דער לייכטזיניגער, טאָן פון דער גאַנצער פערזאַמלונג, האָט מיך דעריבער שטאַרק געקריינקט.

איינער: זעהר.

בלאָם: (עדעל). זעהר. מיר וועלען ניט אויסהאַלטען דעם דאָזיגען קריזיס, וועלכער הויבט זיך נאָר־וואָס אָן — סיידען בתנאי ווען מיר וועלען האָבען מוטה און דיסציפּלינע.

איינער: דיסציפּלינע.

בלאָם: (עדעל). יא, דיסציפּלינע. (געלעכטער). ווען מיר וועלען אַרויסווייזען מוטה און דיסציפּלינע דאַן, און נאָר דאַן, קען מען ערוואַרטען, אַז אויך אויף אונזער זייט... אויף אונזער זייט וועט זיין קראַפט...

(דער דיענער קומט אַריין מיט אַ זעהר שעהנעם קריגעל און אַ בעכער אויף אַ טאַץ, גיסט אָן און דערלאַנגט).

בלאָם: די גרעסטע קראַפט אין דער וועלט, און נעמליך... (נעהמט דעם בעכער און טרינקט).

איינער: און נעמליך?....

אַן אַנדערער: די אַרמיי?

אַ דריטער: דער קעניג?

אַ פערטער: די וועהלער?

א פינפטער: די פרויען? (געלעכטער).

א זעכסטער: געלד? (אַ נייער אויסברוך פון געלעכטער).

בלאָם: (שטעלט אַוועק דעם בעכער). איך וויל זאָגען: די קירכע.

איינציגע: אַ, די קירכע!

בלאָם: יא, די קירכע. נאָר אונזער מוטה און דיסציפּלינע װעלען נייגען די קירכע אויף אונזער זייט.

איינער: אויף אונזער זייט.

בלאָם: (עדעל). יא, אויף אונזער זייט.

איינער: (זיצענדיג גאָר פון הינטען). אויב די קירכע קען ניט האַלטען די ארבייטער אין שרעק, אויף וועלכען שוואַרץ-יאָהר דאַרפען מיר זי?

איינציגע: הערט! הערט!

אַן אנדערער: ווירקליך, וואָס דאַרפען מיר זי דאַן?

בלאָם: (גאַנץ רוהיג). די קירכע וועט זיך ניט שטעלען אויף דער זייט פון די ארבייטער. דאָס זעהען מיר... מיר זעהען עס. אָבער זי וועט זיך אויך ניט שטעלען אויף אונזער זייט, וואָרים מיר האָבען ניט קיין אויסגעהאַלטענקייט און דיסציפּלינע, וועלכע מיר פאָדערן פון די ארבייטער... זאָלען מיר אָבער דאָס פערלאַנגען, וועט די קירכע אונז אונטערשטיצען.

איינער: זי וועט אונז אונטערשטיצען.

בלאָם: (עדעל). יא, זי וועט אונז אונטערשטיצען. איך שליס מיך אָן אָן דעם בעשפּראָכענעם פאָרשלאַג. נאָר אויב מיר וועלען זיך ניט פערזיכערען מיט דער שטיצע פון דער קירכע, איז דאָס אַלעס פאַר אונז אונמעגליך.

איינער: אונמעגליך.

בלאָם: (עדעל). אונמעגליך. דאָס איז מיין מיינונג. (געהט אַראָב פון דער טריבונע).

האָלגער: דאָס וואָרט בעלאַנגט צו העררן קעטיל!

(אַלגעמיינע צופרידענהייט. אַלע וואַרפען זיך אַריין אין זאַאַל).

קעטיל: (בעשטייגענדיג אונטערדעסען די טריבונע). אלזא, פעהלט אונז, הייסט עס, דיסציפלינע. (געלעכטער, געשרייען: הערט! הערט!). און די קירכע, נעביך, שטעהט און ווייסט ניט וואס צו טהון. זי קען אונז ניט אונטערשטיצען, ווייל ביי אונז איז ניטא קיין אויסגעהאלטענקייט און דיסציפלינע (געלעכטער. הערט! הערט!). נאר ווארום זשע האט די קירכע אימער אזוי גערן אונטערשטיצט די הערשאפט פון די רייכע? ביי אלע, וועלכע האבען געהאט די מאכט האט זיך אימער ארויסגעוויזען אי אויסגעהאלטענקייט אי דיסציפלינע. (איינשטימונג). לאזט זשע אונז נאר פערכאפען די מאכט — און די שטיצע פון דער קירכע איז אונז פערזיכערט. (יובעל). דאסזעלבע איז וועגען די ארבייטער. ווען די רעגיערונג אין פאריז האט צושאסען צעהן טויזענד מענשען פון די סאמע פייערדיגע בונטאוושטשיקעס — איז איינגעטרעטען פריעדען אויף לאנגע יאהרען. אזא אדער־שלאגען פון צייט צו צייט מאכט ניט קאליע. (געלעכטער. הערט! הערט! געשפרעכען). עס קען זיין מיר וועלען באלד זעהען עפים עהנליכעס דארט אונטען. (געלעכטער). אין דעם איצטיגען פאל איז עס קוים נויטיג. אבער דאס העננט אב פון אונז. אויב מיר וועלען פערכאפען די מאכט און ווייזען אז אונזער ציעל איז — אבהיטען די זיכערהייט פון דער רעגיערונג, אום יעדען פרייז, אפילו מיט דעם פרייז פון בלוט־לאזונג, דאן, גלויב איך, וועלען מיר זיך בעגעהן אהן דעם, אבער ניט אנדערש. (הויכע געשרייען: הערט!). דא האט מען געזאגט אז מיר זיינען שולדיג אין דעם אנארכיזם פון יענע אנדערע. אז ביי אונז איז אויך דא אונזער אנארכיזם, און אז דער און יענער פערניכטען דאס וואהלזיין פון׳ם לאנד. זאל זיין אזוי. אבער וואס בעדייט דאס אלעס וואס וועלכער עס איז רייכער נאר פערשווענדעט, אדער נאך א גרעסערער נאר, זיין זוהן, (געלעכטער), אין פערגלייך מיט דעם וואס קען פערניכטעט ווערען מיט איין סטרייק אין עטליכע וואכען, און אין ענגלאנד, און בעזאנדערס אין אמעריקא, אין עט־ליכע טעג? ווען די סטרייקער ברעכען און מאכען קאליע מאשינען, פערברענען גאנצע מיליאנען, מאכען א שטילשטאנד אין גאנצע

צווייגען פון אינדוסטריע — שטעלט זיך מיט דעם אָפּ דער רע־געלמעסיגער לויף פון די געשעפטען אויף'ן גאַנצען וועלט־מאַרק. און מיט אַזאַ מין חיה, וועלכע שטעקט אין דעם ארבייטער — ווי שטיל ער זאָל זיך ניט ארויסווייזען אויף'ן קוק — מיט איהם דארפען מיר דאָס טהיילען די הערשאַפט און אונזער פּראָפיט, וועלכער דיענט אונז אַלס גאַראַנטיע? ווע‍לען מיר ווירקליך זיך שעהמען אַריינצונעהמען אין אונזערע הענד די הערשאַפט איבער אַזעלכע מענשען און זי אויסנוצען לטובת הכלל? (גרויסער בווי־פאַל.) איך שליס מיך ניט נאָר אָן יעדען פּונקט פון הערר האָלגער'ס פאָרשלאַג, נאָר איך פאָדער אַז ער זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען צום אָבשטימען אין אַלע פּונקטען מיט אַמאָל. (געהט אַראָב פון דער טריבונע אונטער שטורמדיגע אויסדרוקען פון ענטציקונג. אַלע, אויסער בלאָם'ן, הויבען זיך אויף.)

אייגנער: לאָמיר אָננעהמען דעם פאָרשלאַג איינשטימיג.

אַלע: אַלע! אַלע! (האַנד־קלאַטשעריי.)

מאָ: הורראַ פאַר הערר האָלגער! לעבען זאָל אונזער גרוי־סער פיהרער! הורראַ!

(די גאַנצע פערזאַמלונג כאַפּט אונטער „הורראַ!“ אויך הערר בלאָם, וועלכער איז איצט אויפגעשטאַנען.)

אַנקער: (ערשיינט אונערוואַרטעט צווישען צוויי טיהרען מיט זיין פריינד) ענטשולדיגט, הערר פּאָרזיצענדער, מיר קענען ניט אַרויסגעהן.

האָלגער: איהר קענט ניט אַרויסגעהן?

אַנקער: אַלע טיהרען זיינען צוגעמאַכט.

האָלגער: און דער שווייצאַר?... אַ?

אַנקער: דער שווייצאַר איז ניטאָ.

האָלגער: וואָס? און די דיענער וואו זיינען אַהינגעגע־קומען? אַ?

אַנקער: מיר האָבען אין ערגעץ קיין איינציגען ניט גע־זעהען. (גערודער.)

מאָ: איינער איז דאָך דאָ ערשט געווען?

(עטליכע מענשען געהען שנעל צו די טיהרען און קוקען אַריין אין זיי.)

אײנער: אַט איז ער! (מאַכט אַ צייכען. דער דיענער קומט אַריין.)

האָלגער: אָבער איינער פון די פרישע... (צום דיענער) בעגלייט דיזע הערען! (דער דיענער קוקט אויף זיין זייגער. דאַן געהט ער אַוועק מיט ביידע הערען.) און זעהט וואו דער שווייצאַר איז! אַ?... מיינע הערען! איהר קענט זיין גאַנץ רוהיג. איך האָב געהייסען אַלעס צושליסען, כדי קיינער פון די זייטיגע מענשען זאָל זיך ניט קענען אַריינכאַפּען. פון דרויסען איז דאָ פּאָליציי. די דיענער זיינען מסתמא געגאַנגען אַבעסען.

עטליכע: (בערוהיגט) אַ־אַ! אַזוי!

האָלגער: דיעזער איבערשלאַג האָט מיר געשטערט איי־גלייך צו דאַנקען פאַר דער אָוואַציע וואָס איהר האָט מיר גע־מאַכט און פאַר דעם צוטרויען וואָס איהר האָט מיר אַרויסגע־וויזען, אַנגעהמענדיג מיין פאָרשלאַג; דיעזעס צוטרויען וועט ניט מיסברויכט ווערען. איך דאַנק אייך פאַר וואָס איהר האָט מיר גע־האָלפען פטור ווערען פון די דעבאַטען, אין וועלכע מיר זיינען אַזוי אונערוואַרטעט אַריינגעשלעפּט געוואָרען (געלעכטער). אַ שפּיעל אין פּאַרלאַמענטען — דאָס איז איינע פון די אַנשיקעניסען פון אונזערע טעג. אַלע אידעען ווערען פערפלאַנטערט, אַלע העכערע ציעלען ווערען אַרונטערגעשלעפּט, די אויסערוועהלטע פון מיטעל־מעסיגע מענשען קענען אַנדערש ניט האַנדלען. (הערט! הערט!) איך בעט אייך מיינע הערען, פערנעהמען די פּלעצער. (אייניגע זעצען זיך, אַנדערע שטעהען, ווי פריהער.) די רעזאָלוציאָן וואָס איז דאָ אָנגענומען געוואָרען האָט אַ ענטשיידענדע בעדייטונג. נאָך מיין אַנזיכט איז דאָס אַ גרויסע פּאַסירונג. זי איז געוועזען דער ציעל פון מיין גאַנצען לעבען. (הערט!) ניט לאַנג פאַר דעם ווי איך האָב גע־האַט די עהרע אַריינצוטרעטען אין אונטערהאַנדלונגען מיט מיינע קאָלעגען, האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט די אַרבייטער; און עס איז מיר אויסגעקומען דאָס צווייטע מאָל צו הערען אַז ניט מ י ר,

נאָר זיי האָבען אויסגעבויט די פאַבריקען, זיי האָבען בעשאַפען אַלעס מיט וואָס מיר לעבען. דאָס זעלבע, ווי בעוואוסט, געהט אויך אויף דער רעגיערונג — דאָס האָבען ז י י בעשאַפען די רעגיערונג, און זיי אונטערשטיצען זי. מיר לעבען נאָר מיט דעם וואָס זיי טהוען. בעת דער אמת איז, אַז די איינצעל־אַרבייט איז קיינמאָל ניט געווען אין שטאַנד צו בעשאַפען עטוואָס עהנליכעס. קיינמאָל האָט זי ניט בעשאַפען עטוואָס העכערעס איידער דאָס סאַמע איינפאַכסטע: דאָס וואָס איז נויטווענדיג צו ערהאַלטען דאָס לעבען. נאָר קאָלעקטיווע אַרבייט האָט געקענט טהון מעהר ווי דאָס — זי האָט געשטעלט ציעלען און האָט געשאַפען פאַר פיעלע. אין די אַלטע צייטען זיינען די פאָרשטעהער פון קאָלעקטיווער אַרבייט געווען די גרויסע גרונד אייגענטהימער און די גרויסע צעכען; דיעזע [illegible]יסע קרעפטען האָבען בעשאַפען די רעגיערונג. די מלחמות האָבען אַמאָל זיי געהאָלפען, אַמאָל געשטערט; און אַזוי אויך די קירכע: אַמאָל האָט זי געהאָלפען דער זאַך, אַמאָל האָט זי געשטערט. מ י ר זיינען די יורשים פון דער אַריסטאָקראַטיע און די צעכען. אין דער געגענווערטיגער צייט זיינען מיר די פאָרשטעהער פון אָרגאַניזירטער אַרבייט; די גרינדער פון גרויסע פערמעגענס. אויף אונז האַלט זיך די שטאָדט און דאָס דאָרף; פון אונז לעבען די אַרבייטער. אַ דאַנק אונז וואַקסט דאָס רייכטהום, וואָס שטיצט פון זיין איבערפלוס די וויסענשאַפט און די קונסט.
(שטורמדיגע, לאַנגדויערענדע אויסדרוקען פון איינשטימונג).

אַזוי לאַנג ווי מיר רעגיערען מיט די מיטעלמעסיגע און גרויסע פערמעגענס, איז אַלעס וואָס זיי בעשאַפען אינדיווידועל, פריש און רייך מיט קאָנטראַסטען. יעדער געהט נאָך זיין אייגענעם געשמאַק, יעדער געפינט זיינס. איצט שטעלט אייך פאָר אַנשטאַט אונז אַלעמען בלויז איין געזעלשאַפט אָדער רעגיערונג! איין בעשטעלער, איין קויפמאַן, און פאָלגליך איין געשמאַק!... און איין מאָס פון ווערטהען! דאָס וואָלט געווען אַן אמת'ער גהנום! דאָס גאַנצע יאָהר וואָלט דאָס לעבען זיך געשלעפּט אַזוי לאַנגווייליג, אַזוי ווי דער זונטאָג. (געלעכטער.) מיט דער צייט וואָלטען מענשען

געוואָרען אַזוי עהנליך איינער אויף'ן אַנדערן, אַז עס וואָלט געווען פאַלשטענדיג גלייך, צי לעבען מיר אין דעם, צי אין אַן אַנדער מילבען־נעסט; און מיר וואָלטען אונטערשיידעט איינעם פון'ם אַנדערן בלויז דורך די אויסערליכע שטריכען (געלעכטער.) די וואָס זאָגען אונז, אַז אַלעס דאַרף זיין אַזוי ווי די מאַיאָריטעט וויל — און זיי זיינען דאָס טאַקע די מאַיאָריטעט — ענטפערן מיר: „די אינזעקטען זיינען אויך די מאַיאָריטעט". (הערט! הערט!) אויב אַזאַ מאַיאָריטעט וועט דורך די וואַהלען, אָדער אויף אַן אַנדער וועג, פערכאַפּען די הערשאַפט — אַ מאַיאָריטעט אָהן די טראַדי־ציעס פון די הערשענדע קלאַסען, אָהן זייער עדעלמוטה און די נייגונגען צום שעהנעם, אָהן זייערע פון דורות אויסגעפּרופטע רעכטליכע פונדאַמענטען — ווי אין גרויסען אַזוי אויך קליינעם— וועלען מיר דאַן זאָגען רוהיג אָבער האַרט: די קאַנאָנען אין פראָנט!" (אַלע שטעהען אויף און שרייען, אַפּלאָדירען און שטופּען זיך אַרום איהם.)

ה אָ ל ג ע ר : און איצט, מיינע הערען, הויבט זיך אָן דער יום טוב! (קעהרט זיך אום און גיט אַ דריק אַ קנעפּיל. אין דער זעלבער צייט דערהערט זיך אַ שאָס, נאכדעם אַן אַנדערער, אַ דריטער, און אַ גרויסער אָרקעסטער הויבט אָן שפּיעלען אַ פרעהליכען מאַרש, וועלכער איז פערפאַסט געוואָרען לכבוד דעם יום טוב.)

ה אָ ל ג ע ר : ערלויבט מיר אייך צו בעטען צום טיש! (ער געהט צו צו העררן קעטיל און באָט איהם אָן די האַנד. די איבעריגע הויבען זיך אויך אָן אויסשטעלען פּאָרוויז.)

אַ נ ק ע ר : (ערשיינט ווידער מיט זיין חבר אין זאַאל צווישען די צוויי טיהרען) מיר קענען ניט אַרויסגעהן. (אַלע שטעלען זיך אָפּ.) מיר קענען ניט אַראָבגעהן אונטען. מיר זיינען געווען ביי ביידע אַרויסגיינג.

ה אָ ל ג ע ר : דאַן ברעכט אויף די טיהרען!

אַ נ ק ע ר : עס שטעלט זיך אַרויס אַז די טיהרען זיינען פער־ריגעלט מיט אייזערנע פרענטעס פון דרויסען.

ה אָ ל ג ע ר : (אָבלאָזענדיג די האַנד פון זיין גאַסט) וואָס זשע איז דאָס? וואו איז דער דיענער?

א נ ק ע ר : ער האָט אונז פערלאָזען.

(אונרוהיגקייט צווישען די אַנוועזענדע.)

מ אַ : אָט איז ער! (ווייזט אָן אויף איהם.)

ה אָ ל ג ע ר : (בעפעהלענד) קומט אהער! (דער דיענער געהט צו.)

א י י נ י ג ע : וואָס הייסט עס? וואָס האָט פּאַסירט?

ה אָ ל ג ע ר : (רוהיג, אָבשטויסענדיג זיי) שטילער! (נעהמט דעם דיענער פאר דער האַנד און פיהרט איהם אַרויס פון פּאָרינט.) — ערקלער! וואָס הייסט דאָס?

פּ י ע ל ע : (אַרויסטרעטענדיג אין דערזעלבער צייט פון: פּאָרינט, ווענדען זיך צום דיענער) יא, וואָס הייסט דאָס?

ד ע ר ד י ע נ ע ר : לאָזט! (מען לאָזט איהם איבער.) איהר ווילט וויסען וואָס דאָס הייסט?

א ל ע : יא!

(דער דיענער געהט אַרויף אויף דער טריבונע.)

א ל ע : ער געהט אַרויף אויף דער טריבונע!

ד י ע נ ע ר : איהר ווילט וויסען וואָס דאָס הייסט?

א ל ע : יא.

ד י ע נ ע ר : מיר זיינען איינגעשלאָסען.

ה אָ ל ג ע ר : אָבער דער שווייצאר, די דיענער?...

ד י ע נ ע ר : זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

ה אָ ל ג ע ר : מיט'ן איינענעם ווילען? אָדער זיי זיינען געוועזען געצוואונגען?

ד י ע נ ע ר : אי אזוי, אי אזוי. זיי האָבען זיך געזאָרגט איינער פאר דעם אַנדערן. איצט איז דאָ מעהר קיינער ניטאָ.

(שטילשווייגען. שרעק.)

א ל ע : אָבער די פּאָליציי! די פּאָליציי! רופט די פּאָליציי! (אָנפאַנגס לויפען אייניגע מיטגלידער צום פענסטער, נאָך זיי אַנדערע. עפענען די פענסטער און רוקען זיך אַרויס דורך זיי.)

א י י נ ע ר : מען זעהט ניט קיין איינציגען פּאָליציסט.

ע ט ל י כ ע : מען זעהט קיינעם ניט. קיין זעעל איז ניטאָ אין דרויסען.

אַ ל ע : ווי? מיר זיינען פערשפּאַרט? (געהען פאָראויס.)

מ אָ : (פון פאָרינט. זיין שטימע הערט זיך העכער פון אַלע אַנדערע.) ערקלער! קיין פּאָליציי איז שוין דאָ ניטאָ. אין דרויסען איז קיינער ניטאָ. (אַלע הויבען זיך וויעדער אָן שטופּען אַרום איהם.)

ק ע ט י ל : איהר האָט אויך די פּאָליציי אַוועקגעשיקט?

ד י ע נ ע ר : יאָ. דער פּאָליציי־קאָרדאָן איז איצט פיעל ווייטער.

ה אָ ל ג ע ר : און דאָס איז געטאָהן געוואָרען אין מיין נאָמען?

ד י ע נ ע ר : יאָ, אין אייער נאָמען.

אַ ל ע : (שטופּענדיג זיך נאָך נעהענטער.) דאָס איז אַ טייוועלשער קונץ! וואָס זשע וועט זיין? וואָס וועט דאָ זיין? מען האָט אונז איבערגעגעבען! וואָס טהוט מען?

מ אָ : (אַרויפקריכענדיג אויף אַ שטוהל) שטילער, אַלע! (ווענדט זיך צום דיענער.) וואָס זשע וועט דאָ זיין? (אַלע ווערען מיט אַמאָל אַנשווייגען און עס הויבט אָן אַלץ קלערער זיך צו הערען דער פרעהליכער יום־טוב'דיגער מאַרש.) קען מען ניט אָבשטעלען די נאַרישע מוזיק?

(מאַכט צייכענס און אַרבייט מיט די הענד.)

ע ט ל י כ ע : אָבשטעלען די מוזיק!

אַ ל ע : די מוזיק אָבשטעלען!

ב ל אָ ם : (שרייט אין פענסטער) מוזיק! — געווג! גענוג!

(אַלגעמיינע פּאַאוזע. דער יום טוב'דיגער מאַרש הערט זיך אַלץ.)

מ אָ : (אין פערצווייפלונג) איז גאָר ניט מעגליך זי צו מאַכען שווייגען?

ה אָ ל ג ע ר : שיקט אימעצען דאָרט אויף'ן דאַך. זי איז דאָרט.

ק ע ט י ל : דאָס האָט מען שוין געטאָהן.

(אַלע ווערען אַנשוויגען. די מוזיק הערט זיך אַלץ.)

מ אָ : זיי זעצען זיך פּאָרט גאַנץ רוהיג. פריינד מיינע, וועט פיליינט נאָך אימיצער געהן צו זיי?

(דריי אָדער פיער פון די אַנוועזענדע לויפען אַרויס).

ד ע ר ד י ע נ ע ר : (ווענדט זיך צו בלאָם'ן, וועלכער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן פאָדערגרונד) און ווי שלעכט זיי שפּיע־לען!

ב ל אָ ם : ניין, מיר דאכט אז עס איז ניט שלעכט... ניט שלעכט... אָבער דאָס איז שרעקליך.

(די מוזיק ווערט אַנשוויגען.)

מ אָ : ענדליך דאָך!

ע ט ל י ב ע : (מיט גרינגערע הערצער) דאַנקען גאָט!

מ אָ : (ווענדענדיג זיך צום דיענער) וועט איהר פיעלייכט אזוי גוט זיין אונז איצט ענטפערן וואָס דאָס אַלעס בעטייט?

ד ע ר ד י ע נ ע ר : מען האָט נאָך אייך געשיקט. (טיעפע שטילקייט.)

מ אָ : (קוים הערבאַר) ווער?

ד ע ר ד י ע נ ע ר : מארען האוג, וועלכע מיר האָבען היינט בעערדיגט. זי וויל איהר זאָלט איהר אַלע נאָכגעהן. (שטיל־שווייגען.)

מ אָ : (אַלץ נאָך שטעהענדיג אויף דער שטוהל) וואָס? וואָס הייסט דאָס?

ד ע ר ד י ע נ ע ר : ווען מען האָט געבויט דעם שלאָס, האָט מען זיך בענוצט מיט אַ אונטעראַירדישען גאַנג, אום דורכ־צופיהרען די עלעקטריציטעט. איצט האָט מען געפונען אַ צוטריט צו דעם גאַנג, און נעכטען ביינאַכט האָט מען איהם אָנגעפילט...

(טיעפע שטילקייט).

ה אָ ל ג ע ר : (וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אונ־בעוועגליך) ווער איז דאָס געווען דער אָנפיהרער פון דעם אַלעמען?

ד ע ר ד י ע נ ע ר : דערזעלבער וואָס האָט געלעגט די רעהרען.

האַלגער: איז ער דאָ?

דער דיענער: ניין. ער האָט נאָך ניט געענדיגט.

מאַ: (אויפגעקאָכט) ווער זשע ביזטו?

דער דיענער: דאָס איז גאַנץ עגאַל. איך זוך ניט קיין אונשטערבליכקייט.

מאַ: לאָמיר איהם דער׳הרג׳ענען!

פיעלע: (וואַרפענדיג זיך אויף׳ן דיענער) לומפּ! מער־דער!

האַלגער: (שטעלענדיג זיך צווישען זיי)ניין, ניין! וואַרט, זאָג איך! (ווען עס ווערט אַ ביסעל רוהיגער) קען איך מיך דורכ־ריידען מיט דיעזען מענשען פּריוואַט? (צום דיענער) ווילט איהר ניט אַזוי גוט זיין אַראָבגעהן און מיט מיר זיך דורכריידען?

דער דיענער: (קוקט אויף׳ן זייגער) אָבער מאַכט עס גאַנץ קורץ. (געהט אַראָב, געהט צו צו האַלגער׳ן; ביידע געהען אַוועק צום פאָרדערגרונד. האַלגער מאַכט אַ צייכען צו די וואָס שטעהען נאָהענט זיי זאָלען אַוועקגעהן. זיי געהען אַוועק).

האַלגער: וויפיעל וועט איהר נעהמען איהר זאָלט אונז אַרויסלאָזען? איהר קענט בעשטימען וואָס פאַר אַ פּרייז איהר ווילט. פאָדערט וועלכע גאַראַנטיע איהר ווילט נאָר, וואו זאָל מען אויסצאָהלען דאָס געלד? פון דאַנען, פאַלשטענדיג געהיים, מיט אַ עקסטראַ דאַמפּפער, נאָך היינט ביינאַכט... ענטפערט!

דער דיענער: (געהט אַוועק פון איהם און פערנעהמט דאָס אָרט פונ׳ם פּאָרזיצענדען.) איצט קאָמאַנדיר איך! די רייזע וועט געמאַכט ווערען אונטער מיין אויפזיכט. היט אייך! דער ים וועט זיין שטורמדיג. (שרעק. שוישקעריי.)

קעטיל: קען איך פאָרלעגען דעם קאָמאַנדיר אַ פראַגע?

דער דיענער: (קוקט אויף׳ן זייגער) אָבער שנעל!

קעטיל: צו וואָס?... צו וואָס וועט דאָס פיהרען?

דער דיענער: די לופט־רייזע?

קעטיל: יאַ. וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען?

דער דיענער: דאָס איז אַ וואָרנונג.

עטליכע: (זאָגען נאָך אין דער שטיל) אַ וואָרנונג?

קעטיל: אָבער ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, אַז די וואָרנונג וועט אייך טהייערער קאָסטען ווי אונז.

דער דיענער: אָ, נאָכדעם וועלען קומען אַנדערע. די מאַסע וועט אַלעס דורכפיהרען. שיינענדיג, ווי די זון, שטעלט איהר מיט זיך פאָר אַ וואָרנונג פאַר אַנדערע! שעצט די ניט־פערדיענטע עהרע צו ווערען אין טויט עהנליך צו דער זון.

האָלגער: דאָס וועט גלייך געשעהן?

דער דיענער: יאַ, דאָס וועט גלייך געשעהן. טיעף־געעהרטע מיטרייזענדע פון דער זון... אַכטונג!

האָלגער: עס וועט זיך דיר ניט איינגעבען צו געבען דעם סיגנאַל.

(איינער נאָך'ן אַנדערן, מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, דער הערען זיך פיער רעוואָלווער־שאָסען).

דער דיענער: (טרעט פריהער אָב, כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט און דערנאָך פאַר'ן בויך. דערנאָך הויבט ער אויף ביידע הענט איבער'ן קאָפּ און רופט אויס) אָ, דאָס איז געוועזן גוט!

(ער פאַלט. האָלגער האָט די גאַנצע צייט איהם נאָכגעפאָלגט, און איצט שטעלט ער זיך אָפּ אַזוי אַז דער דיענער פאַלט צו זיינע פיס. אַלע לויפען צו קוקען אויף דעם געפאַלענעם. איינינגע קריכען אַרויף אויף דער טריבונע, אַנדערע אויף דעם פּלאַץ פון'ם פּאַרזיצענדען, אויף בוינק־לעך — און קוקען דורך די קעפּ פון די וואָס שטעהען. נאָר נעבען גע־פאַלענעם בעווייזט זיך פּלוצלונג אַ מענש אָנגעטאָהן אין ברוינעם).

דער מאַן אָנגעטאָהן אין ברוינעם: (פון'ם ערשטען אַקט) חאַ, חאַ, חאַ, חאַ, חאַ, חאַ! (זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד און גיט זיך אַ קלאַפּ איבער די קניע. דאַן שפּרינגט ער אויף און ווי אַ פייל פליהט ער רעכטס, צו דער טיהר, וועהרענד האָלגער שיקט איהם נאָך צוויי רעוואָלווער־שאָסען).

מאָ: (אין שרעק) דאָ זיינען נאָך מעהר דאָ?

אַלע: דאָ זיינען נאָך אַנדערע דאָ! נאָך אַנדערע! וואָס וועט איצט זיין? (שטאַרקער אויפרוהר).

מ אַ : (וועלכער איז אונווילענדי אַבגעלאָפּען צוריק, שטעלט זיך אָפּ) ש־ש־ש !

ע ט ל י כ ע : וואָס איז אַזוינס ?

מ אַ : ש־ש־ש ! מיר האָט זיך אויסגעוויזען אַז אימעצער רופט אונז פון דרויסען... (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכ׳ן פענסטער, וועלכעס איז איצט אָפען).

פ י ע ל ע : (דערפרעהט) איז ניטאָ אימעצער וואָס וואָלט אונז געהאָלפען ? (לויפען צו די פענסטער).

מ אַ : מען זאָגט איך — שטילער ! דאָס איז אַ פרוי. זי שטעהט פון יענער זייט גראָבען. הערט ! קוקט !

א י י נ ע ר : זי מאַכט צייכענס.

מ אַ : שטילער ! (עס ווערט שטיל).

א פ ר ו י ע ן ־ ש ט י מ ע : (פון ווייטען, אין פערצווייפ־לונג) קומט אַרויס שנעל ! אונטער׳ן שלאָס איז אַוועקגעלעגט אַ מיענע !

ד ע ר ד י ע נ ע ר : ראַחיל !

ה אָ ל ג ע ר : (וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבען איהם, שטיל) ער לעבט ?

ע ט ל י כ ע : (שרייען פון די פענסטער) מיר קענען ניט אַרויסגעהן !

מ אַ : מען מוז האָבען איינעם. (שרייט) מיר קענען ניט אַרויסגעהן ! שיקט אימיצען אונז צו עפענען !

ע ט ל י כ ע : שיקט אימיצען אונז צו עפענען !

(אַנדערע, וועלכע זיינען געשטאַנען אין זאאל, לויפען צו צו די פענסטער און קוקען אַרויס.)

מ אַ : ש־ש ! שטילער ! (עס טרעט אַריין אַ שטילקייט.)

ד י פ ר ו י ע ן ־ ש ט י מ ע : קיינער קען ניט צוקומען. דער בריק איז אַוועקגענומען.

ד ע ר ד י ע נ ע ר : ראַחיל !

ה אָ ל ג ע ר : (וועלכער שטעהט אונבעוועגליך, שטיל) דאָס איז איהר ברודער ?

אַ ל ע : (געהען אַוועק פון די פענסטער און וואַרפען זיך צום פאָדערגרונד) דער בריק איז אַוועקגענומען! פערשפּאַרט און אָפּ־געשניטען. וואָס טהוט מען? איז דאָ ניטאָ קיין שטריק אויף וועל־כען מען קען זיך אַראָפּלאָזען און געפינען די פייער־לייטערס?

אַ י י נ ע ר : (העכער פון די אַנדערע) איז דאָ ניטאָ קיין שטריק אויף וועלכען מען קען זיך אַראָפּלאָזען און געפינען די פייער־לייטערס?

ה אָ ל ג ע ר : איך האָב מורא אַז ס'איז ניטאָ. דאָ איז אַלעס ניי.

מ אָ : זאָגט! צו וואָס האָט איהר אונז פערפיהרט אהער?

אַ י י נ ע ר : אַ מערדער־הייל!

אַ י י נ י ג ע : איהר האָט פאַר קיין פאַל ניט געדאַרפט אונז ברייגגען אהער. דאָס איז אייער שולד.

פ י ע ל ע : אויב מיר וועלען פערלאָרען ווערען, איז דאָס אייער שולד.

מ אָ : אין אַלץ איז שולדיג אייער נאַרישער שטאָלץ און אייער איינגעשפּאַרטקייט!

כ מ ע ט א ל ע : דאָס איז שרעקליך! איהר האָט פער־שפּראָכען אונז אַרויסצולאָזען פון דאַנען! איהר ווייסט נאָך פון לעצטען יאָהר אַז דאָ איז געפעהרליך. ערפילט איצט אייער פּפליכט!

ה אָ ל ג ע ר : (רוהיג) מיינע הערען! בעמיהט זיך צו פערהאַלטען צו דער זאַך רוהיגער. בערעכענט, דער אויפרייס קען ניט פערכאַפּען דעם גאַנצען שלאָס, און בעדיינקט, דער וואָס האָט געדאַרפט געבען דעם סיגנאַל ליגט דאָך דאָ. (ביי די ווערטער מאַכט דער דיענער אַ פערזוך זיך אויפצוהויבען).

אַ י י נ ע ר : (שרייט) ער לעבט?

אַ ל ע : ער איז לעבעדיג? (שטופּען זיך אַרום איהם. דער דיענער קען נאָר אונטערהויבען דעם קאָפּ.)

אַ י י נ ע ר : ער וויל עפּעס זאָגען! ש־ש־ש!

ד ע ר ד י ע נ ע ר : איך... איך בין ניט איינער. (פאַלט ווידער.)

א י י נ ע ר : (אין דער שטיל) וואו זשע זיינען די אַנדערע?

ע ט ל י כ ע : (אין דער שטיל) וואו זשע זיינען די אַנדערע? זאַנרעבאַר, וואו זשע וועט זיך די מינע אויפרייסען?

ע ט ל י כ ע : אַ־פּנים דאָ?

אַ נ ד ע ר ע : יאָ, געוויס דאָ!

פ י ע ל ע : יאָ, דאָ! געוויס דאָ!

מ אָ : (פּלאַצט אַרויס אין אַ געלעכטער) ווי איז דאָס מיר פריהער ניט איינגעפאַלען? האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ! (וואַרפט זיך צום פענסטער, און איידער מען קען איהם שטערען וואַרפט ער זיך דורך'ן פענסטער.)

א י י נ י ג ע : (לויפען צום פענסטער און שפּרינגען גלייך אָב אין שרעק) ער האָט זיך צוקלאַפּט אויף פיצלעך אָן דעם ברוק! אויף פיצלעך! (שרייען צו די איבעריגע, וועלכע זיינען נאָך פון וויטען. עס הערען זיך געשרייען: „שרעקליך!" „וואָס וועט זיין מיט אונז?" נאָך איינער וויל זיך וואַרפען דורך'ן פענסטער. די אַנוועזענדע חויבען זיך אָן מיט איהם שלאָגען.)

ה אָ ל ג ע ר : (בעפעהלענד) היט אייך! פערצווייפלונג איז אנשטעקענד! (עטליכע זאָגען נאָך: יאָ, יאָ, אַנשטעקענד! היט אייך!) בעמיהט אייך מיט ווירדע צו בעגעגענען דאָס אונפערמיידליכע. פון'ם טויט קען זיך קיינער ניט ארויסדרעהען. און מיט אזא טויט וועלען מיר בעסער פערשטאַרקען די אָרדנונג אין לאַנד איידער מיט אונזער לייגנסטען לעבען. זייט זיכער אז די מאַכט וועט קיינמאָל ניט איבערגעהן אין די הענד פון די וואָס בענוצען זיך מיט אזעלכע מיטעל! געדיינקט דאָס! דעריבער וועלען מיר מיט פרייד בעגעגענען דעם טויט! אונזער טויט וועט אָנפילען די הערצער פון אונזערע מיטבירגער מיט צאָרן און העלדענמוטה — דאָס איינציגע וואָס קאָן איצט רעטען די געזעלשאַפט. לעבען זאָל די געזעלשאַפט! (די גאַנצע פערזאַמלונג זאָגט נאָך זיין אויסרוף. אין דער מינוט, ווי עס ווערט שטיל, דערהערט זיך ביי דער טיהר רעכטס אַ עקעלהאַפטער געלעכטער.)

א י י נ ע ר (זאָפאָרט) דאָס איז ער, נאַטירליך! (לויפט אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער געלעכטער.)

ע ט ל י כ ע: דאָס איז ער! (לויפען.)

פ י ע ל ע: דאָס איז ער! נאָך איהם! גלויפען.)

א ל ע: דאָס איז ער! כאַפּט איהם! דער׳הרג׳עט איהם!

(אַלע וואַרפען זיך, ווילד הינגעריסען, רעכטס. בלאָס פאָלגט זיי נאָך. האָלגער, אַנקער, קעטיל בלייבען.)

ק ע ט י ל: (צו האָלגער׳ן). זיי ווייסען שוין אליין ניט וואָס זיי טהוען.

ה אָ ל ג ע ר: (זיי נאָכקוקענדיג) זיי ווילען אנטלויפען. דאָס איז נאַטירליך!

א נ ק ע ר: (ווייך) איצט, מיינע פריינד, בלייבט אונז נאָר איבער זיך איבערצוגעבען צו גאָט׳ס גענאָד.

ק ע ט י ל: יא, מיין פריינד — אייך. איך בין אַן אַלטער שיפס־קאַפּיטאַן. איך האָב שוין ניט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגען.

(אַנקער שטעלט זיך אַוועק אויף די קניע לינקס, בעט.)

ה אָ ל ג ע ר: (געהט הין און צוריק. פאַרבייגעהענדיג קוקט ער אויפ׳ן דיענער) איצט איז ער טויט.

(אַלע שווייגען עטליכע מינוט.)

ק ע ט י ל: הייסט עס, דאָס איז אונפערמיידליך?

ה אָ ל ג ע ר: (פאַרטראַגען, ניט אויפהערענדיג צו געהן) אונ־פערמיידליך.

ק ע ט י ל: איך האָב טאַקע אזוי גערעכענט — ווען דיעזע פּלעבעיער הויבען זיך אָן בעוועגען... יא, אזוי וועל איך דאָ זיצען און זיך ניט ריהרען פון׳ם אָרט. זאָל זיין וואָס עס וויל.

א נ ק ע ר: (זיך אומקעהרענדיג צו איהם) וואַרפט אַוועק דעם שטאָלץ! מיין טהייערער, בעט פאַר די רעטונג פון אייער נשמה!

ק ע ט י ל: אזוי ווי איך קען גלויבען אז דאָס וועט העלפען! די נשמה איז אזא ווי זי איז. זי ענדערט זיך ניט פּלוצים. אויב

עס עקזיסטירט אימיצער, וועלכער דאַרף זי צונעהמען, וועט ער זיך ניט לאָזען אָבנאַרען מיט עטליכע ווערטער, וועלכע איך וואָלט איהם איצט געקענט זאָגען. (אַ געלעכטער דערהערט זיך איבער זיי. גלייך נאָכדעם — אַ גערויש און געשרייען פון נאָביאָגער, אויך פון אויבען.)

האָלגער: (האָט זיך אָפּגעשטעלט און הערט. געהט לאַנגזאַם צו צו קעטיל'ן) און וואָס אַנבעטרעפט דעם ערב רב פון פייגלינגע...

קעטיל: יאָ, נאַ דיר אַ גראָשען פאַר איהם!

האָלגער: איך האָב עס אַלע מאָל געוואוסט. נאָר אַזוי לאַנג מען האָט זיי געקענט פיהרען... אַ?

קעטיל: אויף דעם זיינען זיי געווען גוט, זעהר גוט. אָבער ווען זיי האָבען זיך איבערגעשראָקען...

האָלגער: זיי זיינען אַנטלאָפען ווי די הינד אונטער די שמיץ פון אַ בייטש. איצט זעה איך עס.

קעטיל: יאָ, דאָ דאַרף מען עפּעס אַנדערש.

האָלגער: איך וואָלט נאָך געוואָלט אַ ביסעל לעבען!

אַנקער: (קעהרט זיך אום צו זיי, איבעררייסענדיג זיין געבעט) אַך, לאָמיר בעטען פאַר אונזערע קינדער! זיי וועלען באַלד אַזוי ליידען. לאָמיר בעטען אַז גאָט זאָל זיי טרויסטען, אַז אין זייער צייט זאָל ניט זיין אַזוי פיעל שלעכטס ווי איצט. אַך, לאָמיר בעטען אויף דעם!

(עס הערט זיך אַ געלעכטער פון לינקס, גאַנץ נאָהענט. נאָך דעם טראָגט זיך צו דער גערויש און ווילדער ברום פון די נאָביאָגער, וועלכע הערען זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער; דערנאָך לויפט די גאַנצע מאַסע, שפּרינגענדיג ווילד און אין ווילדען צאָרן, דורך פון לינקס צו רעכטס. בלאָם פאָלגט נאָך).

האָלגער: (שטעהט און קוקט זיי נאָך) אי דאָרט, אי דאָ — איין געמיינע באַנדע...

קעטיל: יאָ, דאָ דאַרף מען האָבען שטאַרקע מענשען.

האָלגער: עס איז גענוג איינער, און ער וועט קומען...

אַנקער: איצט קומט שנעל בעטען מיט מיר. אַך, בעט

אַז גאָט זאָל העלפען די גוטע. זאָלען זיי בעלייכטען דעם וועג אַלע די, וועלכע עס לעבט זיך שווער. גאָט, רעטע דאָס פאַטערלאַנד! גאָט...

(עס הילכט אָב אַ שרעקליכער אונטער־ערדישער קלאַפּ. הונדערטע שטימען שרייען אויס. קעטיל פליהט אַרויף הויך אין דער לופט מיט זיין שטוהל און פערשווינדעט. האָלגער פאַלט און דערנאָך זעהט מען איהם שוין ניט. אַ וואָלקען פון שטויב דעקט זיי כמעט גלייך צו. דורך'ן שטויב זעהט זיך קוים אַנקער, און עס ווייזט זיך אויס ווי ער פער־שווינדעט אין דער וואַנד. אָבער ביז צו דער ענדע הערט זיך):

אַ נ ק ע ר: גאָט! רעטע דאָס פאַטערלאַנד! גאָט! רעטע!...

פיערטער אַקט

הינטער די בוימער פון אַ גרויסען פּאַרק. אַרום עטליכע בוימער שטעהען בײנק. נאָך אײדער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף הערט זיך פון ווייטען אַ שטילע טרויעריגע מוזיק. זי בעגלייט דעם גאַנצען אַקט אַזוי ווי אַ ווייטער כאָר.

ר א ח י ל : (געהט אַריין לאַנגזאַם אין דער בעגלייטונג פון האַלדען. וועהרענד דעם פאָלגענדען געשפּרעך געהט זי אַ ווײלע אַרום און באַלד שטעלט זי זיך אָב. האַלדען שטעהט אַ ווײלע אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און דאַן זעצט ער זיך צו אויף אַ קורצע צייט.) איך דאַנק. (קוקט זיך אַרום.) ווי גוט עס איז וואָס דער פּאַרק איז מיינער. אין הויז פאַל איך אונטער דער לאַסט פון די ליידען; איך האָב פערבראַכט אַ שווערע נאַכט. דאָ, אויף דער לופט, וועל איך ניי בעלעבט. די וועגעלעך וואָס לויפען אַרויף, די פריהלינג־לופט... אָך, דאָס ווירקט ערקוויקענד.

ה א ל ד ע ן : די נאַטור גיט טרייסט.

ר א ח י ל : אָבער זי בעמיהט זיך ניט, ווי עס בעמיהען זיך מענשען, צו צונעהמען ביי אונז אונזער טרויער. זי קומט אונז איינפאַך אַנקעגען מיט איהר אייביגער קראַפט, מיט דער ערנייערונג פון דאָס וואָס איז איבערגעלעבט. (שטיל) יאָ, — איבערגעלעבט.

ה א ל ד ע ן : דערמיט דאַרף מען קעמפּפען. דער טרויער דאַרף פערשווינדען אין דעם ציעל צו וועלכען עס ציהט אונז אַלץ ווייטער.

ר א ח י ל : מיין טרויער קען ניט פערשווינדען. און איך וויל עס גאָר ניט. האָט געדולד; וואָרים אין'ם טרויער בין איך דאָך ווידער מיט איהם צוזאַמען. איך האָב איהם ניט געקענט נאָכפאָלגען אין לעבען, און נאָך אין דעם לעצטען אָבענד האָב איך איהם געלאָזט אַוועקגעהן פון מיר. איך האָב איהם ניט פער־

שטאַנען. ער איז געווען אַ גלויביגער. ער האָט ניט געפרעדיגט קיין לעהרע, נור דאָס וואָס ער האָט אַליין געוואָלט טאָהן. גלויבען איז טהאָן. אָבער דעם ניט גלויבענדען איז אַזוי שווער צו פערשטעהן דעם גלויבענדען. און איך האָב איהם אָפגעלאָזט. קיינמאָל וועל איך עס מיר ניט פערצייהען. קיינמאָל וועל איך ניט אויפהערען טרויערן דעריבער. דיעזער שמערץ ברייגגט מיר אַ ווייטאָג — אַ פיזישען ווייטאָג, אַ שטעכענדען און בויערענדען — עס ווייזט זיך מיר אויס ווי דער שמערץ קלאָגט און שרייט נעבען מיר. אָט מאַטער איך מיך מיט איהם צוזאַמען אונטער די חורבות. אָט געה איך מיט איהם לאַנגזאַם צווישען די רייהען פון קללות, מיט וועלכע עס שמייסען אונז הונדערטע טויזענדע. איהם געהען זיי ניט אָן. ער האָט פריהער געוואוסט אַז דאָס וואס ער האָט געטאָהן וועט זיין פערשטענדליך פאר זעהר ווייניגע. דאָס איז געווען פאר איהם אַ איבריגע אויפרייצונג; און נאָר דערמיט איז זיין טהאַט געוואָרען אַן אָפפער. ער איז געווען פונקט אַזוי שטאָלץ מיט מענשען ווי בעשיידען געגענאיבער דער אידעע, וועלכער ער האָט געדיענט. ער האָט, אָהן צווייפעל, זיך ניט אויסגעשפראָכען אפילו פאר די, וועלכע ער האָט געפיהרט צום טויט. ער איז געווען דאַרויף צו שעהמעוודיג. ניט אויף איהם, נאָר אויף מיר פאַלען די שמיץ פון דער בייטש. ווי האָב איך געקענט האָבען אַזאַ טעות? ווי האָט מיין ליעבע צו איהם ניט געשאַרפט מיינע געפיהלען?

ה אַ ל ד ע ן: וואָס זשע וועט זיין מיט אייך? איהר מוזט אייך שטאַרקען.

ר אַ ח י ל: וואָס וועט זיין מיט מיר? אויב איך ווער ביי נאַכט אַנשלאָפען קעהרט זיך אום דער שמערץ אין דער־פריה. אויב איך שלאָף ניט — שטאַרב איך. איך האָב אפילו קיין כח ניט צו וויינען. די טרעהרען טרעטען צו צום האַלז און אויסוויינען זיי קען איך ניט. נאָר זאָל זיין אַזוי. אין דיעזען צושטאַנד קעהר איך איהם ווידער אום צו זיך.

ה אַ ל ד ע ן: ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געזאָגט: "טרויער ניט נאָך מיר, נאָר..."

ר אַ ח י ל : (שלאָגט איהם איבער) יאַ, ער וואָלט דאָס געזאָגט! אַזאַ מענש איז ער געווען! אַ דאַנק פאַר דיעזע ווערטער! ער איז געשטאָרבען ווי ער האָט געלעבט — פאַר אַנדערע! אָבער איך קאָן ניט איינשליסען אין מיין הארצען דיעזע אַנדערע. אָבוואָהל די, פאַר וועלכע ער איז געשטאָרבען, זיינען איצט אומגליקליכער ווי ווען עס איז פריהער, קען איך פון דעסטוועגען ניט טרויערען וועגען זיי. איך האָב קיין פּלאַץ ניט פאַר קיינעם אויסער איהם. אָה, דער מענש וואָס האָט איהם געבראַכט דערצו! אין דער ביבעל ווערט געזאָגט: ווער עס וועט איבעררייעדען איינעם פון דיעזע קליינע, דעם וואָלט בעסער געווען ווען מען וואָלט איהם אויפגעהאַנגען אַ מיהל-שטיין אויפ'ן האלז און אריינגעוואָרפען אין דער טיעפעניש פונ'ם ים. און דער, וועלכער פערפיהרט אויף אַ פאַלשען וועג די העכסטע שטרעבונגען פון אַ מענשען — וואָס וועט מיט דעם זיין?

ה אַ ל ד ע ן : זיי האָבען געוויס ביידע געמיינט אַז זיי האַנדלען גוט, אַז זיי וועלען אימיצען רעטען מיט דעם.

ר אַ ח י ל : (איהם איבערשלאָגענדיג) קען דען אימיצער גערעטעט ווערען אויף אַזאַ וועג? פריהער מאַכען זיי די מענשען אַזוי ווילד, אַז זיי פערלאַנגען דעם אונטערגאַנג פון זייערע מיטמענשען, — פון וואָס זשע איז נאָכדעם זיי דאָ צו רעטען? אויב, ווידער, שלעכטס וועט אַרויסגעטריבען ווערען מיט דעם וואָס מען וועט פאַרזייען נאָך גרעסרן שלעכטס, וואו זשע וועט וואַקסען גוטס?

ה אַ ל ד ע ן : און אויב דאָס וואָס איז געשעהען וועט אויפוועקען דאָס געוויסען?

ר אַ ח י ל : דאָס האָט ער אויך געזאָגט... זיינען דאָס ניט זיינע אייגענע ווערטער?... אויפוועקען דאָס געוויסען?! — נאָכדעם ווי די פאַמיליע און די רעליגיאָן האָבען עקזיסטירט אַזוי פיעל טויזענדער יאָהרען — איז דאָס מעגליך אַז מיר קענען ניט אויפוועקען דאָס געוויסען אַנדערש ווי... אָה! איהר, שווייגענדיגע, הויכע עדות, וואָס איהר הערט ניט אַנפרעגענדיג און קוקט אויף אַלעם

גלייכגילטיג — צו וואָס וועזט איהר מיר אין דער הויף? עס איז ניטאָ קיין אויסגאַנג פון דעם גאַנצען אָבגרונד פון ליידען. עס איז איין אונענדליכער קרייז, און איך קום אום אין איהם!

האַלדען: אין דער הויף — דאָס הייסט פאָרוועלטס.

ראַחיל: אָבער דאָ איז ניטאָ קיין בעוועגונג פאָרוועלטס! מיר פאַלען ווידער אריין אין באַרבאַריי! ווידער איז אויסגעלאָשען געוואָרען דער גלויבען אין גליק, אין דער צוקונפט. געהט אַרום און פרעגט אַלעמען! דאָס ערגסטע אין דיעזען ווילדען אויסברוך פון שלעכטס איז ניט די דער׳הרג׳עטע, און ניט די וואָס וויינען נאָך זיי; דאָס ערגסטע פון אַלץ איז וואָס יעדער העלדענמוטה ווערט אַרויסגעטריבען פון דער וועלט. רחמנות איז פערשוואונדען, אַלע שרייען נאָך ראַכע. גערעכטיגקייט, גוטסקייט, פערצייהונג — אַלע אונזערע ליכטיגע מלאכים זיינען אַוועקגעפלויגען פון אונז. אין דער וויטקייט טראָגען זיך שטיקלעך פון צוריסענע קערפּער און פון דער ערד וואַקסט אוים דער חיל. די איבריגע בעהאַלטען זיך. איך קען ניט איבערבינדען די וואונדען פון די קראַנקע ניט דערמאָהנענדיג זיך... איך קען ניט הערען קיין זיפצען ניט אָנהויבענדיג פיהלען שלעכט; און איצט ווייס איך, אז וואָס איך זאָל ניט טאָהן — קיין זאַך וועט ניט העלפען! — קיין זאַך ניט.

האַלדען: ניין. קיין זאַך וועט ניט העלפען! און אָט וואָס איהם האָט געמאַטערט.

ראַחיל: און די לאַסט פון זיין מאַרטירערטהום האָט ער אַרויפגעלייגט אויף אונז? אונז אַלעמען האָט ער געמאַכט פאַר פייגלינגע? וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט דער טויט אין פערגלייך מיט׳ן לעבען, ווען עס איז ניטאָ קיין מוטה צו לעבען? — ווען איך זעה דעם איינציגען מענשען וועלכער האָט זיך גערעטעט; ווען איך זעה ווי מען פיהרט אַ צוקאַליעטשעטען און אַ שווייגעדיגען דעם, וועלכער האָט פערמאָגט אַן אונבעגרענעצטען העלדענמוטה; ווען איך זעה ווי נאָך איהם געהען נאָך און בעטען רחמנות דיזעלבע אַרבייטער, וועלכע האָבען געהאָפּט איהם צו פערניכטען!... און דערווייל איז דאָ פריהלינג, און די זון שיינט

העל... פון יענעם שרעקליכען אבענד איז אי בייטאָג, אי ביינאַכט אזא וועטער, וועלכען איך קען ניט געדיינקען. אַקוראַט ווי די נאַטור וויל אונז זאָגען: שעהמט אייך ! שעהמט אייך ! איהר פערגיסט מיינע בלעטער מיט בלוט און שלאָגט איבער מיינע ליעדער מיט א גסיסה־קרעכץ. איהר פערטויבט די לופט מיט שרעקליכע גע־שרייען — אזוי זאָגט זי אונז. איהר פערמאומרייניגט מיין פריה־לינג. אייערע קראַנקהייטען, אייערע שלעכטע געדאַנקען שפּריי־טען זיך אויס איבער די וועלדער און לאַנקעס. אָרימקייט, ווי א שטעהענדיג וואַסער, גיט אומעדום אַרויס א שלעכטען גערוך — אזוי זאָגט זי אונז. אייערע גלוסטען, אייער מקנא זיין — דאָס זיינען בלוטיגע שוועסטער, וועלכע האָבען זיך געשלאָגען פון גע־בוירען אָן — אָט וואָס די נאַטור זאָגט אונז. ניט דורכגעדרונגען האָבען זיי נור אין מיינע העכסטע בערג, אין מיינע זאַמדיגע און אייזיגע מדבריות. ווייטער איז יעדעס שטיקעלע ערד פערגאָסען מיט בלוט, אָנגעזעטיגט מיט בייזע געשרייען. אין דער מיט פון׳ם אייביגען זונענליכט האָבען די מענשען זיך בעשאַפען א אונטער־דר׳ערד און איהם בעפעלקערט. דער שטעמפּעל פון פלוך ליגט אויף די, וועלכע האָבען געדאַרפט זיין די פאָלקאָמענהייט. ענד־ליך קען איך דאָס אויסשרייען אין דער הויך ! ביז איצט האָב איך נאָר געהערט, געהאָלפען, געשוויגען און אנטלאָפען... איך האָב געוואוסט אז דאָ וועט מיין ווייטאָג אָנהויבען רעדען.

האלדען: ווי גרויס מוז זיין דער שמערץ, אז ער האָט אייך געמאכט אזוי אונגערעכט.

ראחיל: און דאָך מאכט עס לייכטער ! כמעט אזוי ווי טרעהרען. אָבער איהר זענט גערעכט. דער וועהטאָג איז עגאָ־איסטיש: קיין אַנדערע עקזיסטירען ניט, אָדער זיי שטערען. איך מיסברויך אייער גוטסקייט.

האלדען: זאָגט דאָס ניט !

ראחיל: אין אייערע ווייניגע ווערטער איז עפּעס פאַראַן!.. איך האָב פיינד דיעזע הויכע פּראָבלעמען. זיי געהען אַריבער די גרענעצען פון׳ם מענשליכקייט. אָבער די רעטונג ליעגט נאָר אין

די גרעניצען. איך פיהל אַ שרעק פאַר אַלעם וואָס איז ניט־מענש־ליך. און צי דען איז עס ניט שרעקליך? עליאַס האָט געליטען צוזאַמען מיט מיר, ווי עס איז נאָר מעגליך צו ליידען זעהענדיג אַ וואונדער וואָס טרעט אַריבער די מענשליכע גרענעצען, און דאָך האָט ער זיך פאַרפּלאָנטעט אין טהעאָריען!.. איצט שטוים איך מיך אָן ווי דאָס איז פאָרגעקומען! אימיצער האָט מיסברויכט זיין שטרעבונג צו זעלבסטאויפאָפּפערונג. אָבער דאָס ערקלעהרט ניט זיין אויסוואהל! ניין. צו דעם איז צוגעקומען נאָך עפּיס אַנ־דערש. זיי האָבען זיך בענוצט מיט זיין בוקען זיך פאַר אַלץ וואָס איז איבערנאַטירליך גרוים! ער איז געווען ווי אונזער פאָטער. ער האָט פערגעטערט אַלעם וואָס איז גרוים. דאָס וואָס פאַר די פּוסטע מענשען איז נישט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע, איז פאַר איהם געווען אַ רעליגיאָן. ער האָט ניט געזעהען קיין רעטונג אין דעם וואָס מען זאָל געבען די מיליאָנען ארבייטער פריעדען און ליכט. ער האָט געזעהען די רעטונג נאָר אין גרויסקייט פון כאַראַקטער, אין שטאַרקען ווילען, אין גראַנדיעזע טהאַטען. אָט פאַרוואָס ער האָט מיט אַ מאָל אָוועקגעגעבען אינגאַנצען זיין פערמעגען, — און איז געשטאָרבען מיט'ן טויט פון אַ שמשון! ער האָט דאָס געטאָהן שווייגענדיג, אונבעמערקט. אַזוי האַנדלען האָט זיך איהם אויסגעוויזען דאָס סאַמע העכסטע! און זיי האָבען געפּאַקט זיין פילאָסאָפישע אַנשויאונג מיט אַזוינס וואָס איז העכער פון דאָס סאַמע גרעסטע! און זיי האָבען זי אָוועקגעשלעפּט אין דעם געביעט פון דאָס ניט־מענשליכע. דאָ זיינען שוין ניטאָ קיינע גרע־ניצען. אימיצער האָט געטראָפען ווי לייכט עס איז צו פערפיהרען די שטרעבונג צו איבערמענשליכעס און צו מיסברויכען די דאָ־זיגע שטרעבונג. אקוראַט ווי מען וואָלט אַ קינד געגעבען אַ ראַזיר־מעסער און געהייסען עס נעהמען אין מויל.

האַלדען: דאָס האָט ניט געקענט זיין.

ראַחיל: איך בעשולדיג ניט קיינעם. קען דען די שווערס־טער פון עליאַס סאַגנ אימיצען בעשולדיגען? אָבער זאָגט, האַלדען, אויב דאָס גוטע בענוצט זיך מיט דינאַמיט — וואו זשע איז גוטס

און וואו שלעכטס ? דאָס גרעסטע וואָס געפינט זיך אין גוטס איז דאָס, וואָס עס איז אַ שאַפענדע קראַפט. עס גיט אָב אַ טהייל פון זיך אַליין און מאַכט רייך די נאָהענטע. ווען עס ברייננגט אָבער טויט ? אָה, וואָס'אַר אַ אונגליקליכער גורל האָט געשטויסען עליאַס'ן אין די הענט פון דיעזען שרעקליכען מענשען ! איך בין געשטאַנען דאָרט, אונטער דער וואַנט פון דער פעסטונג, ווען דער גרויסער שלאָס איז געפלויגען אין דער לופטען. איך בין געשטאַנען דאָרט נעבען בראַטט'ן. עס האָט אונז אַ וואָרף געטאָהן אויף דער ערד. ווען בראַטט האָט זיך אויפגעהויבען איז ער געווען משוגע. איך וואָלט אויך פון'ם זינען אַראָפּ, ווען איך וואָלט ניט געמוזט זיך זאָרגען ווענען איהם. ווי דיינקט איהר ווען עליאַס וואָלט אונז ביידע געזעהען דאָרט, וואָלט ער פונדעסטוועגען פאָרט אויסגעפיהרט זיין פּלאַן ?... דעם לעצטען אבענד, ווען ער איז אוועקגעגאַנגען פון מיר, האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט אַזאַ געבעט נאָך הילף ! איצט פערשטעה איך איהם ! וואָס קען זיין שרעקליכער פון דער אינעווייניגסטער קראַפט, וועלכע בעוועגט אונז צו דאָס וואָס איז דערווידער אונזער גאַנצער נאַטור ? קען דען זיין גליק אויף דער ערד, אַפריהער איידער אונזער פערשטאַנד וועט אויף אַזוי פיעל זיין אַ געזונדער, אַז קיינער וועט איהם ניט קענען בעאיינפלוסען צו עטוואָס עהנליכעס ? — אָה, ווי איך לייד ! אָה, ווי שרעקליך וואָס איך קען ניט אויסווייזען מיין שמערץ ! ווען ער וואָלט געווען דאָ — ער, וואָס האָט דאָס געטאָהן ; ווען ער וואָלט געהערט ווי איך שריי, אום ניט דערשטיקט צו ווערען פון שמערץ — איז דאָס מעגליך אַז ער וואָלט ניט דערהערט די געוויינען פון טויזענדער אין איין זיפץ ?

אָבער ווען ער וואָלט דאָ געשטאַנען, וואָלט איך איהם ניט געזאָגט קיין איין שלעכט וואָרט. מענשען לעבען אין זייערע אילוזיאָנען. זיי זעהען קיין זאַך ניט. מען האָט אונז אַזוי ערצויגען, איך מאַך קיינעם ניט שולדיג — אָבער דער גאָט וועלכען מיר ווענען מיט דער צייט פערשטעהן אַלץ בעסער (דאָס זאָגט מיר דער ליכטיגער טאָג און זיין אייביגע שעהנקייט) — ער לעבט אין אונ־

זערע לײדען, װעלכע װערען אַרױסגערופען פון דאָס אונאַטירליכע, אונמענשליכע. װאָס מעהר, װאָס אָפטער און שטאַרקער מיר קלאָ־גען זיך, אַלץ טיעפער פיהלען מיר גאָט. — און דו האָסט אױך גע־בראַכט נוצען מיט דײן טױט! ניט אַזאַ װי דו האָסט דיר פאָר־געשטעלט אונטער דעם אײנפלוס פון דיעזען שרעקליכען מענשען, — נײן; אָבער דו האָסט געעפענט דעם אָבגרונד פון לײדען און אָנגעװיזען דעם װעג פון'ם טרױער. קײן זאַך קען ניט זײן אײנ־גאַנצען אונזערם אַזױ לאַנג װי עס איז ניט געריהרט פון טרױער. עס איז ניטאָ קײן אידעאַל, אױב דער טרױער האָט ניט געבלאָזען אױף איהם מיט זײן הױך. עס איז ניטאָ קײן פערשטעהן אַזױ לאַנג װי דער טרױער האָט איהם ניט אַרײנגעקוקט אין די אױגען. אונזער נשמה איז גלײך װי אַ צימער פול מיט געסט — ביז עס דרינגט ניט אַרײן אין איהר שװײגענדיג און מרה שחורה'דיג דער טרױער. נאָר דאַן װערט די נשמה אונזערע; נור דאַן זײנען מיר בײ זיך אין דער הײם. עליאַס! עליאַס! נאָר איצט פערשטעה איך דיך אַזױ װי דו פערדיענסט. איצט װעל איך קײנמאָל ניט אַװעקװאַרפען דיך און די זאַך, אין נאָמען פון װעלכער דו ביזט געשטאָרבען. אונזערע לײדען װעלען איהם רײניגען, אונזערע טרעהרען װעלען איהם בעשײנען און בעלײכטען אין די אױגען פון טױזענדער מענשען. מײנע פערלאַנגען געהען איבער מײנע קרעפטען, איך קען ניט מעהר. איך פיהל פון דאָס נײע אַ שװאַכ־הײט. מען דאַרף האָבען כוחות פאַר אַזאַ שמערץ.

ה אָ ל ד ע ן: אָט טראָגט מען האָלגערן!

ר אָ ח י ל: (געהט שנעל אַנטקעגען, לינקס.) אונגליקליכער! ער קעהרט זיך אום פון זײן מאָרגען־שפּאַציער. (האָלדען טרעט אָב צוריק לינקס, אַזױ אַז האָלגער זאָל איהם ניט זעהן.)

(האָלגער זיצט אין אַ טהײערען, בעקװעמען שטוהל, װעלכען צװײ דיענער טראָגען. נאָך צװײ געהען פון הינטען. זײן קאָפּ איז אַרומ־געבונדען, די רעכטע זײט פון'ם קערפּער איז פּאַראַליזירט).

ר אָ ח י ל: (נעהמט זײן לינקע האַנד). ער װיל דאָ אַביסעל אָברוהען. (די דיענער לאָזען אַראָב דעם שטוהל).

ה אָ ל ג ע ר : (אומזיסט פּרופּענדיק אויפהויבען די רעכטע האַנד). איך פערגעס אַלץ אז איך קען ניט אויפהויבען די רעכטע האַנד. איך האָב געוואָלט מאַכען אַ צייכען די דיענער, זיי זאָלען...

ר אַ ח י ל : (אַנבויגענדיג זיך איבער איהם, זאָגט צו די דיע־נער). געהט אַוועק אַביסעלע אָן דער זייט ! (זיי געהען אַוועק).

ה אָ ל ג ע ר : (זאָגט שטיל). איך דאַרף אייך עפּיס זאָגען.

ר אַ ח י ל : וואָס ? טהייערער האָלגער ?

ה אָ ל ג ע ר : ווען מען האָט מיך אויסגעגראָבען פון דאָרט, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך בין דער איינציגער וואָס איז געבליבען לעבען, האָט איהר זיך אָנגעבאָטען צו געהן אַרום מיר.

ר אַ ח י ל : יאָ.

ה אָ ל ג ע ר : עס הייסט... איך בין נישט פון זיך אַליין אָנגעקומען אַהער, און געוואָרען דער ערשטער פּאַציענט אין דעם הויז און פּאַרק, וועלכע איך האָב אייך אַוועקגעגעבען.

ר אַ ח י ל : (שטעלענדיג זיך לעבען איהם אויף די קניע). דאָס איז אייך ניט אַנגענעהם, טהייערער האָלגער ? יאָ ?

ה אָ ל ג ע ר : ניין... נאָר... איך בין געוועזען צו קראַנק אייך צו זאָגען...

ר אַ ח י ל : וואָס ? (פּאָוזע).

ה אָ ל ג ע ר : מען האָט געפונען אייער ברודער׳ס קערפּער ?

ר אַ ח י ל : יאָ. שרעקליך צוקאַליעטשעט.

ה אָ ל ג ע ר : און, עס זיינען ניטאָ, הייסט עס, קיינע בע־וויזען וועגען דעם ווי אזוי ער איז געשטאָרבען ?

ר אַ ח י ל : (מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט). איז ער דען געשטאָרבען ניט אַזוי ווי די אַנדערע ?

ה אָ ל ג ע ר : ער האָט גערעדט מיט אונז. ער האָט געזאָגט אז ער דאַרף געבען דעם סיגנאַל אונטען, וואו די מינע איז... און דערנאָך איז ער דערשאָסען געוואָרען.

ר אַ ח י ל : (אַבטרעטענדיג). דערשאָסען געוואָרען ?

ה אָ ל ג ע ר : איך האָב איהם ניט דערקענט.

ר אַ ח י ל : (אויפשפרינגענדיג). איהר האָט איהם דער־שאָסען ?

ה אָ ל ג ע ר : איך האָב איהם ניט דערקענט. איך האָב ניט געוואוסט אַז ער איז אייער ברודער. נאָר איך האָב מורא, אַז ווען איך וואָלט אפילו געוואוסט — וואָלט איך איהם דאָך דער־שאָסען.

ר אַ ח י ל : (שעפטשעט). אָך, שרעקליך, שרעקליך !

ה אָ ל ג ע ר : ער איז געשטאָרבען בראַוו. ער האָט גע־זאָגט ווען ער איז פערוואונדעט געוואָרען : „אָט דאָס איז גוט“.

ר אַ ח י ל : אָך, וויפיעל ער האָט אויסגעליטען !

ה אָ ל ג ע ר : ער האָט געהערט ווי איהר האָט איהם גע־רופען, און האָט אייך אָנגערופען מיט'ן נאָמען . . . איהר האָט צוויי מאָל אַ געשריי געטאָהן, אוןביידע מאָל האָט ער אייך אָנגערופען מיט'ן נאָמען.

ר אַ ח י ל : עליאַס ! עליאַס !

ה אָ ל ג ע ר : איהר פערשטויסט מיך ?

ר אַ ח י ל : (זיך וואַרפענדיג צו איהם). ניין, ניין ! (פער־גיסענדיג זיך אין דערזעלבער צייט מיט טרעהרען). אָך, איצט קען איך וויינען ! איצט קען איך וויינען ! איך וועל זאָגען צוזאַמען מיט איהם : אָט דאָס איז גוט ! . . (קלאָגט. דערנאָך הויבט זי זיך אויף). עליאַס ! עליאַס ! דו האָסט פאַרבאָרגען פון מיר דיין שמערץ. נאָר איצט האָסטו געגעבען אַן אויסגאַנג צו מיין שמערץ. (קלאָגט).

ה אָ ל ג ע ר : געהט ! געהט ! טראָגט מיך ווייטער.

(די דיענער קומען שנעל צו. לאַנגזאַם דערווייטערען זיי זיך רעכטס. האַנס בראַאַ און אספעלונד קומען אָן פון לינקס און געהען רעכטס. זאָגען עפּעס איינער דעם אַנדערען פאַרבייגעהענדיג).

ר אַ ח י ל : (זעהט זיי ניט). האָט ער מיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען ! . . . איך וויים ניט . . . נאָר ווען איך האָב דאָס דער־הערט ! . . (וויינט ווידער. זעצט זיך).

(האַלדען קומט אַרויס פון פאָרינט. שטעהט און קוקט אויף איהר,

דאָן לאָזט ער זיך מיט אַ גאָטספאָרטיגקייט אַראָב אויף די קניע און הויבט אויף די הענט אין געבעט. ראַחיל בעמערקט עס ניט גלייך. נאָר ווען זי בעמערקט, קעהרט זיך זיך ניטווילענדיג אָב).

ה אַ ל ד ע ן : איהר זענט געראַכט.

ר אַ ח י ל : (קוים וואָס מע הערט). וואָס ?..

ה אַ ל ד ע ן : און איך קניע פאַר אייך.

ר אַ ח י ל : (שטיל). וואָס הייסט דאָס ?

ה אַ ל ד ע ן : מעהר וויפיעל איהר מיינט. (הויבט זיך אויף און שטעהט אויסגלייכענדיג זיך. ראַחיל קוקט אויף איהם. אין דער־זעלבער צייט הערט מען אין הינטערגרונד פון דער ביהנע בראַטט'ס שטימע. האַלדען מאַכט מיט דער האַנד, געהט אַוועק לינקס).

ב ר אַ ט ט : (אומקעהרענדיג זיך צו אַ פּערזאָן וועלכע ער זעהט אין זיין פאַנטאַזיע). יא ?.. אזוי זאָגט איהר ?.. יא... אזוי ?..

ר אַ ח י ל : (קוקט נאָך האַלדען'ען). וואָס איז דאָס ?.. אָבער איך קען ניט לעזען אין פרעמדע הערצער. דאָס זענט איהר, טהייערער בראַטט ?

ב ר אַ ט ט : (קוקט אוים אונגליקליך, רעדט פערשטיקט, לאַנג־זאַם). יא, „הערר לאַססאַל". ערלויבט פאָרשטעלען : פּריילײן סאַנג — הערר לאַססאַל. (נייגט זיך לינקס און רעכטס).

ר אַ ח י ל : איהר האָט איהם שוין אזוי פיעל מאָל מיר פאָר־געשטעלט.

ב ר אַ ט ט : יא, עס קען זיין. אייגענטליך האָב איך גע־האַט אין זינען ניט אייך, נאָר דעם איננערן הערר האַלגער. ער איז דאָך דאָ ערשט געווען ?

ר אַ ח י ל : דער איננערער האַלגער ?

ב ר אַ ט ט : יא, מיט דער עלעקטרישער איינריכטונג.

ר אַ ח י ל : (אויפשפּרינגענדיג, רעדט האַסטיג). וואָס רעדט איהר ?..

ב ר אַ ט ט : (אָבטרעטענדיג צוויי טריט צוריק). איהר האָט מיך איבערגעשראָקען.

ר א ח י ל : ווער איז דען דאָ געווען ?

ב ר א ט : דער, וואָס... דער, וואָס...

ר א ח י ל : ווער זשע איז דאָס געווען ?

ב ר א ט ט : יאָ?.. יאָ, ווער זשע איז דאָס געווען ? אָפּט טרעפט מיט מיר אַז איך...

ר א ח י ל : (צוגעהענדיג נאָהענט צו איהם נאָר פאָרזיכטיג). ווער זשע איז דאָס געווען ?

ב ר א ט ט : ערלויבט מיר צו פרעגען וועגען דעם דעם הערין לאַסאַל.

ר א ח י ל : יאָ, פרעגט איהם !

ב ר א ט ט : (ליגט פערגייגענדיג זיך רעכטס). ענטשולדיגט, הערר לאַססאַל, נאָר ווער זשע איז דאָס געווען וואָס... דער וואָס האָט אָנגעהויבען פון די רואינען ?

ר א ח י ל : א־א... אזוי ? (זעצט זיך).

ב ר א ט ט : (געהט אונטער נעהענטער). איצט זיינען דאָך רואינען אין דער מאָדע ?

ר א ח י ל : איהר געהט נאָך אַלץ יעדען טאָג צו די חורבות פון׳ם שלאָס ?

ב ר א ט ט : יאָ... איך האָב דאָך עס דאָרט פארלאָרען.

ר א ח י ל : ווי פיהלט איהר זיך היינט ?

ב ר א ט ט : יאָ. איך דאַנק, יאָ... ווען ניט דאָס וואָס איך האָב פערלאָרען און וואָס איך קען אויף קיין פאַל ניט געפינען... (שטעהט אונטערשפּאַרענדיג די לינקע באַק מיט דער לינקער האַנד. קוקט דאָס פאָראויס, דאָס אַראָב). דאָס וואָס איך האָב געזוכט אין פערלויף פון אזוי פיעל יאָהרען. איצט קען איך מיך ניט דערמאָהנען וואָס דאָס איז געווען. איז דאָס ניט שווער ?

ר א ח י ל : (שטעהט אויף, געהט צי צו איהם און צערטעלט איהם). טהייערער בראַטט, דאָ ביי מיר, וועט אייך זיין גוט.

ב ר א ט ט : יאָ, מיר איז גוט. ווען ניט דאָס וואָס איך קען מיך ניט דערמאָהנען.

ר א ח י ל : לאַססאַל וועט אייך העלפען.

ב ר אַ ט ט: הערר לאַססאַל זאָגט, אַז מיר דאַרפען זוכען אונ־טער די חורבות.

ר אַ ח י ל: יאַ. דאָס איז דאָרט פערפאַלען געוואָרען.

ב ר אַ ט ט: דאָס איז דאָרט פערפאַלען געוואָרען.

ר אַ ח י ל: איהר געהט איצט אהין?

ב ר אַ ט ט: יאַ... יאַ, אויב הערר לאַססאַל... ,אַ, יאַ, לעבט וואָהל! (געהט ווי ער וואָלט זיך צוהערען צו אומיצען). איהר מיינט?.. איך פערזיכער אייך, איך זוך כסדר, נאָר איך קען מיך ניט דערמאָהנען. דאָס צו וואָס איך האָב מיך געציעלט... (די לעצטע ווערטער הערען זיך פון הינטער די קוליסען לינקס. עס ערשיינט אַ דיענער, וועלכער געהט נאָך בראַטט'ן).

ר אַ ח י ל: (צום דיענער). ער טאָר ניט אַרויסגעהן פון'ם פאַרק. (דער דיענער געהט אַוועק לינקס).

ר אַ ח י ל: איך האָב ניט קיין קרעפטען זיך צו צוטהיילען אויף צווייען. און אַפילו ווען איך וואָלט געקענט — ווייל איך ניט. קעהרט אייך אום צו מיר, מיינע ביטערע געדאַנקען! שוואַר־צע טויבען, פליהט אייך צונויף פון אַלע זייטען. פערדעקט מיך! עליאַס! איך האָב געדאַרפט זיין פאַר דיר דאָס וואָס די מוטער אונזערע איז געוועזן פאַרן פאָטער. זי האָט געהאט מוטה, זעלבסט־אויפאָפּפערונג! מיר האָט דאָס געפעהלט. דו האָסט דיך גע־קלאָגט פאַר מיר אין דיין לעצטער שטונדע! דו האָסט מיך גע־רופען דאַן, אין די לעצטע קאָנוואולסיען פון'ם לעבען, דו האָסט גערופען צו דאָס וואָס איז געבליבען ניט געענדיגט, וואָס דיר האָט זיך ניט איינגעגעבען און וואָס דו האָסט פערבונדען מיט מיין נאָ־מען! — דיינע אויגען פערפאָלגען מיך; איך זעה זיי, ווי זיי זיינען פערלאָשען געוואָרען מיט דער דאָזיגער קלאַגע אין זייער בליק. דו ביזט געלעגען דאָרט, פאַרלאָזען פון אַלע, אין דער צייט וואָס דאָס לעבען איז אוועקגעגאַנגען — און האָסט אויסגערופען צו מיר אַזוי ווי צו דיין לעצטער רעטונג. און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אויך מיין לעבען פערשווינדעט, אַז אויך איך בין פון אַלע־מען פערלאַזען און איך רוף צו דיר... (זי וואַקעלט, אַזוי ווי עס

שטעלט זיך איהר פאַר אַ פאַנטאַסטיש בילד ; דאַן זעצט זי זיך אַנידער. די מוזיק וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשפּיעלט אַ בעגליימונג צו איהרע קלאַגען, געהט איבער צו העלערע מעלאָדיען וועלכע ווערען פאָרטגעזעצט אין דער פאָלגענדער סצענע).

(קרעדאַ און ספּעראַ קומען שנעל אַריין ; דערזעהענדיג ראַחיל'ן שטעלען זיי זיך אָב, געהען שטיל פאָראויס, אַרומגעהענדיג דעם בוים פון ביידע זייטען, און שטעלען זיך נעבען איהר אויף די קניע, יעדער פון זיין זייט).

ר א ח י ל : איהר זענט דאָ ? (ציהט זיי צו צו זיך). און איך האָב גאָר פערגעסען אָן אייך ! אַ דאַנק וואָס איהר זענט געקומען — אַ דאַנק ! (פערגיסט זיך מיט טרעהרען און לאָזט זיי אַרויס פון די הענט. ביידע וואַרטען). מען האָט אייך ערלויבט ?

ק ר ע ד א א ו ן ס פ ע ר א : יאָ !

ס פ ע ר א : (פאַרזיכטיג). מיר זיינען געקומען געוואָהר ווערען דעם אנקעל.

ק ר ע ד א : (אויך אַזוי). און ווען מיר זיינען געקומען. —

ס פ ע ר א : טאַקע ערשט אַ...

ק ר ע ד א : האָט ער געזאָגט, אַז פון איצט אָן...

ס פ ע ר א א ו ן ק ר ע ד א : דאַרפען מיר בלייבען ביי דיר.

ר א ח י ל : אַ, דאָס איז דער ערשטער דורכבראָך פון'ם טאָג !

ס פ ע ר א : ער האָט געזאָגט, זאָל אַלס זיין...

ב י י ד ע : ווי דו ווילסט.

ר א ח י ל : (צוציהענדיג זיי צו זיך). מיינע פריינדע ! (פּאָוזע).

ס פ ע ר א : (ווידער פאַרזיכטיג). אַך, מיר האָבען די גאַנ־צע צייט נאָר גערעדט וועגען דיר, נאָר וועגען דיר...

ק ר ע ד א : (אויך אַזוי). און וועגען דעם וואָס מיר ווע־לען דיר זאָגען — און מיר וועלען מעגען קומען.

ספּעראַ: מיר האָבען זיך אַזוי געשראָקען אַז דו ביזט ניט אין שטאַנד מיט אימיצען צו ריידען.

קרעדאַ: אַז עס איז דיר צו־שווער.

ראַחיל: יאַ, עס איז געווען שווער. (פערגיסט זיך מיט טרעהרען).

(ביידע נעהמען זי מיטלייידיג ארום און וואַרטען).

ספּעראַ: (שטיל). מיר ווייסען אַז מיר קענען ניט זיין פאַר דיר דאָס וואָס ער איז געווען. אָבער מיר וועלען פּרובען!

קרעדאַ: מיר וועלען פּרובען זיין אַזעלכע ווי דו ווילסט. מיר וועלען צוזאַמען טהיילען אַלס, וואָס עס וועט מיט אונז ניט פּאַסירען.

ספּעראַ: אַזוי האָבען אונז געלערנט דער פאָטער און מוטער.

קרעדאַ: מיר וועלען צוזאַמען ענטדעקען אַזוי פיעל נייעס.

ראַחיל: ניין, ניין. איך האָב שוין ניט קיין צוקונפט.

ביידע: ביי דיר זיינען מיר ביידע!

ספּעראַ: מיר ביידע!

ראַחיל: יאַ, פאַר אייך איז די גאַנצע וועלט!

ספּעראַ: און דו ראַחיל? דו, וועלכע גיט אַזוי פיעל אַנדערע מענשען אַ צוקונפט?

קרעדאַ: אַלע, וועמען דו ליעבסט.

ספּעראַ: אַלע, וואָס זיינען נעבען דיר.

ראַחיל: איך קען זיי אַפילו ניט זעהן. איך האָב גע־פּרובט, נאָר איך בין ניט געווען אין שטאַנד. און אַפילו ווען איך וואָלט געקענט — צו וואָס?

ספּעראַ: צו וואָס געבען מוטה און פריידע?

קרעדאַ: העכער פון דעם איז אויף דער וועלט גאָר ניט דאָ!

ספּעראַ: דו וואָלסט געהערט ווי דער פאָטער פּלעגט רע־דען וועגען דעם.

ק ר ע ד א : וועגען דעם, אַז מען דאַרף בעזיעגען דאָס וואָס ער האָט אָנגערופען „די פערצווייפלונג פון'ם פאָלק".

ס פּ ע ר א : (פּאָרזיכטיג). יא, פון וואָס דיין ברודער איז אומגעקומען.

ר אַ ח י ל : (פאַר זיך). „די פערצווייפלונג פון'ם פאָלק".

ס פּ ע ר א : (פּאָרזיכטיג). וועלכע איז יעצט אזוי אויסגע־וואַקסען. עס איז איצט שרעקליך צו רעדען מיט מענשען.

ר אַ ח י ל : אַ שרעקליך וואָרט. וואָס זשע האָט געזאָגט וועגען דעם אייער פאָטער ?

ק ר ע ד א : ער האָט געהאַלטען די פערצווייפלונג פאַר אונזער גרעסטען אונגליק. מיט דעם דאַרף מען קעמפּפען.

ס פּ ע ר א : צוליעב דעם מוז מען לעבען !

ר אַ ח י ל : ווי זשע האָט ער געדענקט מיט דעם צו קעמפּפען?

ב י י ד ע : דורך ענטדעקונגען.

ס פּ ע ר א : דאָס איז פריהער פאַר אַלץ.

ק ר ע ד א : דאָס האָט ער אין אונז איינגעפלאַנצט פון קינדהייט אָן.

ס פּ ע ר א : קרעדאָ ווייסט אַלעס !

ק ר ע ד אָ : יא, איך ווייס, און איך דיינק וועגען דעם יע־דען טאָג.

ר אַ ח י ל : ווי זשע וועלען די ענטדעקונגען ? . . .

ק ר ע ד א : מאַכען די מענשען צופריעדען ? ווען זיי ווע־לען בילינגער מאַכען דאָס לעבען און דערמיט עס פערלייכטערן.

ס פּ ע ר א : ווען אַ קליין שטיקעלע ערד וועט זיין גענוג צו שפּייזען אַ מענשען.

ר אַ ח י ל : איז דאָס דען מעגליך ?

ק ר ע ד א : און קליידער וועט מען מאַכען פון בלעטער און גראָז, זייד — אָהן דער הילף פון זייד־ווערים, וואָל — אָהן שאָף. ווען הייזער וועלען געבויעט ווערען צוואַנציג מאָל ביליגער און בע־הייצט ווערען אומזיסט . . . גלויבסטו אַז דאָס וועט פערלייכטערן דאָס לעבען ?

ס פ ע ר א: און די אייזענבאהנען, קרעדא?

ק ר עד א: ווען מיר וועלען ענטדעקען, ווי עס איז מעג־ליך צו בויערען בערג אזוי לייכט ווי ערד; ווען מיר וועלען האבען רעלסען פון א ביליגערען מאטעריאל ווי אייזען; ווען מיר וועלען קריעגען אייזען לייכטער ווי איצט; און ווען די בעוועגונגס־קראפט וועט כמעט גאר ניט קאסטען — דאן וועלען די אייזענבאה־נען ווערען ווי די גאסען; אלע וועלען זיך מיט זיי פריי בענוצען. דאן וועלען די ווייטקייטען פערשווינדען.

ס פ ע ר א: און די לופטבאלאנען, קרעדא?

ק ר ע ד א: יא, ווייסט, ראחיל, מיר וועלען אין גיכען מא־כען רייזען אין דער לופט, אזוי ווי איבער'ן ים.

ס פ ע ר א: קרעדא וועט דאס ערפינדען. אט דו וועסט זעהען!

ק ר ע ד א: די רייזען דארפען זיין ביליג. דאס לעבען וועט ווערען אינטערעסאנט.

ס פ ע ר א: מענשען דארפען ניט וויסען ניט פון הונגער, ניט פון קעלט, ניט פון קיין פינסטערניש און צער. זיי טארען ניט טראגען ניט־קיין־שעהנע קליידער, דאן נאר וועט מען קענען געהן פארווערטס.

ק ר ע ד א: דערצעהל וואס דו ווילסט טהון, ספערא!

ס פ ע ר א: ניין, פריהער זאג דו וואס דו ווילסט טהון.

ק ר ע ד א: איך וויל גרינדען פערבאנדען פון דער יוגענד.

ר א ח י ל: וואס איז דאס?

ק ר ע ד א: פערבאנדען פון דער יוגענד איבער'ן גאנצען לאנד! יא, פון דער פרעהליכער יוגענד, נאטירליך. אנהויבענדיג פון די שוהלען — ווארים אין שוהלע דארפען זיי זיך אויסלערנען צו לעבען איינער פאר'ן אנדערען. יעדע שוהלע וועט זיך אנשליסען אן דער אנדערער, און וועט זיך וועגען עפיס זארגען — יעדע פאר זיך און פאר אלע צוזאמען. און זיי דארפען האבען נאך עפיס, וועגען וואס עס וועלען זיך זארגען די שוהלען פון'ם גאנצען לאנד, פערשטעהסט? און דאס דארף זיך פערשפרייטען ווייטער. אויף

די צעכען פון די אַרבייטער און געזעלען, אויף די קאַנטאָרען, די מאַטראָזען און סטודענטען; — אַלע דאַרפען האָבען וועגען וואָס צו זאָרגען — יעדער פאַר זיך און פאַר אַלע צוזאַמען. ניט אמת, ווי? זיי דאַרפען בייטענדיג זיך אַרבייטען און זיין שטאָלץ אויף דעם! און אויסער דעם דאַרף זיין ביי אַלע פערבאַנדען עפּיס וועגען וואָס זיי זאָרגען זיך צוזאַמען.... איצט זאָג דו, ספּערא!

ס פּ ע ר א: (שעהמעווודיג). איך וואָלט מיך געוואָלט אויס־לערנען גוט רעדען. איך וואָלט דאַן געפּרובט זאָגען די פרויען, אַז זיי דאַרפען אויך פאַר עפּיס לעבען, אָנהויבענדיג פון דער שוהל־באַנק. צום ביישפּיעל, איין מיידעלע, אָדער עטליכע צוזאַמען דאַרפען זיך זאָרגען וועגען אַ וואָסער עס איז קליין מיידעלע, ווי וועגען זייער'אייגען קינד, פערשטעהסט?

ר אַ ח י ל: אך, דו ליעבעס קינד, קום, איך וועל דיר אַ קוש טאָהן! (קושט). שוין אין דער איינער האָפנונג זעה איך דעם אָנזאָגער פון אַן אייביגער בעגייאונג.

ק ר ע ד א: וואָס בעדייטען די אַלע וואַנדלונגען פון אונזער שיקזאַל אין פערגלייך מיט די וועלכע די מענשען זיינען שוין אויס־געשטאַנען!

ס פּ ע ר א: און זיי האָבען דאָך זיי בייגעקומען! איצט וועט זיך צום ערשטען מאָל דאָס לעבען אָנהויבען ווי עס דאַרף צו זיין!

ר אַ ח י ל: אָה, ליעב מיידעלע!

ק ר ע ד א: ווייסט וואָס דער פאָטער האָט געזאָגט. בערע־בענט נאָר, האָט ער געזאָגט, ווען אלע וועלכע ווערען איצט געפּאָ־דערט פון דעם מיליטער, וועלען זיין פריי! און וועלען ארבייטען מיט אונז צוזאמען. וואָסערע ענטדעקונגען עס גרייטען זיך! און וואָס פאַר אַ וואוילזיין!

ס פּ ע ר א: און דערנאָך, האָט ער געזאָגט...

ק ר ע ד א: (פערשטעלענדיג זיך פון איהר מיט דער האַנד). און דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז נאָך גאָר ניט אין פערגלייך מיט דעם וואָס עס וועט זיין, ווען די מענשען וועלען זיך אומקעה־

רען צו דער ערד.

ספערא: אָט דאָ איז דער הימעל! אין דער מיט פון אונז אליין, פערשטעהסט? אָט וואו דער הימעל איז!

קרעדא: אין דער צוקונפט, און אלעם וואָס מיר טוהען פאַר איהר. אָט וואו דער הימעל איז!

ראחיל: אלע מענשען ביינקען!

קרעדא: נאָך בעסערס! דאָס בעווייזט אז מיר דאַרפען ערוואַרטען א גרויס גליק! ניט אמת, ווי?

ראחיל: איך זעה איהם, ווען איהר רעדט אזוי!

קרעדא: ווייסטו ווי מיר עהרען דעם פאָטער מיט דער מוטער?

ספערא: מיר דאַרפען פאַרטזעצען זייער זאַך.

ראחיל: און איך — זיין זאַך, ווילט איהר זאָגען?... איך, וועלכע האָב ניט...

קרעדא: וואָס איז מיט דיר, ראחיל! דוקא ווייל דו ביזט געוועזען אין אזא פערצווייפלונג!

ראחיל: דו דיינקסט אזוי?

ספערא: אָך, דערצעהל, ראחיל, וואָס איז געוועזען אין אלטערטהום נאָך דער אייזען פעריאָדע.

קרעדא: ניין. בעסער וועגען דעם אַנטיכריסט!

ספערא: דאָס איז דאָך אלץ איינס.

קרעדא: די מענשען האָבען אימער געוואוסט אז — ווען קליינמוטהיגקייט און פערצווייפלונג זיינען געוועזען שטאַרקער ווי אלעם — איז געקומען א בענייאונג, פון וועלכער זיי האָבען געשעפּט קרעפטען. גראַדע דאַן!

ספערא: אלע שטאַרקע פעלקער האָבען דאָס אויסגעפּרובט אויף זיך.

קרעדא: און האָבען אָנגעשריבען אויף דעם נביאות.

ספערא: (פאַרזיכטיג). און דו וועסט דאָס אויך שנעל אויסגעפינען.

ראחיל: (שטעהט אויף). איך וועל גלייך געהן צו

האָלגער'ן און איהם דאַנקען פאַר דעם גליק! (ספּערא און קרעדאָ שטעהען אויך אויף).

קרעדא: מיר וועלען געהן צו איהם אלע דריי.

ספּערא: (שרעקעדיג, צערטלענדיג זיך צו איהר). מיר וועלען געהן צו איהם אַלע פיער.

ראַחיל: (קושענדיג זי). איך דאַנק!.. אַלע פיער. און ווייסט איהר וואָס מיר וועלען טהון?

קרעדא: ניין, איך ווייס ניט.

ספּערא: וואָס זשע?

ראַחיל: מיר וועלען בעטען, ער זאָל צונעהמען צוריק די אַרבייטער!

ביידע: יאָ! יאָ!

ראַחיל: אימיצער מוז דאָך גיבען אַ ביישפּיעל פון פערציהונג.

ביידע: (שטיל). יא, אימיצער מוז גיבען אַ ביישפּיעל פון פערצייהונג.

(געהען צוזאַמען אַוועק רעכטס. די מוזיק, ווי אַ גרוס פון דער צוקונפט, בעגלייט זיי פון וויטען. זי שטעלט זיך ניט אָב אויף אַ סעקונדע.)

(ענדע.)